Sept. 22, 1911

# וואו די „מוזען-קינדער“ ווינען...

## לשנה טובה!

פון מעפיסטא.

יונגע, שעהנע מיידלאך מיינע,
טרוימען אויפ'ן וואהר,
כ'ווינש אייך אלע אהן אן אויסנאהם
גליק צום נייעם יאהר!

איינער ווינש איך עטוואס שכל
און דער צווייטער — געלד;
זייט זשע מונטער מיינע ליעבסטע
פון דער גאנצער וועלט!

מונטער פרעהליך אהן חתנים
צו דעם יום הדין;
ריין זייט איהר פון זינד אויב מיך בלויז
האט איהר נור אין זין.

וואס קען נאך מיין פעדער זאגען
דא אויף דעם פאפיער, —
אך, איהר יונגע שעהנע מיידלאך,
קומט נור, קומט צו מיר.

לאזט נאר בלאנזשען אין מיין הארצען
אייער מיידעל־בליק,
וועלען אייך דאן מיינע ליפען
ווינשען מעהרער גליק....

## „וויטער“־שפראך.

פון אברהמ'ל.

אין רעסטאראנט שטיל איז א דיכטער,
א קבצן א גרויסער געזעסען
און האט דארט אמאל אין א שמיטה
א פראכטפאלע סעודה געגעסען.

קיין סענט געהאט האט דער דיכטער
צו צאהלען פאר די „גוטע זאכען“
און האט געטראכט דורך די קיך־טהיר
פון זאאל א „ויברח“ צו מאכען.

ער איז פון זיין טשער אויפגעשטאנען
געקוקט אויף די טהיר נור א רגע,
בעמערקט האט עס תיכף א ווייטער
און זאגט־אן בסוד זיין קאלעגע:

„יאלדאן דו' האלט אפען די „קו־
קערס“!
און ווינקעל זעה, פוילע פאטייטא,
„א ראסט־ביף מיט צימעס, מיט אייער“
וויל מאכען פון דאנען די פליטה!....“

## דער גאסען־פויקער.

פון העל־פען.

נאך א יאהר און נאך א יאהר'ל,
מיט מיין פויק און טאצען־פאאר'ל
טאנץ איך אין דער וועלט ארום;
דורך די גאסען, אומעדום:
פלינק, געשווינד,
ווי דער ווינד
אט אזוי ווי דא אצינד
טאנץ איך אום פון הויז צו הויז.
בין איך קראנק און אלט און גראה —
וועמען ארט עס? הא־הא־הא!
פאר א קופער־גראשען בלויז
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען,
און איך דרעה זיך רונד־ארום
דזשין! דזשין! בום־בום!
דזשין! דזשין! בום!

לאכען קינדער לוסטיג, מונטער,
פאל איך ניט ביי זיך ארונטער,
לוסטיג לאך איך מיט און שפרינג
אט אזוי — אין ווילדען רינג.
ווילד און פריי!
סיי ווי סיי,
איז אוועק מיין לעבענס־מאי!
נאך א טאנץ און נאך א דרעה
לוסטיג, לוסטיג דורך דער וועלט,
דורך דער היץ און דורך דער קעלט!
שרייט דאס הארץ און פלאצט פון
וועה —
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען,
און איך דרעה זיך רונד־ארום:
דזשין! דזשין! בום־בום!
דזשין! דזשין! בום!

טאנץ איך, טרעפט: אויף מיינע וועגען
קומט א מיידעל מיר אנטקעגען,
פרעס איך ווילד צונאנד די ציינער
און איך נעהם זיך ווילדער דרעהן.
און איך ברום:
מיידעל קום!
גיב די הענד און נעהם ארום.
לאמיר ביידע, מיידעל מיין,
טאנצען אין דער וועלט אריין.

לוסטיג טאנצט זיך עס צו צוויי!
ס'האט אזא ווי דו — א שלאנג,
מיך פערלאזען ערשט ניט לאנג
שרייט דאס הארץ און פלאצט פון
וועה;
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען
און איך דזשינדזשע אין די טאצען
און איך דרעה זיך רונד־ארום:
דזשין! דזשין! בום־בום!
דזשין! דזשין! בום!

אט־אזוי דורך וועלט און גאסען,
אימער טאנצען, פויקען, שפאסען!
אהן א קינד און אהן א ווייב,
אהן א העמד,
אין דער פרעמד,
אויסגעשטויסען און פערשעהמט:
אט אזוי א יאהר און צוויי
און דאס קורצע לעבען פליהט
מיט מיין פויק און טאצען־ליעד!
שרייט דאס הארץ און פלאצט פון
וועה —
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען.
און איך דרעה זיך רונד־ארום:
דזשין! דזשין! בום־בום!
דזשין! דזשין! בום!

אבגעריסען, אבגעשליסען,
נאך א יאהר זיך דורכגעביסען,
טאנץ ווי לאנג עס טאנצט זיך נאך!
נאך א יאהר און נאך א וואך —
נאך א שעה!
קראנק און גראה? —
וועמען ארט עס? הא־הא־הא!
לוסטיג ווילד פון הויז צו הויז
פון א יאהר'ל צו א יאהר
טאנץ איך מיט מיין טאצען פאאר!
פאר א קופער־גראשען בלויז —
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען,
און איך דרעה זיך רונד־ארום:
דזשין! דזשין! בום־בום!
דזשין! דזשין! בום!

לעזער! ווילט איהר האבען א
שנה טובה?
סובסקרייבט זיך אויף דעם „קיבעצער“!

## מיניאטורען.

פון ס. מאכלין.

1.

פאר א מלאך האלט זי איינע[...]
און דער צווייטער— פאר א ג[...]
און דער דריטער טראכט מיט [...]
„וואס זי איז דאס ווייסט א[...]
קיי[...]

2.

זי קען פראכטפאל דעקלאמירע[...]
זינגען, טאנצען, קאקעטירען;
נור פערלאטען זיך דעם קליידע[...]
קען זי ניט, די בריה־מיידעל![...]

ליעבסטע מיינע, נחת מיין!
כ'מוז היינט ביי מיין כלה זי[...]
איך בעדויער אהן א שיעור —
וואס דו בלייבסט דעם מאל א[...]

א אינגעלע.

קליינינקער אינגעלע
שעהנינקער אינגעלע
קענסט קיינע מיידעלעך
מאכסט קיינע רייטעלעך
שרייבסט קיינע ליעדעלעך
קלייבסט קיינע גראמעלעך
גליקליכער אינגעלע!

א דאנקבארקייט.

די גערעכנים פון ליעבע
ט'ער פאר איהר ענטפלעקט.
(ער האט אין דער יונגער מיי[...]
בלויז די פרוי ערוועקט).

וויפיעל מיה און וויפיעל כחות
האט עס איהם געקאסט!
און אויס דאנקבארקייט—אה [...]
האט זי איהם פערלאזט!...

קונץ און לעבען.

פון א. פאטאגראף.

לעבען און פון איהם געניסען
איז קיין „קונץ“, מען דארף נור
וואס די צייט פערלאנגט.
טרוימט א טרוימער,
פון דער פרייהייט
זאג אז דו אויך
דיענסט מיט טרייהייט
יענעם אידעאל;
מאך רעקלאמעס אין די בלעט[...]
שריי דו ביסט א ליכט
און פארגעס ניט צו גרימירען
גוט דיין אנגעזיכט.
און נאך א פונקט
פון קונץ און לעבען,
'ז נעהמען פיעל און ווענינ געב[...]

* * *

Sept. 29, 1911



'ם אייניקעל.

## סליחות און תפלות.

של עולם, פערנעהם דארט מיין תפלה —
ט זיך א ווייבעל, א שעהנע, א שטילע:
וואס איך האב מיין פישלען בעשווינדעלט;
שטענדיג מיט איהם זיך געקריגט און געווערטעלט
דערע מענער געקושט און געצערטעלט —
ון טאקע פון זיי אויך געקינדעלט...

גל, א טשורנער, עס בעט זיך מחילה,
ל אויסען-בויגען, עס טראגט זיך זיין תפלה
רויף צו דעם הייליגען בורא:
של עולם, דו זאלסט מיך ניט שטראפען,
ן פון א ווייב און פון קינדער אנטלאפען,
נלאזען אויף הפקר מיין סחורה...

ין איך פון ווייטען... איך העסליכער זינדער.
ל זעהן מיין ווייבעל... איך וויל זעהן די קינדער,
וטש ווארפען אויף זיי א פאאר בליקען...
יעקט מיך דער קומען... איך ווייס אז מיין סחורה,
פטיגע שלענגעל — מיין פלונית'טע דבורה,
וועט מיך אין סינג-סינג פערשיקען...

ט דיך א, הארציגער בורא מחילה,
ם דארט אין הימעל מיין ודוי און תפלה,
ד בעט א פאעט פון פאעטען:
ך האב געשריבען ארטיקלען, נאטיצען,
מען, לעגענדען, באלאדען און סקיצען,
גנב'עט פון פרעמדע — סוזשעטען...

ל עולם, פערנעהם דארט מיין תפלה
זיך א זינדער, א גרויסער, מחילה,
ט הייסע, מיט ברענענדע טרעהרען:
ך האב אן אבענד-נאך-אבענד גע'פטר'ט,
אין בלאטעס... כאטש מיעד און פערמאטערט,
לעקטשורס, די נארישע הערען...

דיך בעשעפער און פאטער אין הימעל,
יר וואס איך האב געכאפט אפט א דרימעל
אויך מיט דעם דרימעל — א קאטער...
שען טעמפעל „פון קונץ און פון דראמען",
ען דעם גרעסטען בעל-שכל פער'סמ'ען —
מיין דא דאס אידיש טהעאטער...

עולם, דו הימלישער רעטער,
ויך א לעזער פון אידישע בלעטער:
'אלסט מיינע זינד ניט דערמאהנען;
י חטאים וואס זיינען געוועזען...
דיר א, בורא, איך וועל מעהר ניט לעזען
ינקע פאסקודנע ראמאנען...

ראכיאנען, וואס טויטען דעם לעזער,
נדיג מוז מען פערשטאפען די נעזער...
זיינען א פעסט, א מגפה;
זשע מיין תפלה, דו האר פון די וועלטען,
ט די „בלעטער" אין גאנצען פערשעלטען:
ומען אויף זיי זאל א שרפה!

דיך מחילה, א קבצן, א אידעל...
ן דער שרייבער פון דאזיגען ליעדעל,
ולסט מיר די זינד אויך פערגעבען:
ב איך שרייבען הומאר און סאטירע,
ין הארצען געוועזען איז... ספירה...
יפט האב איך מאכען א לעבען...

## מיינע זינד רחמ"ל

ווען כ'גיב א רעכען מיינע זינד,
דאן וויין איך, וויין איך ווי א קינד,
איך ביים די נעגעל צופ די האר, - -
געזינדיגט שווער האב איך דעם יאהר:
בערויבט מיין מיסעס קייק א שטיק,
ווען זי געוועזען איז אין גאס.
אראבגעשפיגען הויך פון בריק —
פשוט גלאט אזוי, צום שפאס.
איבערקעהרט א לעדיג גלאז
אבגעקלאפט אין האלל דעם נאז
ווען איך געטאפט האב מיר גאנץ שפעט
דעם שטיגען-וועג צום בארדער-בעט,
פערטשעפעט א צוריסען שוך,
פערבויגט א בלעטעל אין א בוך,
צוקלאפט אין טרוים די לינקע האנד
אן דער קאלטער טענעמענט וואנד,
אוי, ווערטה בין איך א גרויסע שטראף,
ניט אויסגעהערט האב איך ביז סוף—
מיין פריינד'ס א ליעד פון בויגענס 12,
א קדיש-ליעד נאך טויטע „וועלף".
„געטיפט" א בארבער נאך א שניט,
אוועקגעשענקט אין קאר מיין „סיט",
א ליידי דריי מאל שטארק ווי איך
אין רעגען ניט געשיינט די שיך
געקושט א מיידעל וואס ניט שעהן
גערעדט אין שלאף צו זיך אליין
און נאך עברות גאר אהן צאהל
גאט עס האלט מיט מיר גאנץ שמאהל!

דער לעבעדיגער.

„די האפנונג".

(צו זינגען מיט'ן מאטיף פון
„יענקי-דוד'ל".)

דר. חיים זשיטלאווסקי'ן א מתנה
פון א. פאטאגראף.

אומזיסט געארבייט
טאג און נאכט
געטונקט די פען געשריעבען:
די „טרייע ליעבע"
ווערט געשפיעלט,
„די האפנונג"
איז פערבליעבען.

רעפריין:
משה זייפערט
טאנצט פאר פרייד
א דיכטער איז ער
זאגט ער:
דער גרעסטער דראמאטורג
איז ער,
פיעל גרעסער
פאר'ן דאקטאר.
דאך, ליעבער חבר!
זיי געטרויסט,
ניט פאל ביי זיך ארונטער:
מען שפיעלט אויך
מיינע דראמען ניט,
דאך בין איך —
פרעהליך מונטער.

העל-פען.

## אויף צופוקעניש.

העי דו, דארטען אויבען?! וואס טראכסטו דיר, וואס?!
מיין ווארט — אז דו ברענגסט מיך אריין אין פערדראס.
„יום כפור קומט" זאגסטו? ביזט ווידער שוין דא?...
כ'זאל וויעדער שוין דאווענען און בעטען... א יא?
און וואס איך וועל בעטען — דאס זאגסטו מיר צו....
יא, פונקט ווי פאר-יאהרען — איך קען דיך שוין — דו!
דו מיינסט, איך געדענק ניט וואס איך האב ביי דיר
געבעטען פאר-יאהרען? פערלאז זיך אויף מיר:
געבעטען א ליעבסטע, א ביסעלע געלד.
א ווילא, ביים ים, אדער ערגעץ אין פעלד
און יונגע אקטריצעס — אז אך און אז וועה —
געבעטען ביי דיר אזוי הענייג — בלויז צוויי...
צו זיי נאך א קליינטשיקען אטאמאביל.
נו זאג דו אליין שוין: איז דאס אזוי פיעל?
דאך וואס איז געווארען? וואס האב איך געהאט?
א מכה.... א קרענק.... און די רעכנונג איז גלאט!
יא, אמת מיין פאטער — געציינט האסטו מיר
אטאמאבילען זעהר פיעל — אהן א שיעור....
געצייגט מיר א צוואנציג אקטריצעלאך אויך
דאך נור פון דער גאלערי בלויז, פון דער הויך....
א ווילא?... נו, נו... זייט פאר דריי-יאהרען נאך
בעוואוין איך די זעלבע, די אייגענע „לאך"
און היינט א געליעבטע — ערפיהלט מיין פערלאנג
געגעבען... גענומען.... עס קומט דיר א דאנק...
בין איך מיט מיין ליעבסטער געווען דיר אין וועג?
ווער האט דיך געטשעפעט? דו הערסט וואס איך פרעג?
זאלסט האבען גענומען ביי מיר א שטיק נאז —
אנ'אויער — אנ'אויג — צו א האנד אדער וואס...
יא, אסור אויב ס'וואלט מיך אזוי פיעל געאארט
ווי דאס וואס דו האסט מיך אין ליעבע גענארט....
די ליעבע ביי מיר איז א הייליגע „זאך"
כ'האב אימער בענוצט אזא טהייערע שפראך
ווען איך האב פון ליעבע — פון ליעבע גערעדט...
דאך וואס איז געווען — איז פערפאלען.... צו שפעט....
איצט זאלסטו אין מיר א משומד דערזעהן
וואס וועט דיר אין עלטער די יאהרען דערגעהן!
יא, דיר צו להכעיס פערליעב איך זיך איצט
אין איינער א זקנה וואס כראפעט און שוויצט,
וואס קען שוין ניט ליעגען, ניט זיצען, ניט געהן,
וואס האט שוין אין מויל ניט קיין סמן פון צייהן.
און טוליען — זי וועל איך, מיט הארץ און מיט לוסט
צו מיר, צו מיין יונגער און ווארימער ברוסט,
און קושען זי וועל איך אין סאמע שפיץ-נאז —
דער וועלט צום געלעכטער און דיר צום פערדראס!
און היינטיגעם יאהר אין יום כפור — איך שווער
אז ניט נור וואס פאסטען וועל איך שוין ניט מעהר
נור גלייך אין דער פריה נעהם איך בראנפען א קנאק!
און נאכדעם א בלינטשע, א צווייטע — און האק!
און נאכדעם די פיש מיט'ן פלייש מיט דער יויך.
יא, אלעס וואס לאזט זיך — אריין אין דעם בויך.
ניט מיך וועסטו „פריצעווען" טאטעלע — ניין!
אין' שוהל אריין זאלען די לעקעשעם געהן!!!

רעפריין:
„משה" גיט דאך —
יעצט דעם טאן,
אין אלע טהעאטערע:
טא כאפ דיין פעקעל
און אנטלויף
פון יענער אטמאספערע.

Oct. 6, 1911



# ליעבע פּאַוויליאָן

## קריך ניט צו איהר

(א שטיק אין 2 בילדער)

פון מרים קאַרפּילאָוו.

נלצער — א וואלד הענדלער,
זיר, א נגיד.
ז וויב — א אידענע.
יער טאָכטער.
— אָ שוואַרצע הו'עוודיגע מיי־

אין רוסלאנד. פון 11 ביז 12
זיין ווייבס צימער.

### ערשטע בילד.

נר (אריינקומענדיג פון גאס):
זיענע, דער טשליען פון אופּרא־
היינט אודאי א שטונדע פער־
וויין קאבינעט, עס וועט זיין א
ועט מאכען איך זאל אפנעהמען
זר'ן שטיקעל וואלד. איך דענק
צואווארפען א פּרעזענט.
(פערשלאָפען): כ'וויים אפשר
יט געאיילט מיט א פּרעזענט —

(גלעטענדיג די בארד): וואס
! איך בין שוין א דאנק ניט דעם
א סוחר. — א קלאפ אין טיהר.
פאניענקע איז שוין דא, הא! וואו
סט? שלאפט שוין אזוי פריה?
איך וועל איהר שוין עפענען די

לעבעדיגע פריילינע מיידעל קומט
עהט דעם טאטען קוקט איהם אז

: אזוי שפעט! וואס, מיט גומ־
סקודענטלאך? א לאקיי פאר דיר
הא? א טאטע פאר'ן טיהר!
(שטיל): ניחיי וואלט די דיענסט

ר: דיענסטען? א? שלאפען,
ן!
שטיל, פערביינעהענדיג בורטשעט):
נשרייען! (לייגט זיך שלאפען).

### צווייטע בילד

(אין א שטונדע ארום)

צער'ס קאבינעט הערט זיך א קלאפ,
א געשריי, א שפרונג, א ריב פון
ע. ער לויפט אריין צו חיענען מיט
ין האנד, וועקט זי: חיענע, קוק נאר
עטאז, קוק!

ע (רעדט פון שלאף): אז דו ווילסט
ט זאל זיין א פּרעזענט. כ'ווייט, זאל

ער: וואס פלוידערסטו, משוגענע!
וואס איז ביי מיר אין קאפ!
ע (רעדט פון שלאף): מען דארף
ן דעם נוט בעטראכטען — איך זעה
— —

ער: וואס זעהסטו, אז דו האלסט
ז די אויגען? זעה נאר, וואס די
טווא האט מיר אנגעמאכט!
ע (רייבענדיג די אויגען): וועלכע
ס־ט־ווא?
נער: די שווארצע, די נייע אנשיקע־

**חיענע:** וואס איז, ווי אזוי קומט זי צו דיר?

**זעלצער:** זאל איך אזוי וויסען פון איהר. איך בין אריין אין דער פינסטער צו זיך, גע־לייגט זיך אין בעט, ווער זאל זיך דאס ריכ־טען אז זי וועט דארט זיין, אז זי וועט זיך צו מיר אריינ'גנב'ענען? דו לאזט דאך אז אלע זאראזעס. איךווארף זי שוין ארוים פון הויז! הערסטו?

**חיענע** (מיט כעס): און טאקע מיט זיך אין אייענם! (רחל, פער'גנב'עט, קוקט פון איהר צימער) א איד, א בעל הבית, א סוחר, גיט אנדערע עצות און אליין האט דאס ניט קיין חרפה און קיין בושה. טפוי, טפוי זאלסטו ווערען!

**זעלצער:** וואס'ער חרפה, וואס'ער בושה, אז זי קריכט אליין אין בעט אריין! — —

**חיענע:** זי קריכט! (זי כאפט זיך אראפ פון בעט, כאפט פון טיש א לייכטער) איך וועל איהר ווייזען ווי צו קריכען! די... די... (לאזט זיך לויפען. די דיענסט לויפט אריין א דערשראקענע, א צופודעלטע. חיענע ווארפט זיך צו איהר מיט כעס.) דו... דו!!

**זעלצער** (ווארפט זיך אין מיטען): וואס ווילסטו פון איהר, וואס!

**חיענע:** דו פרעגסט נאך, מנובל איינער! (די דיענסט ענטלויפט פאר שרעק.) ווארט וועסט שוין ניט אנטלויפען פון מיר!

**די דיענסט** (פון אונטערען טיהר) וואס האב איך געטאן!?

**חיענע:** וואס? פרעג דעם בעל הבית דיינעם, ער וועט דיר זאגען. (צו זעלצערן) פוי, פאסקודניאק, מנובל. הע... שטיל אריינגע־גנב'ט זיך... ניט געזעהן... אין בעט. אין דער פינסטער!... מ'וויים שוין פאר וועמען דו דארפסט פרעזענטען, הא — — — (זי ווארפט אין איהם דעם לייכטער).

**זעלצער:** ביזט משוגע געווארען צו וואס? משוגענע!

**חיענע:** משוגע? אז דו מיט דער דיענסט מיידעל... אז זי קריכט!

**זעלצער:** ניט זי — די קאץ!

**חיענע:** די קא־א־ץ־ץ? ! זאלסטו אזוי — — —

**זעלצער:** אויף נאמנות די! נא, דו גלויבסט ניט, קוק! (ווייזט איהר די קאפ) זעהסט ווי זי האט מיר צודראפעט?

**חיענע:** די קאץ גאר?

**זעלצער:** די קאץ, די קאץ. וואס טהוט מען מיט איהר! (אויסער זיך) וואס זאל איך מיט איהר טאן!

**חיענע** (קאלטבלוטיג): קריך ניט צו איהר. (זי לייגט זיך צוריק אין בעט, מיט'ן פנים צום וואנט.)

(זעלצער בלייבט שטעהן מיט דער ליכט אין האנד, וועלכע איז כעמט גאר צושמאלצען אי־בער אלע זיינע פינגער, קוקט אונבעהאלפען, דערשלאגען, געווענדעט צו דער קיך־טיהר. פון רחל'ס צימער הערט זיך איין שלעכט איינגע־האלטענער הארציגער געלעכטער.)

בראנקס, נ. י.

## ליעבע און גאָלד

פון העל־פען.



א צימער'ל קליין, אויף די וואנד א פּאָאר עלטערע בילדער,
א זאָפקע אנ'אלטע. א זייגער'ס איינט־הענינער גאנג.
אנ'אָרעמעס מיידעל, א אינגעל — זיי זיצען און שווייגען —
דער זייגער האט צוועלף שוין געשלאָגען, זייט לאנג שוין, זייט לאנג....

דער זייגער האָט אייִנס שוין געשלאָגען, האט צוויי שוין געשלאָגען,
שוין קוקט דורכ'ן פענסטער בעגינענדעס טאָג־ליכט אריין.
דאָס אָרעמע מיידעל, דאָס אינגעל — זיי וואכען נאָך אימער —
צו קען דען א מיידעל, א אינגעל ניט שלעפעריג זיין?...

אָ מיידעל, א אינגעל. און באלד וועט דער מארגען א וואונק טהון....
און גליקליך וועט יעדעס אוועקגעהן פערדיענען אויף ברויט...
אָ, זאָגט עס מיר קינדער: וואס מאכט זיי— די צוויי אזוי גליקליך: —
די שלאָפלאָזע נעכט פון דער ליעבע?.... די טעגליכע נויט?....

א זאאל. אויף די וואנד א פּאָאר בילדער מיט גאָלדענע ראהמען
דער טיש איז געדעקט און דאָס זילבערנע עס־צייג איז בלאנק.
א מאַן און א פרוי זיצען איינס קעגען צווייטען און שווייגען —
די זונן קוקט אריין דורך די פענסטער זייט לאנג שוין, זייט לאנג...

ס'איז „פרישטאָג־צייט" איצט... אויף בעפעהל ווארטען שווייגענדע דיענער...
געזאנגען פון פויגעלאך קליגנען פון דרויסען אריין.
דער מאַן און די פרוי זיצען טרויריג אזוי ווי פערשלאָפען
צו קען דען א מאַן און א פרוי אימער שלעפעריג זיין?...

און באלד וועלעןביידע זיך אויפהייבען שווייגענדיג... טרויריג...
אין גאָרטען אריין וועט זיי פיהרען דער אייגענער וועג....
אָ, זאָגט עס, מיר קינדער: וואס מאכט זיי — די צוויי אזוי עלענד —
די גוט־דורכגעשלאָפענע נעכט?... ::ו די זאָרגלאָזע טעג?



Oct. 6, 1911 (סוכות)



העל־פען.

## ראָמאַנסען

רב אייזיקעל נגיד'ס סטודענט איז געקומען
פון דייטשלאנד אויף סוכות צו פאהרען;
פאר־יאָהרען נאָך איז ער געזעסען ביים ספר,
אין אלטען בית־מדרש... פאר־יאָהרען

וואו זיינען די פאות?... וואו איז די קאַפּאָטקע?...
וואו איז אויפ'ן האלז די פאַטשיילקע?...
אַ שניפס און לאַקערקים... א בלימעל אין קנאָפּ־לאָך
א בחור'ל שעהן ווי אַ ליאַלקע...

די מיידעלאך אלע — די רייכסטע, די שעהנסטע,
פערליערען אין גאַנצען די קעפּלאך...
מען טאַנצט פאר די שפּיגלען... די בעקעלאך קנייפּט מען...
מיט סטענגעס בעציערט מען די צעפּלאך....

אוי וויל מען רב' אייזיקס סטודענטעל געפעלען...
דאָך איהם איז געפעלען נאָר איינע
אַ מאָל נאָך אין חדר... זיין רבין'ס מיזינקע...
א טאָכטער א פרומע... א קליינע...

שעהן־רויזעלע הייסט זי. האָט גאלדענע לאָקען
האָט בלויע פער'חלום'טע אויגען...
שעהן־רויזעלע זאָל נאָך צוויי פליגעלאך האָבען
דאַן וואָלט זי אין הימעל געפלויגען...

.2

שעהן־רויזעלעס טאַטע — רב' אייזיק דער נגיד —
צוויי אלטע געשוואוירענע שכנים
זיי האָבען זיךביידע אַ מנהג זייט יאָהרען
צו שטעלען די סוכה אין איינעם....

נו שטעהען די אלטיטשקע צוויי ביי דער ארבייט —
עס שטעהט שוין גאָט־דאַנקען אַ ווענטעל.
אין פענסטער שטעהט רויזעלע אונטער דעם פארהאנג —
אין דרויסען — רב, אייזיקס סטודענטעל...

ער ווארפט צו דעם פענסטער אַ בליק אַ פערליעבטען
שעהן־רויזעלע האָט איהם געפאַנגען...
נו שטעהט זי און טראַכט: אוי ווי שעהן וועט עס ווערען
דאָס עסען אין סוכה דערלאַנגען...

שעהן־רויזעלע טראַכט... און שעהן־רויזעלע שרעקט זיך —
עס פלאָנטערט זיך איהר אין זכרון:
אַ פּרינץ... אַ פּאַסטושקע... איהם האָט מען פערשלאָסען...
און זי האָט איהר לעבען פערלאָרען...

.3

די ערשטע נאַכט יום־טוב. אין סוכה'לע זיצען
צוויי אַלטיטשקע זקנים אינאיינעם:
רב' אייזיקעל נגיד — שעהן־רויזעלעס טאַטע
צוויי אַלטע געשוואוירענע שכנים.

עס גלאַנצען אין סכך פיעלע גאָלדענע שטערען —
די בענש־ליכט אין סוכה'לע גלאַנצען.
עס זינגען די זקנים... עס זינגען די שטראהלען
אויף זיי'רע געזיכטער און טאַנצען...

עס לייכטען די אויגען... קיין פאַלד אויף די שטערנס —
די זאָרג איז פערשוואונדען געוואָרען.
אזוי לעבט אַנ'אומה מיט גאָט און יום־טובים,
אין גלות — א גלות מיט יאָהרען...

.4

די ערשטע נאַכט יום־טוב — אין סוכה איז פינסטער
עס שלאָפען שוין אלע אין שטעטיל.
נאָר רויזעלעס אלקערל'ס פענסטער איז אפען
און ליידיג איז רויזעלעס בעטיל...

דער הימעל האָט ליכטיגע גאָלדענע שטערען —
אין סכך זיינען לעכלאך פערהאַנען...

עס בעטען די שטערען: שעהן־רויזעלע זאָג אונז,
ווי לאַנג נאָך געזעסען?... ביז וואַנען?...

שעהן־רויזעלע הערט ניט. זי האָט זיך פערגעסען...
זי זיצט ביים סטודענט אויף די קניען...
מיט נאַקעטען האַרץ און צולאָזענע לאָקען —
מיט בעקלאך און אויגען וואס גליהען — — — —

חוזק'ס אייניקעל.

## אַן אתרוג־לעגענדע

ר' מענדעל דער דיין, פערשמייעט ער לויפט,
ער האָט פאר דעם שטעדטיל אַן אתרוג געקויפט,
אין זילבערנעם שאַכטיל ער היט איהם;
און סאָסעל, דעם דיין'ס צופּויקט באלד אין שטאָדט:
דער אתרוג איז פריש און איז כשר און — האָט
אַ גאַנצען, א כשר'ן פּיטום...

אין שטעדטיל אין קליינעם, האָט באלד זיך פערשפּרייט
די שמחה פון דיין — פון סאָסלען די פרייד —
עס. ריידען און פּלאַפּלען די מענשען;
זיי ריידען און פּלאַפּלען, עס רודערט די שטאָדט:
ר' מענדעל דער דיין אַן אתרוג'על האָט
וואָס גאָט אליין מעג מיט איהם בענשען!

מען רעדט פון דעם אתרוג ביי־טאג און ביי־נאַכט.
און קיינער אין שטעדטיל קיין אויג ניט פערמאַכט,
עס נעהמט צו דעם פּלאַפּלען קיין ענדע;
עס ריידען חתנים און אידען מיט בערד,
און כלה'ס און מאַמעס — און אָט אזוי ווערט
בעשאַפען אַן אתרוג־לעגענדע...

אַן אתרוג־לעגענדע... פערהילט אין אַ סוד...
ווייל דאָס איז דער א י י נ צ י ג ע ר אתרוג אין שטאָדט,
דערפאַר איז ער טייער און הייליג;
און יעטווידער איינער, ער פלאַקערט און זיעדט,
עס האָט צו דעם אתרוג א יעטווידער איד
געגעבען צושטייער ז י י ן חלק...

אָט קומט זיך דער רב פון דעם שטעדטיל צוגעהן
און זאגט אַז דער פּיטום פון אתרוג אליין,
ער איז א מציאה אַ רענדעל;
הקצור, ס'איז קיינער אויף לשון ניט פויל,
א וואו נור א צינגעל עס גלעקעלט אין מויל:
דער אתרוג און סאסעל און מענדעל!...

אָט געהט זיך דער דיין שוין סוכות אין שוהל,
מיט שמחה, מיט חדוה, זיין האַרץ איז איצט פול,
די אויגען אין פייערליך גלאַנצען;
ער געהט מיט א לולב, א גרינעם אין האנד
און טראָגט מיט — דעם אתרוג פון הייליגען לאַנד —
עס ווילט זיך איהם פשוט היינט טאַנצען...

און ווער נור דעם זקן, דעם דיין איצט זעהט,
דעם דאַכט זיך, ניט מענדעל, דער דיין, דאָ געהט,
נור איינער פון אונזערע אָבות;
ער קוועלט פון דעם אתרוג... און רוהיג שפּאַציערט,
דער לולב, ער איז מיט הדסים בעציערט,
הדסים און גרינע ערבות.

נאָכמיטאָג אוועק איז די שמחה, די פרייד,
אין שטעדטיל, עס האָט זיך אַ טרויער פערשפּרייט
און יעדען דאָס האַרץ זיינס צוריסען;
א בשורה, אַ שוואַרצע, דערצעהלט מען אין שטאָדט:
„אַז עפּעס אַ אידישער פריידענקער האָט
פון אתרוג דעם פּיטום צוביסען..."

## עפּיגראַמע

פון אברהמיל.

.1

ווען ס'וועט זיך אמאָל דיי
צו דיר מיט'ן רוקען אומקע
געווים וועסטו טראַכטען:
זי ליידט דיך אודאי ניט
דאַן האָסטו אַ טעות, מיי
די מויד איז אַ „כיטרע קז
דאָס מיינט זי דיך עטוואָס
און ווייזען איהר פּרעכטיו

.2

ערנסט זאָגט צו מיר אַ דיו
דענק נאָר, וואס איך וואָלט
ווען איך אַלע מיינע ליעדע
זאָל נאָר אָבדרוקען אַצינד!
— יאָ, געווים! — האָב א
לאַכענדיג, איהם מיט א וו
— ווען דו דרוקסט אָב די
וואָלסטו שור פערדיענען

.3

— ווייסטו מייק, די שעהנ
וואָס דיר תמיד שטאַרק
האָט ניט לאַנג דאָ מיט אַ
פרייליך חופּה שוין געשטע
— זאָג מיר, ווער איז דע
פרעגט זיך מייקעל תמ'עוו
— דער בר־מזל, ענטפערנ
איז צו אלער ערשט... איהו

## די רעאַליסטישע דו

(צום אטענטאט אויף מיניס
אין קיעוו.)

איהר זוכט רעאַליסטישע דר
וואו וועט איהר אזעלכע גע
און וואס קאן אַ „ליפּצין־טע
פון צוואַנציג קאַמינסקי'ס ג

און וואס איז מיר באַן און
בעטראַכטען אין אמת'ן לאַמי
און וואָס איז מיר זאַלאַטאַר
און וואָס וועט מיר שאַפען

די העלדען פון אייערע ביה
זיי שיסען זיך כלומר'שט
נור זאָגט מיר, וואו קענט א
איין „אמת'ען טויט" אין א

אין קיעוו געוועזן אַזאַ דראַמ
אין הויז פון דער אפּער דער
און רשע סטאָליפּין איז דאַ
געפאַלען אַ טויטער נור איי

געשפּיעלט האָט אַן עקטאָר
באַגראָוו איז זיין העלדישע
ער האָט זיך גערעכנט פאַר
פיעל אידישע לייד און פּאַגר

איהר זוכט רעאַליסטישע ד
אויב דאָס זיינען אייערע צ
פאָהרט שנעל צו באַגראָוו'ן
ער וועט אייך שוין לערנען:

—0::::0—

## דער גליקליכע

יוסף ראַלניק זאגט, אז זיי
לאַנד" איז ערשיענען האָט איהם
געבאָטען דרוקען מיט „פּייקע"
שטאַבען מיינט ער)

חוזק'ס אייניקעל.

## לכבוד התורה

ביי דער חברה אנשי „לאשיק“
פלאקערט היינט א מורא ;
חברה טרינקען.... און בעשיינען
אונזער אלטע תורה...

זייער פרעזידענט און גבאי,
ביידע שטארקע יונגען,
וואס פערמאגען אייזען-לאפעס,
קרעפטיג שטארקע לונגען —

אש-להבה זיינען איצטער
איינער אויף דעם צווייטען ;
און עס נעהמען די „בעאמטע“
זיך מיט בוכצעס בייטען...

און עס פליהען הארטע פויסטען,
הארטער נאך פון שטיינער ;
ביי דעם פרעזידענט און גבאי
טרעסטשען אזש די ביינער !...

און דער פערעזידענט און גבאי
האבען בלויע-אויגען...
אונטער יעדען א.יג בעזונדער —
גלאנצט א רעגען-בויגען....

ברוינע-בלויע, רויטע צייכענס,
פלאמעס אזש א מורא !
קלעפ און בוכצעס — אלץ לכבוד
אונזער אלטער תורה...

פון די אויגען שיעסען פלאמען,
יעדעס אויג — א קראטער ; —
שווערען וואלט איהר אז מען
שפיעלט דא
אידישעס טהעאטער !...

ווילד און ווילדער, היים און הייסער,
פלאקערט די מלחמה ;
און דער פרעזידענט און גבאי
לעכצען נאך נקמה !

און א נייער „סעט“ מיט בוכצעס
לאזען נאך סמנים...
און צום „סעט“ געהט צו א פרעמיום :
א צוקוואטשעט פנים....

מילד און מילדער, שטיל און שטילער
ווערען איצט די קולות ;
און א יעדער אבצוסאפען
קוים איז ביכולת...

און אט שטעהט זיך שוין דער גבאי
דארטען פון דער ווייטען,
א צוקלאפטער ווי אן עפעל...
האלט זיך פאר די זייטען...

יע ער האלט זיך פאר די זייטען,
ניט פון גרוים געלעכטער...
און דער פרעזידענט, ער טענה'ט :
„איך בין דער גערעכטער !“

העל-פען.

## אין ארון-קודש

(סוזשעט פון מיין פריינד קארטוניסט „מאאוד“).

שוין לאזט זיך אריין דורך די פארביגע פענסטער דער מארגען
אין אלטען בית-המדרש נעהמט ליכטיגער ווערען פאמעלאך.
צוויי קינדער פערנעהמען די טרעפלאך וואס פיהרען צום ארון
און ביידע צוזאמען, ווי לוסטיג זיי זינגען און פרעהלאך....

דעם שמש'ס קליין טעכטער'ל רויזע — ר' חיים'ס בן-יחיד.
צוויי קינדער אין יאהרען צוזאמען — א פערטעל יאהר הונדערט....
ווי קומען זיי איצטער אריין אזוי פריה אין בית-המדרש
דער מארגען קוקט שטיל אויף די קינדער די יונגע.... איהם וואונדערט....

ער קען ניט פערשטעהן, ווי עס קענען זיך קינדער ניט שרעקען
ווי לוסטיג זיי שפיעלען זיך ביידע ?... מיט וואס מען פערנעהמט זיך ?....
דאס מיידעלע שמייכעלט און קרייזעלט דעם אינגעל די פייקעס
דאס אינגעל קנייפט צערטליך דעם מיידעלעס בעקלאך און שעהמט זיך...

אט-אט וועלען הארציג זיך זייערע ליפלאך בעריהרען...
עס ליגט שוין דעם מיידעלעס האנד אויף דעם אינגעלעס קעפעל....
דאס אינגעלע לאזט זיינע אויגען פאמעלאך ארונטער
און שפיעלט זיך פערשעהמט מיט דעם עק פון דער מיידעלעס צעפעל...

א רגע — און ס'הערען זיך טריט וועלכע קומען צום טויער
עס זיצען די קינדער א רגע אזוי ווי פערלארען
דאן לויפט זיך דאס אינגעלע אונטער א שטענדער בעהאלטען
דאס מיידעל בעהאלט זיך ארונטער דעם פארהאנג פון ארון...

עס עפענט דעם טויער דער מיידעלעס טאטע, דער שמש
און באלד קומט דער עולם — ווייל יום-טוב איז היינט, שמחת-תורה,
דאס אינגעלע שלייכט זיך ארויס... נאר דאס מיידעלע נעבאך
עס קען ניט אפיר-געהן פון אונטער דעם פארהאנג.... ס'האט מורא....

דער רב איז שוין דא און עס שטעלט זיך דער עולם צו שחרית
א פחד פאלד אן אויף דעם מיידעלע נעבאך... יאנ'אימה...
זי עפענט דעם ארון... זי קריכט דארט אריין און בעהאלט זיך....
וואס ווייסט א קינד פון עברות.... א קינד... א בהמה...

עס ענדיגט זיך שחרית און שוין שטעהט דער חזן ביים ארון...
שוין האט ער דעם זיידענעם פארהאנג פאנאנדער געצויגען
ער עפענט דעם ארון — וואס שטעהט ער אזוי ווי פערשטיינערט
וואס איז איהם דעם חזן ?... וואס קוקט ער אזוי מיט די אויגען ?....

וואס ווארפט זיך דער עולם צום ארון ?... וואס זעהט מען דען דארטען ?..
און וואס איז דאס איצטער געוועזן פאר א קלאפ נעבען ארון ?....
אוי, ווער איז דער איד וואס איז דארטען אניעדער געפאלען ?...
און וואס איז דער גרייז-גראהער רב אזא טויטער געווארען ?

דעם סוף פון דער מעשה ? — עס האט מיר מיין חבר א מאהלער
די דאזיגע מעשה דערצעהלט. אט-אזוי... אהן אנ'ענדע....
איהר ווילט — איז עס טאקע ניט מעהר ווי אנ'ענדלאזע בייקע....
און ווילט איהר — דאן איז עס א וואונדערליך שעהנע לעגענדע....

פון דער חברה אנשי „לאשיק“
פעהלט ניט אוים דא קיינער,
און זיי גיעסען אין די גארגלען
ווי אויף הייסע שטיינער !.....

און אט קומט אריין דער חזן,
מוהל און בעל-קורא ;
און מען נעהמט אוועק אין קלייזעל
טאנצען מיט דער תורה...

אלימפום.

## פאהנען !

(שמחת-תורה פאנ

פאהנען, פאהנען, נייע פא
קינדער, מענער, ווייבער !
וואונדער, וואונדער איבער
צו דער ארבייט, קלייבער !

אט, למשל, כאפט א פאהנע
קוקט נאר אויף די בילדער,
זעהט : אט דרעהט א אידעל
א חסיד'ל א ווילדער.

אין זיין האנד א באטעל מ
און א ספר תורה : —
קוקט זיך איין נאר אויף די
קענט איהר, איהר, די סחורה

הא, יאנאווסקי ? יע, דער ס
פון דער „פרייער שטימע“...
קוקט נאר, קוקט נאר ווי ער

דרעהט זיך ארום בימה....

אט, א צווייטע, קוקט זיך א
זעהט איהר דעם גלוח ?
ווי ער רייט זיך אויף זיין פ
טראגט זיך ווי א רוח ?

הא, איהר ווייסט ניט ? ס'אי

פיהרט ביים נאז א קהל :
ס'איז ר' וועלוועלע מרגליות,
פון „...ראל“.

אין ... ע, זעהט, איך בע
מערקט דעם קאראהאדעל,
קוקט זיך נאר איין אויף די כ
האנד און האנד א גדול :

לואי מילער קושט רב יפה'ע
רייזען קושט העררר בריינין,
מיסטער פעפער קושט העררר ז
זעהט נאר ווי זיי שיינען.

בובליק האלזט מיסם עמא ג
קאהאן — באראנדעס'ען,
מ. זאמעטקין האלזט קאמאי
פאליטיקס פערגעסען.

הא, ס'געפעלט אייך ? נעהמ

קוקט זיי דורך כסדר :
ס'שטעהט א רעדנער, שיט מי
קענט איהר איהם, דעם ריידע

וואס איהר ווייסט ניט פרעגט
כ
פרעגט נאר די „יאנג לוידיעס
אלע, אלע וועלען וויסען,
וועלען שרייען „פריידעס“....

ווייטער, ווייטער, קלייבט און

יעדערע בעזונדער --
פאהנען, פאהנען, נייע פאהנ
וואונדער איבער וואונדער !

Nov. 3, 1911



# וואו די מוזען קינדער ווינען.

זק'ס אייניקעל.

## א לארבער-קראנץ.

(א מתנה חיים נחמן ביאליק)

נה'ט בייז צו מיר מיין מוזע: —
'וועט ניט גילטען מעהר קיין בלאפס!
לסטו קויפען מיר א בלוזע,
ע „רעטס" און נייע „פאפס?"
איך ענטפער: שעהע מוזע,
ייבען זאל דאס אפגעמאכט!
ועל דיר קויפען „פאפס" און בלוזע,
פערלאז מיך ניט ביינאכט,
איך טהו אין טרוימען וואנדלען,
איך זיץ ביים טיש און שרייב —
על דיר מוזע, דאן בעהאנדלען
אן אייגען, אייגען ווייב...

## אבגענארט.

ניט אלץ האב איך ארויסגעזאגט
אין ליעד, אויף רעם פאפיער;
אוי, ליעדער פיעל נאך יאמערען
אין הארצען טיעף ביי מיר.

און ליעדער זייער טרויעריגע,
פון דחקות און פון נויט;
זיי זענען שווארצע, פינסטערע,
און קאלטע ווי דער טויט.

א מאל, א מאל, האב איך פון זיי
א סך, א סך געהאט;
האב איך זיי לאנג פערצוקערט שוין
פאר... פאר א וויצען-בלאט...

## א נייער טויט.

געהן אצונד א לעקטשור הערען
קאסט גאנץ ווינציג געלד;
נור דערפאר קען איך דער רעדנער
טרייבען פון דער וועלט!

אוים די צייט! ווען מענשען פלעגען
שטארבען אויף א בעט —
איצטער שטארבט מען אין די האללען
ווען דער רעדנער רעדט!...

## צו א דיכטער.

לעז איך איבער דיינם א שיר —
ווער איך ווילד און בייז;
שרייב ניט מעהר, מיין גוטער פריינד,
מאך מיך ניט נערוועיז!

ביזט דער גרעסטער קאליקע
דא, אין פרייען לאנד, —

— — — — — — — — — — —

איידער שרייבען אזא שיר,
דארען זאל די האנד!...

## וואס איך האב און וואס מיר פעהלט.

פון מייסעלע.

מיר פעהלט ניט קיין האפנונג,
מיר פעהלט ניט קיין גלויבען,
מיר פעהלט נאר תחתונים א פאר:
מיר פעהלט ניט קיין יחוס,
מיר פעהלט ניט קיין כבוד,
מיר פעהלט נאר א מיטאג און גאר.

מיר פעהלט ניט קיין נאמען,
מיר פעהלט ניט קיין קרובים,
מיר פעהלט נאר א דירה אהן רענט;
מיר פעהלט ניט קיין מוזע,
מיר פעהלט ני קיין דיכטונג,
מיר פעהלט נאר מזומן א סענט.

# דער בייגעל

אוים דעם דייטשען פון העל-פען.



פאר דעם בייגעל וואס מען האט איהם ערשט געשענקט
זיצט דער ארמער פילאזאפעל און ער דענקט
אז ער איז שוין באלד צו „איינמאהל הונדערט" אלט —
אז דאס הארץ, די פיס, דער קערפער זיינען קאלט —
אז ער האט אין מויל קיין איינציג גוטען צאהן —
דער פערשטאנד נור אין זיין מוח האלט נאך אן.

ברוין געבאקען איז דער בייגעל. ווייך און זיס.
און דער פילאזאף פיהלט הונגער אויך, געוויס
ווער'זשע אבער האט א הארץ דען פון א גוי,
צו פערשפייזען זיך א בייגעל גלאט אזוי?...
אט אזוי די הענד פערלעגט און שווער געקרענקט
זיצט דער ארמער פילאזאפ'על און ער דענקט —
און ער טראכט „אמאל אין פריהלינג.... יא, אמאל
איז א בוימעל זיך געוואקסען וואו אין טהאל,
אויף דעם בוימעל פון א בלעטעל פריש און גרין
וואקסט ארוים א קליינער ווארעם, קליין און דין;
פרעסט ער אויף דאס גאנצע בלעטעל ביז צום ברעג
און ער ווערט א שמעטערלינג און פליהט אוועק
דאן קומט אן די הוהן אין גארטען, טהוט א שפרונג.
כאפט דעם שמעטערלינג ביים פליענעל — און א שלונג....

נאכדעם זיצט די הוהן און קוואקעט „אך און וועה"
ביז מיט מזל לעגט זי דאן ארוים אן איי....
קומט דער בעקער, כאפט דאס איי, און שוין צוקנאקט.
אויסגעמישט מיט מעהל... אין אויוועז... און עס באקט.
באקט זיך אוים דער פרישער בייגעל — וואס איז דאן?
פאר א גראשען קויפט איהם אפ א יונגער מאן
און ער ברענגט איהם דא צו מיר אין שטוב אריין,
עס איך אויף אצינד דעם בייגעל — וואס וועט זיין?...
אין מיין מאגען קריגט ער דאן א ניי געשטאלט
דאך פון מאגען כאפט ער אויך ארוים זיך באלד
פיהרט דער פויער איהם צוריק צום בוים — אהין
גיט עס קראפט איהם — וואקסט זיין בלעטעל פריש און גרין,
נאכדעם ווארעם, שמעטערלינג, און הון, און איך,
אט אזוי מיין ליעבער בייגעל דרעהסטו זיך...
אין דיין אייג'נעם לעבענס-רעדעל איביג לאנג
אימער, אימער אין א קיילעכדיגען גאנג.....

אין דער האנד דעם פרישען בייגעל, שווער געקרענקט
האט דער ארמער פילאזאף געטראכט, געדענקט,
זיעבען לאנגע— לאנגע טעג און זיעבען נעכט:
זאל ער עסען דיעזען בויגעל — האט ער רעכט?
און דאביי האט ער פערגעסען הונגער... נויט....
ביז איהם פריי געמאכט פון דענקען האט דער טויט.



Nov 10, 1911



# וואו די מוזען קינדער וויינען

חוזק'ס אייניקעל.

## א מאָדערנע לילית.

האָט א כלה ער געפונען
האָט זי אויגען ווי די זונען,
און א פּנים בלאַס, דערשראָקען,
און א קאָפּ מיט שוואַרצע לאָקען.

ס'איז א מלאך נור פון הימעל,
האָט א מויל — אן אָפען בלימעל,
און צוויי ליפּען האָט זי — עטעל,
יעדער ליפּ — א רויזען — בלעטעל...

און די פיסלאך — פיין געטאָקטע,
און דערצו נאָך רויט־בעזאָקטע,
איהרע בליקען — פלאַמען הייסע,
איהרע בריסטען — טויבען ווייסע...

קורץ, א שעהנע שטיקעל סחורה,
וואָס עס וואָלט געמעגט דער בורא —
אונזער גוטער הימעלס־ריכטער
געבען צו א יעדען דיכטער...

און א חתן האָט דאָס מיידעל,
וואָס מען רופט איהם: מיסטער זיידעל,
האָט ער אויגען ווי מאסלינעס
און פערמאָגט נאָך מאָרנע מינעס

נור דערפאר איז ער א גוטער
און א ווייכער ווי א פּוטער,
און א שטאַרקער יונג מיט ביינער,
און ביים „טרייד“ נאָך א דעזיינער.

עסט דער „מלאך“ אָפּ נור סאַפּער,
טהוט זי אָן דעם בלויען ראַפּער,
און פון אונטען — מעהר קיין קליידער,
געהט אריין אין „סעפּרעט“ חדר —

קומט אריין צו איהר דער חתן,
ווערט די טהיר באַלד צו־געשלאָסען,
די גאַרדינען — פעסט פערצויגען,
אָפּגעהיט פון „פרעמדע“ אויגען...

זעצט אַוועק זיך אויף דעם „ראַקער“,
ס'טהוט איהר יעדער בליק א פלאַקער,
וואָס ניט לעשען קענען ים'ען,
און—זי נעהמט זיין הארץ פער'סם'ען—

און פער'סם'ט איהם זיין נשמה;
מאַכט זיין ריינעם רעיון טמא...
און א זינדיג־נעץ טהוט שפּינען
איהם זיין אָפּגע'סם'טער זינען...

און זי רופט איהם: „זיסער... ליעבער...“
און עס וואַרפט איהם ווי אין פיבער...
און זי זיצט און קוועלט אין ראַקער,
ווי דעם חתן צעהרט א פלאַקער...

וואַגט דער חתן זי בעריהרען,
קוים איהר אָטעם נור דערשפּירען —
דעמאָלט טהוט זי איהם בעשטראָפען
און זי שיקט אהיים איהם שלאָפען...

העל־פען.

## דער בעסטער פריינד.

(סוזשעט ענטנומען).

ער דריקט זיין בעסטען פריינד די האנד:
— היינט פאָהר איך אין א ווייטען לאַנד . . .

איך וויים ניט, ווען כ'וועל זיין צוריק.
מיין בלאָנדע פרוי — מיין שעהנסטעס גליק.

איך לאָז זי איבער דאָ . . . אַליין . . . .
מיין פריינד! פערשטעהסט דאָך וואָס איך מיין . . .

א שומר זיי און היט מיר אָפּ
מיין יונגע פרוי — מיין אויג אין קאָפּ. . . . .

.2

ס'איז נאַכט. ביים העלען לאָמפּען־שיין
צוויי בעכערס אָנגעפילט מיט וויין.

און זי די שעהנע — ווי אין טרוים
זי ווינקט . . . זי רעדט . . . זי שעפּטשעט קוים:

— אָה, גוטער פריינד — מיין מאַן איז ווייט . . .
אָה, קום נוץ אויס די שעהנע צייט . . . ..

און ער: ניין, ניין! אָה, גאָט בעהיט!
דיין מאַן — מיין פריינד . . . איך טהו דאָס ניט!

— דו, זעה מיין האָר . . . געליעבטער . . . קום . . . .
איך וויקעל דיך מיט גאָלד ארום . . .

— און איז דיין האָר ווי זוניען־שיין
עס העלפט ניט . . . איך קען פאַלש ניט זיין.

— אָה, קום און זעה: ווי בין איך שעהן!
— לאָז אָב! לאָז אָב! איך געה ניט. ניין!

זי פרעסט איהם ווילד . . . זי גלעט איהם מילד . . .
איהר קוש — אָה, גאָט! ווי היים . . . .ווי ווילד! . . . .

ער ראַנגעלט זיך . . . זי בויגט זיין קאָפּ
זי בויגט איהם צו איהר ברוסט אראָפּ

עס זינקט זיין קניע, — און ווי אין טרוים
ער ווינקט... ער רעדט... ער שעפּטשעט קוים..

— אך, דו . . . דיין זינד . . ווי שווער . ווי גרוים . .
לעש אויס דעם לאָמפּ . . . . לעש אויס . . . .לעש אויס

אברהמ'ל.

## צייכן־איזמע[ן]

(אפאָריזמען וועגען צייו[...]

.1

לעצטע צייהנער הייסען תמיד[...]
„חכמה־צייהנער“ ביי דער ו[...]
מען פערגעסט אז „לעצטע צ[...]
זיינען גאָר... אריינגעשטעלט[...]

.2

„מאָרגען־שטונדע
האָט שוין גאָלד אין מונדע“, [...]
דאָס דייטשע ווערטעל איז גא[...]
דאָס גיט מיין מיסעס אויך א[...]
ווען זי שטעהט אויף פון בעכ[...]
און שטעלט אריין די גאָלדענ[...]

.3

ווייבער פערזעצען אַמאָהל ד[...]
„
ווען וואָס צו „בייסען“ ניטאָ[...]

.4

ווייבער און צייהנער — אַגל[...]

זיי זיינען קיינמאָל ניט זאט[...]
רייסט דיר א צאָהן, צו רייס[...]
דיין
שטאָפּ אָן דיין אויער מיט [...]
מאַכען דיר שמערצען דאָס ו[...]
צו [...]
מוזטו מיט „גאָלד“ עס בעקל[...]
פאַלש זיינען אָפט דיינע צייה[...]
דיין[...]
היטען גוט מוזטו זייביידען [...]

מאָדערניזירטע שפּריכוו[...]
„ווער צולעצט לאַכט, לאַכט[...]

זאָגען לייטען. איך זאָג: נ[...]
איינס איז אָבער מעהר ווי ד[...]
ווער צולעצט לאַכט, לאַכט...[...]

א. פאָטאָגראַף.

## אבגעשפּאָרט.

איך בין א קאַרפּענטער ביים טרייד
און האָב איך פליהען שפּענער:
און קומט די „פּיידע“ נעהם איך אָב
א זשמעניע — ווי זאָגט יענער.

און איצטער בין איך אַלערייט
כ'האָב טויזענד באַרע רענדלעך
א פּאַקעט אָנגעשטאָפּט מיט געלד
א מאָגען פול מיט שפּענדלעך.

יעצט לייד איך — ניט פאר איין[...]
געדראַכט
פון קאָפּ־ווערה און פון מאָגען;
מיין רעכטע פוס איז אין א סטרייק
און וויל מיך מעהר ניט טראָגען.

די אויגען דונקלען שוין ביי מיר
די מידע גליעדער ברעכען;
א וועהטאָג פיהל איך אין מיין ברוסט
אין לינקען זייט א שטעכען.

דער דאָקטאָר זאָגט מיר, כ'האָב
א „טאַטש“.

פערשרייבט מיר מילך און [...]
און דוקא איצט, ווען יקרות [...]
ווען אלץ איז בראַנדיג טהיי[...]

דאָך לאָך איך פון דעם דאָקט[...]

עס אַרט מיר שטאַרק זיין ז[...]
אבי איך האָב אין בענק דאָ[...]
דאַרף איך געזונד אויף קלי[...]

די בעסטע ריינסטע מילכיגס בעקומט איהר אין ב. סאַזאַר'ס וועגעטאַריאַנעם רעסטאָראַנט, 237 איסט בראָדוויי.

Nov 17, 1911



# וואו די מוזען קינדער וויינען

העל־פען.

## אין פאַריז.

געהט א מיידעלע שפּאַציערען
געהט אין גאָרטען גאַנץ אליין
„וויפיעל קען איצט זיין דער זייגער,
אפשר צייט אהיים צו געהן?"...

קומט א יונגער־מאַן געגאַנגען — — —
אַך, מיין הערר — איהר ווייסט געוויס...
קענט איהר... קענט איהר מיר ניט זאָגען
וויפיעל איצט דער זייגער איז?...

יעדער יונגערמאַן האָט אויגען...
און דאָס מיידעלע איז שעהן...
קלאַפּט דאָס הארץ ביי איהם א זייגער
בלייבט ער האַלב־צעטומעלט שטעהן

און ער שמייכעלט האלב פערלעגען:
פריילין... הם.. וואָ — וואָס פרעגט איהר...
זייגער? צייט? איך האָב מיין זייגער
ליידער ניט אצינד ביי מיר...

דאָך.. הם.. הם.. איך וויל אייך זאָגען —
ס'האָט געשלאָגען ערשט ניט לאַנג —
וויפיעל?... וויפיעל?... גאָט אין הימעל!
גאָר ארויס מיר פון געדאַנק! —

אָדער.. יא... נו, וואס נאָך ריידען...
קום אהער מיין שעהנעס קינד.
קום, און וויפיעל קוש איך גיב דיר,
גראָד אזוי פיעל איז אצינד...

וויל זי שנעל פון איהם אנטלויפען
קען זי נעבאָך ניט — נו, יא!
מיידלאָך האָבען אויכעט אויגען
און א הארץ איז אויכעט דאָ!

האלט ער זי — און נאָכאנאנדער
איינס.. צוויי.. דריי... אזוי ביז צעהן!
אַך, מיין הערר — לאָזט אָפּ — ענטשולדיגט,
גאָט, איך מוז — איך מוז שוין געהן,

מאַמאַ שרייט אויף מיר, כ'האָב מורא
ס'איז שוין צוועלף. איא? אוי ווער!
יא, מיין קינד, ס'איז צוועלף א זייגער
קומט דיר, הייסט עס, איצט... נאָך צוויי...

נא דיר... נאָ... איך בלייב ניט שולדיג
דאָך וואס זעה איך: וויינסט גאָר?... קינד!
כ'האָב דיך אָפּגענארט... אָ, גלויב עס
ניין א זייגער איז אצינד!

ניין א זייגער?! טאַנצט דאָס מיידעל
און זי כאַפּט און וואַרפט אריין
אין דעם יונגען־מאַן געצעהלטע
קלינגענדיגע קושען — ניין!

לאַכט דער יונגער־מאַן און פרעהט זיך
לאַכט דאָס מיידעלע — דאָס קינד
חאַ־חאַ! חאַ־חאַ! לאַכען ביידע
און מען קושט זיך ווילד און בלינד!

חאַ־חאַ! חאַ־חאַ! חאַ־חאַ! חאַ־חאַ!
לאַכען ביידע: „גוט געמאַכט!"
„גוט געמאַכט" לאַכט מיט דער הימעל —
און דער גאַנצער גאָרטען לאַכט!

חוזק'ס אייניקעל.

## דרייצעהן סענט אַ שורה...

„...פּונקט ווי בלעטער, אפּגעוועלקטע
פון דעם ווינד געטריבען,
זיינען מיר — דיין טאַטע, מאַמע,
אין דער היים געבליעבען...

„ווי א וואלד אין בייזען אסיען
בלייבט אליין אָהן פייגעל;
זיינען מיר אָהן דיר געבליעבען —
ביימער... אָהן א צווייגעל...

„ווייט פערפלויגען ביזטו, קדיש,
איבער ווייטע ים'ען...
און פערגעסען האסטו דאָרטען
דיינע טאַטע, מאַמען...

„זעה, א בריוועל, כאָטש א קליינעם,
אונז אהיים צושיקען —
טהו דאָס הארץ פון טאַטע, מאַמע,
מיט א ווארט דערקוויקען!" -

און געענטפערט האָט דער קדיש:
„ס'טהוט מיך שטארק פערדריסען —
כ'וואָלט דאָס לעבען מיט א בריוועל
אייך געוואלט פערזיסען —

„נור איך קען ניט... כ'בין א גדול
צווישען די פּאָעטען;
און מען צאָהלט מיר אויף דער שורה
דאָ, אין די גאזעטען.

„פאר א יעדער ליעד אין גראמען
וואס איך שיק אין „לעהרער",
קריג איך זעכצעהן סענט א שורה,
און אמאָל — נאָך מעהרער...

„פאר די קלענסטע זאך אין „פּראזא",
פאר א מינדסט ארטיקעל,
ווערט געצאָהלט מיר אויך נישקשה:
יעדער „ליין" א ניקעל...

„און דערפאר, מיין ליעבער פאטער
און מיין ליעבע מוטער,
קען איך אייך קיין בריעף ניט שרייבען,
זיין צו אייך א גוטער...

„כ'זאָל אייך װעלען א בריוועל שרייבען
און אייך שרייבען אלעס,
וואָלט פערנעהמען הונדערט שורות,
און דאָס איז א דלות!..

„הונדערט שורות — ווען אין גראמען
לויט דעם פרייז פון „לעהרער",
קען בעטרעפען זעכצעהן דאלאר,
און אמאָל נאָך מעהרער...

„לאָזט עס געהן ווי ס'איז געגאַנגען...
טראָגט אין הארץ די שמארצען —
כ'זאָל פערליערען זעכצעהן דאלאר,
איז א ריס אין הארצען!..."

א. ל. וואָלפסאָן.

## געדאַנקען־שפּליטע[r]

„עבודה זרה".
פארבליבען איז די נייגונג נאָך
ביים מדבר־פאָלק צו דיענען,
א יעדען געטץ, א יעדען גלאָמפּ
אָהן חן, אָהן טעם, אָהן זינען.

געענדערט האָט די פאָרעם זיך
דאָך ניט די אלטע תנועות,
געווען א קאַלב אמאָל א גאָט
און היינט איז גאָט רצועות.

דאָך לעבט די אלטע טראַדיציאָן
ביי אידען פון געוועלבעל;
די גרעסטע צאָהל פון מסחר־איד
דיענט טריי נאָך היינט דאָס קעלבעל.

### ה אָ נ אָ ר אַ ר.

אַך, ווי גוט עס איז צו דיכטען
פאר דעם אידען דעם געבריכטען!
שרייבסטו גראַכען פאר'ן אידען
לעבסטו גליקליך און צופריעדען
וואָרעם ברודערקע זיין נעסטעל,
קריעגסט דערפאר א „שווארצע קעסטע[l]
ביי אונז פיהרט אלץ זיך מיט א טאָלע[r]
שפּיעלסט זיך מיט „דאָס אידיש פאָלק
מען דרוקט דיך אָפּ מיט „טייפּ" גע[...]
נאָכ'ן טויט — אבי ניט צאָהלען...

„אָפען־הערציגקייט".
די שעהנסטע מעלות
האָט מיין פאלק:
זעלטען ווען עס פּאָטשט זיך,
א גוטע הארץ, אָן אָפען הארץ,
ספּעציעל דאַן —
ווען עס קראַצט זיך.

„געזעליגקייט".
ווען הונגער דריקט דיר
צו דער וואנד
און דיין פארשטאַנד
רייצט אָן די האנד
צו ענדיגען
מיט שאַרפען גיפט
דיין שרייבער־מאַניא
און דיין שריפט
און עס עגבערט —
דיר אין שאַרבען
דער געדאַנק
פון טויט און שטאַרבען;
ניט ציטער דאַן
אָה מוזען־קינד
טרינק דעם טראָפּען
אויס געשווינד.
און גיב א „שאָו"
די גוטע לייט —
צו רעדען פון —
ג־ע־ז־ע־לי־ג־ק־ייט... —

Nov 24, 1911



# ליעבע פּאַווילִיאָן

## דע-לאַ-העסטער.

פון העל־פען.

(פ ר א ג מ ע נ ט).

— קומט דאָס רעדער־קרעכצען נעה'נטער, זעה איך אויבען אויפ'ן וואָגען וויעגט א מענשעל זיך און דרעמעלט, ס'האָט שוין האלב נאָך צוועלף געשלאָגען פינסטער איז אין אַלע פענסטער. שטיל. א ווינטעל וויינט אין גאָרטען, און די גאַסען־לאָמפּען שיינען. ליגען שאָטענס דאָ און דאָרטען אויף דער ערד און אויף די הייזער. אויבען זעהט מען ניט קיין שטערען. שווערע קומערפולע שטילקייט — ווי א וואַרטען אויף א שווערען מיהעפולען טאָג א קאַלטען... אַלע רוהען... אַלע שלאָפען...

איינער נאָר, אַנ'אָרמער איינער — גאָט האָט איהם געוואָלט בעשטראָפען, האָט ער איהם א האַרץ געשאָנקען... שלעפט ער זיך, דער אַרמער איינער גאַנצע נעכט אויף דע־לאַ־העסטער... קלינגען אויף די פלאַסטער־שטיינער זיינע טריט — ער קען זיי צעהלען... ווײַן ניט, האַרץ מיינס. זעה, אנטקעגען דאָרט אין ווינקעל, שטעהט א וועכטער. קום, איך וועל ביי איהם זיך פרעגען... ליעבער וועכטער, זיי געבענשט, און אויב דיין וועכטער־האַרץ איז איידעל — זאָג מיר, זאָג, וואו איז מיין ליעבסטע? יעדער קען זי דאָ — דאָס מיידעל. „איזאַבעלאַ“ איז איהר נאָמען. מיט א ברודער'ל צוזאַמען קומט זי פון דעם געגענד „ליטאָ“. האָט א טאַטען מיט א מאַמען. „פעדער־פליקערין“ די מאַמע. און דער טאַטע איז נאָך גרעסער. א מלמד איז ער דאָרטען — דאָ וואָלט ער געווען „פּראָפעסאָר“ נאָר ווער דאַרף איהר שעהנעם יחוס — זי אליין, מיין ליעבער וועכטער — זי אליין — ווי אויפגעצויגען צווישען יונגע קעניגס־טעכטער... שעהן איז זי — מיין איזאַבעלאַ — ליכטיג העל ווי ווייצען זאַנגען זיינען איהרע לאַנגע לאָקען. האַרציג־שטיל ווי האַרפען־קלאַנגען ריידען איהרע ליעבעס־שמייכלען... איהרע בריסט — דער שעהנסטער צווילינג וואָס דער בורא האָט בעשאַפען... קינדער־גליק און. יונגער פריהלינג שוועבען אום אויף זיי ווי טרוימען... נאַכטיגאַל־געזאַנגען קלינגען אין מיין ברוסט, ווען איך דערמאָהן זיך, ווי מיין קוש פלעגט „ליעבע“ זינגען אויף איהר האַרצען... איהרע אויגען — ניין, די וועלט האָט ניט קיין פאַרבען זיי צו מאָהלען... איינמאָל זעה'ן די אויגען איהרע — נאָכדעם שטאַרבען... שמייכעלסט וועכטער?... קלערסט „לאָז אָפּ, אַ קראַנקער נעבאָך. זאָל ער ריידען?“ ווייסט, וואָס מיינט דאָס: אינגער זיין פון דיר אין יאָהרען, און אין ליידען עלטער זיין אין גאַנצע דורות?... קוקסט מיך אָן — און קענסט ניט גלויבען? יא, מיין ליעבסטע איז נישטאָ מעהר... ז'איז אין הימעל... דאָרטען, אויבען... קוק ארויף דאָרט.. זעהסט אין טהראָן־שטוהל נעבען בורא?.. זעהסט די שעהנע? זעהסטו איהרע לאַנגע לאָקען... זעהסט די פּיסלאָך איהרע קליינע?... און די אויגען, זעה די אויגען... און די ליפּלאָך... און דאָס נעזעל... גאָר־נישט זעהסטו?.. גאָר־נישט? וועכטער! ביזט א—גאָט פערדאַמטער עזעל!

## א גרינער טיטשער.

פּיאַנאָ ־ טיטשער (וואָס ׳גיט ערשט זיין ערשטען לע־סאָן): כ'לעבען איך וויים ניט, מוז דאָס טאַקע יעדער לעה־רער גלייך נאָכ'ן ערשטען לעסאָן א קוש טאָהן זיין שי־לערין?...



## ער מוז...

### פון חוזקים אייניקעל

דו האָסט איהם געגעבען
א ווייבעל, זאָל לעבען,
דאָ ווייבעל, זי האָט איהם
זעקס קינדער געגעבען,
וואָס בעטען נור עסען
דער מאַמען;
נו, איז ער געצוואונגען
צו טראַכטען און קלעהרען,
און פלעכטען די ליעדער
פון וויצען מיט טרעהרען,
פון זיפצען און שמייכלען
צוזאַמען...

## ווייבער'יזמען.

די טיעפסטע ליעבע, דער טיעפסטער האַס — ביידע שווייגען.

— אַה, איך האָב ליעב אייער טאָכטער, זעהר... זעהר... עס פעהלען מיר ווערטער מיין ליעבע אויסצודריקען.

— אפשר וואָלט איהר דאָס בעסער געקענט אין ציפערען?

— ווי אַלט איז דאָס פריילין דאָרטען?

— ווי אַלט? איך וויים ניט נאָר אז עס רעגענט געהט זי ניט ארוים אין גאַס אָהן א שירם.

— פאַרוואָס?

— ווייל א פאָר מאָהל איז זי שוין ארויס־געגאַנגען אָהן א שירם איז זי א היים געקומען דורכגעווייקט. קיין איינציגער יונגער מאַן האָט זיך ניט אויף איהר דערבאַרעמט.

אין דער נדן אויך א גרויסער
איבערלעג דיר עם נעננוי;
מיט דעם נדן ווערט מען פאַרטיג
קיינמאָל אבער מיט דער פרוי....

מען האָט געפרעגט מאַליער'ען ווארום איז דער נעזעץ פון פיעלע מלוכות אז די קייזער־ליכע קרוין קען אנטהאָן דער יונגער קייזער צו 14 יאָהר און חתונה האָבען טאָר ער ניט ביז אַכטצעהן.

— ווייל עס איז שווערער צו הערשען אי־בער א ווייב איידער איבער א לאַנד — האָט געענטפערט מאַליער.

## שפאָרזאַמקייט.

**אַלטע כלה:** איך וויים, דו גנב, פאַר וואָס דו פערשווענדעסט מיר יעצט אזוי פיעל ליעבעס־צערטליכקייטען און ווארום דו שיטסט מיר יעצט קאָמפּלימענטען, אזוי ווי א האָניג... דאָס איז נור, ווייל איך האָב מיר אָבגעשפּאָרט א 200 דאָלאַר אין סייווינג־בענג...

**יונגער חתן:** סטאָפּ א ליטל! ווארט לאָמיר נור חתונה האָבען, דאַן וועל איך אויך „שפּאָרזאַם“ ווערען....

## אנאַנס

יינען קום ניט צוריק, אַלעס איז ערגעסען און פערגעבען.

דיין מאַן יאָסעל.

## א קלוגער פּאָעט.

פראַנצויזישער פילאָזאָף און פּאָעט אין ארומגענאַנגען שפּעט ביי נאַכט ן. א פּאָליסמאַן האָט איהם אָבגעפיהרט ושיסטראַט וואו מען האָט איהם גע־ וואָס ער איז. — איך בין א פּאָעט, ן ער געענטפערט. איך האָב אויך א א פּאָעט, האָט געזאָגט דער מאַזשיסט־ ויב אזוי. -- הָטט געזאָגט פּיראָן, — מיר דאָך גלייכע יחסנים, דען איך האָב ברודער א גולם.

## ביזנעס־אַנאָנס

אלמנה ווינשט די אַלטע קליידער ויהר פערשטאָרבענעם מאַן צו פער־ ן. דער פּאַסענדער זאָל זיך מעל־ הייראַטה ניט אויסנעשלאָסען.

Dec 1, 1911

# וואו די מוזען קינדער וויינען

## זוי א טויטען כּאַנקעס...

חוזק'ם אייניקעל.

קאַלט די נאַכט.. א רעגען פאַלט.
כ'ליעג אין בעט און טראַכט און קלעהר,
שפּיץ די אויגען אָן — און הער:
ערגעץ־ווייט דאָרט, בילען הינט;
ערגעץ־וויינט אַ יונגעס קינד;
ערגעץ רוישט אַן אלטער וואלד —
און דער רעגען פאַלט און פאַלט...
פאַלט דער רעגען.. וויינט דער ווינד;
וויינט דער ווינד... און ווידער שאַ!
וויינט דאָס קינד און רופט: מאַ־מאַ!
קיינער ענטפערט ניט דעם קינד...
קיינער — חוץ דער קאַלטער ווינד...
און דער רעגען פאַלט אַלץ מעהר
און איך ליעג אַן בעט און הער...
און די נאַכט — זי גיט קיין רוה;
שליעסט די אויגען מיר ניט צו;
און ארום איז וויסט און שטום...
און דער לאָדען וויעגט זיך אום;
וויעגט זיך אום... בעריהרט די שויב,
ווי ס'וואלט אָנגעקלאַפּט א טויב...
און די נאַכט — זי גיט קיין רוה...
וועק איך תיכף אויף מיין פרוי
און איך פרעג—וואָס טהוט מען,—אוי,
וואָס עס נעהמט מיך ניט קיין שלאָף;
וואָס וועט זיין — זאָג איך — דער סוף
וואָס וועט זיין—זאָג איך—דער סוף?
און זי קוקט מיך מאָדנע אָן:
„צעהל אָפּ — זאָגט זי —א מיליאָן...
„הויב אָן צעהלען: איינס־צוויי־דריי...
פיער־פינף־זעקס־זיעבען־אכט...
אָט אזוי א גאַנצע נאַכט,
ביז דו צעהלסט אָפּ א מיליאָן.
ווען דו האַלסט ביים סאַמע סוף,
און עס קומט נאָך ניט דער שלאָף,
הויב דאָס צעהלען ווידער אָן...
„אָבער ריכטיג, ריכטיג צעהל;
האָב אין זינען שטאַרק די צאָהל.
אָט אזוי אָ דריי־פיער מאָהל...
דעמאָלט קענסט זיכער זיין,
ווי א הינדעל שלאָפסטו איין!"
כ'פאָלג מיין ווייב און הויב באַלד אָן
צעהלען ביזק'ל א מיליאָן...
און מיין ווייב זי קעהרט זיך אום
מיט דעם פּנים צו דער וואַנד,
ליינט צוקאָפּען זיך א האַנד,
און איך ליעג און צעהל און צעהל
ביז דער מזרח ווערט שוין העל,
און עס קרעהעט שוין דער האָהן
און איך צעהל אַלץ דעם מיליאָן...
צעהל... און ס'וויכט פון מיר דער שלאָף;
און צום צעהלען נעהמט קיין סוף...
ערשט צעהן טויזענד... מיט אָמאָהל,
ווערט פערפּלאָנטערט מיר די צאָהל,
און איך הויב אָן פון דאָס ניי;
גאַנץ פּאַמעלאַך: איינס.. צוויי.. דריי..

## דע־לאַ־העסטער.

פון העל־פען.

וויל איך זינגען פון דער ליעבע מוז איך וויינען שטילע טרעהרען
וויינען מוז איך אויף דיין שעהנקייט וואָס וועט דאָ פערוויאַנעט ווערען...
אַלעס, אלעס מוז פערוויאַנען. זומערס געהען, אָסיענס קומען,
פאַלען בלעטער, שטאַרבען האָפנונגען און טרוימען, וועלקען בלומען...
טראַכט איך אָבער פון דיין שעהנקייט מוז איך גאָט און וועלט פערקלאָגען.
ווער האָט דיך, דו קינד פון הימעל, דאָ צו אונז אהער פערטראָגען?
קאַלט איז דאָ ביי אונז. ס'איז ווינטער, און עס האָפט פון אונז ניט קיינער
אויף דאָס קומען פון א פריהלינג... אונזער ערד — איז פלאַסטער־שטיינער
אונזער לעבען? ליעבסטע מיינע, זעהסט די נאַכט דאָ? זעהסט די גאַסען?
ס'האָט אַמאָהל פון לויטער לאַנגוויילל, זיך א ריעז פערגלוסט צו שפּאַסען,
נעהמט ער אייזען־זיילען, שטיינער... נעהמט ער ציגעל, ליים און ברעטלאָך.
טורעמט הייזער... יעדעס הויז, א הונדערט שטיבלאָך... טויזענד בעטלאָך...
שלעפּט צונויף א זוהן א טאַטען... דאָ אַ טאָכטער, דאָרט א מאַמען
מיליאָנען מענשען שלעפּט ער פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמען
שפּיעלט ער זיך מיט זיי ביי טאָג. ביי נאַכט צעוואָרפט ער זיי'רע ביינער
אין די הייזער. שלאָפען אַלע... איינער נאָר, אַנ'אָרמער איינער
וועמענס שלאָף עס איז געשטאָרבען. שטעהט און צעהלט—ס'האָט 3 געשלאָגען
פיער וועט שלאָגען. פינף וועט שלאָגען נאָכדעם וועט עס נעהמען טאָגען...
טאָג און נאַכט — און צעהל די שטונדען פון דיין לעבען... צעהל אצינדער
וויפיעל פאָרלאָך עס בעשענקען היינט ביי נאַכט די וועלט מיט קינדער...
שטילער... שטילער... ליעבסטע מיינע — זעהסט דאָרט אויבען יענעם שטערען
זעה ווי שעהן עס שיינט דיין מזל... קינד, וועסט אויך א מאַמע ווערען
וועט דיין לייב ניט שעהן געגוג זיין זיך א דאָקטאָר צו פערשענקען
וועט א צווייטער „אָרמער־עמעץ" נאָך דיין ליעבע זיך פערבענקען
צו דער חופּה — ליעבעס קינד מיינס — פאָהרט מען דאָ אויף גומי־רעדער...
נאָכדעם מאַכט מען „האָכצייט־רייזע" — פון דעם זאַל צום חופּה־חדר...
יום־טוב'דיג וועט דיך בעגריעסען דאָרט, דיין לעבענס־טרוים דער שעהנסטער
נאָר גיב אַכטונג, ליעבסטע מיינע — געה ניט נאָהענט צו צום פענסטער
זאָל דיין שעהנסטער טרוים ניט זעהען ווי א וואונדער־שעהנער שטערען
וועט אַראָבפאַלען פון הימעל... און וועט אויסגעלאָשען ווערען...

# מיין מערכה.

פון מיכל קאַפלאַן.

גיב איך צדקה לאַכען זיי:
טהוסט דערמיט גאָר שאַדען.
גיב איך ניט: — „ווי קאַרג דו ביזט,
ווייסט פון קיינע גנאַדען".

שריי איך, לאָז ניט טרעטען זיך,
רופען זיי מיך: קריגער!
שווייג איך, גיב איך יעדען נאָך,
בין איך אַ בעטריגער.

געה איך אָרעם און פערוויסט —
אַ שלומיאל! הער איך.
פוין איך אויס זיך, קלייד זיך אויס,
„בורזשואזנע" ווער איך.

היט איך ניט קיין דינים אָפּ, —
רשע! — הער איך שרייען.
טהו איך פאָלגען גאָט און לייט,
היפּאָקריט! — זיי שפּייען.

אָט אַזוי אויף יעדען טראָט
טהו איך זיך דאָ אירען.
אפשר ווייסט איהר, גוטע לייט,
ווי זיך דאַ צו פיהרען?

## א „בינטעל"בריעף אין גר...

פון א. פאָטאָגראַף.

איך קום צו אייך רעדאַקטאָריל...
מיט טרעהרען אין די אויגען:
מיין שעהנער זיעסער לעבענס־ט...
איז ווי א בליץ פערפלויגען.

ערשט נעכטען בין נאָך נאָך געוו...
אומרינגט מיט זונען־שטראַהלע...
און היינט ליעג איך פערצווייפע...
אין אָבגערונד טיעף געפאַלען.

געקומען איז א בייזער שלאַנג
און האָט צושטערט מיין לעבען
איך בעט ביי אייך געגאָסע'לע
א ראַטה, מיר שנעל צו געבען.

איך לעב איצט דורך א טראַגעדי...
עס בלוטעט מיין נשמה
א פאַלשער פריינד האָט מיר גו...
מיין טרויסט, און מיין נחמה.

מיין האַרץ איז א פוסטינע איצ...
וואו בעזע ווינדען בלאָזען,
מיין שעהנע פרוי, מיין מלאכ'ל...
האָט פּלוצלונג מיך פערלאָזען.

זי איז געוועזן מיין פריהלינגס נ...
מיין זאַנפטער שטילער ווינטעל...
אָה, רעטעט, איידלער מענשען־פ...
דרוקט אָב מיין בריעף אין „בינט...

געקומען איז מיין קאַמעראַד,
צו מיר אין מיין גן־עדן,
און אָנגערעדט מיין יונגע ווייב
זי זאָל מיט מיר זיך שיידען.

זעקס יאָהר האָב איך די שווערע...
געטראָגען אויף מיין פּלייצע
געהאָרוועט אין שאָפּ פאַר איהר
אָה, גיט מיר פריינד, אַן עצה.

מ'זאָגט אַז איהר זייט א שטיקעל...
און קענט געניי דאָס לעבען;
דאַן ווייסט איהר דאָך ווי ווער ס...
און וועט אַן עצה געבען.—

צו ברענגען גליק אין הויז ביי ל...
און געבען מיר מיין פריעדען:
אָה, ראַטעוועט געגאָסע'לע,
זעהט ראַטעוועט א אידען!

(פון דער רעדאַקציאָן).

עס טהוט אונז לייד, מיר קענען
קיין עצה דאָ ניט געבען:
איהר האָט אַליין מיט אייער האַנ...
פאַרניכטעט אייער לעבען.

מען נעהמט ניט היינט א פריינד צ...
מען טאָר ניט זיין קיין גוטער:
ווער איז שולדיג אַז איהר ברייננ...
א קאַטץ צו אייער פוטער?

Dec 8, 1911



# וואו די מוזען קינדער וויינען

## א רגע גליק

פון העל־פען.

מיין הארץ איז די ליעבע — די ליעבע אליין.
מיין ליעבסטע — א פופע א שעהנע.
די אויגעלאך בלויע און בלאָנד איהרע האָהר
די הענטעלאך הארציגע קליינע.

זי קוקט מיר אריין אין די אויגען... מיין הארץ
ווערט רגע־ווייז שוועהרער און גרינגער...
דאָך קוים וואָס איך שטרעק נאָר א האנט אויס
צו איהר —
זי שלאָגט מיך שוין איבער די פינגער.

אוי ליובינקע — זאָג איך — א שעהנע ביזטו...
א מיידעל... און איך בין א אינגעל...
זי שטעלט מיר ארויס איהרע ציינדלאך און לאכט.
דאן צייגט זי מיר רוהיג דאָס צינגעל.

אוי ליובינקע — זאָג איך — געשאָנקען האָט גאָט
די ליעבע צו אונז — צו די קינדער...
א שפּיעל איז די ליעבע... נו קום'זשע מיין קינד
און לאָמיר זיך שפּיעלען אצינדער.

אָ גיב מיר די הענטלאך און נעם מיך ארום.
ניין, ליובינקע. דארפסט זיך ניט שעהמען...
אנ'איינציגען קיש נאָר. אנ'איינציגען נאָר —
נו ציטער ניט, לאָז מיך איהם נעהמען...

איך בעט זיך און זי גאָר — די בייזע. זי שלאָגט.
זי שלאָגט מיך און מאכט איהרע חנ'דלאך.
זי ציהט זיך ארויף צו מיין האלז און—אוי.. אוי...
אוי האָט זי דאָס שארפינקע ציינדלאך...

וואו האָסטו גענומען די ציינדלאך מיין קינד?
זי שעהמט זיך און שלאָגט מיך שוין ווידער.
האלב וויינט זי. האלב לאכט זי און לעגט אויף
מיין הארץ
איהר גאָלד־בלאָנדעס קעפּעל אנידער.

איהר קעפּעל — עס ליגט אויף מיין הארץ אזוי
שטיל.
דאָס קליינטשיקע מייל'כעל, האלב־האָפען...
עס שליעסען זיך לאנגזאם די אויגעלאך צו —
מיין ליובע איז מיעד — זי וויל שלאָפען...

איך נעם זי פּאמעלאך ארויף אויף די הענט
און טראָג איהר צום בעטעל אריבער.
זי גלעט מיך. זי קושט מיך. זי ציהעט מיך צו זיך;
„אך דו... אוי, מיין גוטער... מיין ליעבער...

זי ציהט מיך צו זיך און — אך גאָט מיינער, דו!
איך האָב ניט קיין אנדערע ברירה...
מיין הארץ איז די ליעבע — די ליעבע אליין,
פערגיב — אויב איך טוה אנ'עבירה...

## אלץ נאך...

פון חוזק'ס אייניקעל.

(א מתנה דעם „לעבעדיגען")

אלץ נאָך שרייבט ער זיינע ליעדער
פול מיט שמערץ און פול מיט וועה,
אין דער אלטער גאס פון שרייבער,
אין זיין אלטען איסט־בראָדוויי.

אלץ נאָך קנאקט ער זיינע וויצען,
וואָס זיי מאכען וויינען מיר;
אלץ נאָך זיפצען שטיל די סטרונעס
פון זיין שטיפערישען שיר...

אלץ נאָך קנייטשט ער טיעף זיין
שטערען
ווען עס וועבט זיך זיין געדיכט;
אלץ נאָך יאָמערט זיין נשמה
און זי געהט אויס ווי א ליכט...

אלץ נאָך קאָכט זיין הארץ און שטור־
רעמט
און עס כוואליעט ווי דעם ים;
אלץ נאָך שיסט ער זיינע פיילען
פול מיט ביטערניש און סם!..

אלץ נאָך שיסט ער זיינע פיילען
און ער טרעפט זיי יעדעס מאָל,
און צולעכערט הארטע הערצער,
הערצער, הארטער נאָך פון שטאָל...

און ווי שוועמלאך נאָך א רעגען
וואקסען זיינע שונאים אויס;
ווארט ער אָפּעט ביז די שונאים
ווערען מעכטיג, ווערען גרויס,

דעמאָלט שטעלט ער אָן זיין בויגען —
אלע סטרונעס פון זיין הארף...
טרעפט אין ציעל... עס פאלט א
שונא,
ווי א זאנג פון קאָסעם שארף...

און דערשראָקען ווי די שעפּסען
אין א גרויסען שטורעם־ווינד,
טוליען זיי זיך פעסט צוזאמען
און זיי האוקען ווי די הינד...

און זיי דרעהען מיט די עקען,
און די צינגער הענגען נאָך,
הצבען דאכט זיך מעהר קיין כוחות
און זיי בילען... בילען דאָך!

און די חברה עקען־דרעהער,
בילען קיינמאָל ניט אומזיסט;
יעדער איינער האָט זיין בודקע,
יעדער האָט זיין בערגעל מיסט...

איינער האוקעט שוין זייט יאָהרען
אין דער אלטער געלער קלויז —
ווערט געדעבענט פאר דעם גרעסטען
פאר דעם העכסטען שיפּע־טויז...

## געדאַנקען שפּליטע

פון א. ל. וואָלפסאָן.

א ן ע נ ט פ ע ר.

דו פרעגסט וואָס איז א דעקאדענט
וואָס איז דאָס פאר א וועזען?
דאָס איז א מענש וואָס שרייבט און שרייב
און ווערט קיינמאָהל געלעזען.

ט א ל א נ ט.

לאנגע האָר און ניט געקעמט,
א ברודנע הן'עוודיגע העמד
א שניפּס וואָס איז צולאָזען,
אימער ערנסט, אימער שטייף,
און עוויג אָנגעבלאָזען.
און האלט א פעדער ער אין האנד
דאן קרוינט ער גלייך זיך אלס טאלאנט.

ב ח ו ר י ם.

זיי דיענען היינט קיין אידעאל
זיי דיענען קיינע געטער:
זיי זוכען נאָר דעם מאטעריאל
וואָס מאכט דעם באנק בוך פעטער
א שידוך! אך צו יעדע צייט
זאָל זיין געפּארבט די בעקלאך,
אבי דאָס געלד, אבי מעטאל,
אבי נור שרייבען טשעקלאך.

ד ר ו ק.

אלע יידען היינט פון דרוק
דער שיקזאל וויל ניט גלעטען:
דאָך שרעקליך יידען היינט פון דרוק
די אידישע פּאָעטען.

דאָך לויפען זיי פון שיקזאל ניט
און ווילען איהם ניט מיידען;
יידען מיר פון דרוק — טאָ זאָל —
דער דרוק, פון אונז אויך יידען.

ה א ר י ־ א פּ.

געזעהן, געליעבט
און גלייך פארקניפּט;
א קוש א גלעט, —
און באלד א גט.
א נייער וואונש
א נייער פּלאן
א נייע ווייב
א נייער מאן.

---

כ'איז זיין נאָמען דאָ ניט וויכטיג,—
האָט שוין לאנג קיין נאָמען ניט;
וויכטיג איז — אז אָהן זיין צינגעל
נעהט דער בחור ניט א טריט!..

— — — — — — — — — — —

אלץ נאָך שרייבט ער זיינע ליעדער
פול מיט שמערץ און פול מיט וועה,
אין דער אלטער גאס פון שרייבער,
אין זיין אלטען איסט־בראָדוויי...

# וואו די מוזען קינדער ווייגען

## לאטקעס און קאַרטען

פון חוזק'ס איינקעל.

---

נעמט דער פראָסט אין האנד זיין פּינזעל
מאָלט ער בילדער אויף די שויבען;
נעהם איך קוקען אויף די בילדער
הויב איך אָן אין כשוף גלויבען..
פאַלען שנעעלעך פון אויבען,
דאכט זיך פעדערלעך פון טויבען...

ווייסע שנעעלעך פון הימעל
ווי דמיונות ווייסע, פאַלען...
רויטע וואָלקענדליך אין מעריב
העפטען זיך מיט פורפור־שטראהלען,
און זיי קומען זיך צוזאמען
אין א ים פון שטילע פלאמען...

צווישען פעלזען־בערג געפאנגען
זינקט די זון דאָרט ווייט ארונטער;
שיקט א שמייכעל פון דער ווייטענס,
איז דער שמייכעל — רויט ווי צונטער...
פון די פאַרבען, פון די שטילע,
שיקט די זון איהר לעצטע תפלה....

ווייזט זיך באלד די נאכט, די גראָהע,
צאנקען אויס די מעריב־פאַרבען;
ווייך איך אויף די טעג וואָס מוזען
ווי די מענשען אויסגעהען... שטאַרבען...
איידער נאָך מען ווערט געבאָרען,
איז שוין אָנגעגרייט אָן אָרון...

פאַלען שנעעלעך פון הימעל,
אין תכריכים ליגט דער גאָרטען, —
ווילט זיך הייסע לאטקעס עסען,
ווילט זיך שפּיעלען מיר אין קאַרטען...
שפיעלען מיט מיין ווייב און קינדער,
וויל ס'איז חנוכה איצינדער!...

לאטקעס עסען.. קאַרטען־שפיעלען,
און געווינען די מטבעה;
העלדען... קעמפפער... מכבע'ער...
ליגט ניט אין דער לינקער פּאה...
ניט אין פּאות... ניט אין פּיאַטעס,
ניט די קינדער, ניט די טאַטעס!...

ווער מיר העלד ר' מתתיהו;
וואָס מיר בוימאייל, ווער מיר דריידעל;
נור עס ווילט זיך קאַרטען־שפיעלען
און זיך שפיעלען מיט א מיידעל...
דאָס איז חנוכה איצינדער;
דאָס איז יום־טוב, ליעבע קינדער!

אין דעם גרויסען נס פון יום־טוב,
האָט פערגעסען שוין דאָס אידעל;
אָבגעשטאָרבען איז דער ניגון
פון זיין אלטען, כשוף־פידעל...
איז ער דאָ, צי איז ער דאָרטען,
ווייל ער לאטקעס נור און קאַרטען!...

## אזוי איז עס...

פון העל־פען.

---

.1

מאָרגע.. מאָרגע.. דו האָסט זיכער
יענע רגע שוין פערגעסען;
גלעטענדיג די לאָקען דיינע
בין איך נעבען דיר געזעסען.

און מיט טרערען זיך געבעטען:
„היט זיך, קינד, ניט לאָז עס קומען"
אזוי ווייט — איך זאָל דיך האָסען"..
האָסט עס שוויינענדיג פערנומען —

שווייגענדיג... און איצטער? ליעבסטע!
קענסט מיר יענע רגע געבען?
גיב מיר, גיב מיר יענע רגע,
נא דיר יאָהרען פון מיין לעבען...

האָסט געבראַכט א טרוים א שהענעם
האָסט דעם טרוים אליין פערטריבען...
איצטער איז א וועלט געשטאָרבען..
קינד, איך קען דיך ניט מעהר ליעבען.

.2

זעה: איך שטעל זיך פאַר'ן שפּיגעל
און די אויגען מיינע ריידען:
„ביזט שוין אלט געוואָרען מענשעל.
לאַנג וועט שוין דיין הארץ ניט ליידען".

וויין ניט, ליעבעס מיידעל. וויין ניט,
וואָס מיין הארץ איז דיינס א קרבן.
יאָמער ניט ווען איך וועל שטאַרבען.
אלט איז שוין דאָס ליעד „געשטאָרבען".

אין די האָהר פלעכט איין א בלימעל —
טוה דיר אָן א יומטוב־קליידעל
און בעגלייט מיך ביז צום קבר...
יא, בעגלייט מיך ליעבעס מיידעל —

ווילסטו מיר דאָס ניט צוליעב טוהן,
טוה עס כאָטש פון מצוה־וועגען.
נאָר פערגעס ניט — נעהם א שירעם —
ס'קען חלילה געהן א רעגען.

## א קאָמפּאַני בחורים

פון מעפיסטא.

---

— העי, חברה, קומט, א ווייסע נאכט,
די שנעעד־דיאמאנטען ווינקען!
— און ווער עס כאַפּט די ערשטע קויל,
דער מוז אונז הייגט בעטרינקען.

— אַהאַ, געכאַפּט האָט הירש צום ערשט,
ער וועט ביי אונז שוין שוויצען!
— מיר טרינקען הייגט „דעם ריכטיגען",
אז פונקען וועלען שפּריצען.

— אזוי, אזוי, אהער א קויל,
נור לאנגזאם, ניט געלאָפען.
— כא, כא, ער ציעלט שוין באלד א שעה
און האָט נאָך ניט געטראָפען.

— העי, בחור, זיי נור אנשטענדיג,
פערטשעפּע ניט דאָס מיידעל!
— אוי ווער, ווער האָט עס דאָרט אצינד
געוואָרפען מיר א קניידעל?

— אַהאַ, געטראָפען פונקט אין נאָז,
ער מוז זיך דאָרט בעלעקען.
— יא, יא, איך האָב זיך איצט דערוואוסט
אז שנעע טהוט העריך שמעקען.

— נו, וואָרט ניט, גיעב איהם איינס און צוויי,
ער וועט עס גוט פערדייען.
— העי, חברה, רוקט זיך אָן א זייט,
דען שהענע מיידלעך געהען.

— נו, מאכט א וועג, וואָס האָט איהר זיך
צונויפגעדריקט צוזאמען!
— נו, ביטע, געהט, דער וועג איז פריי,
ענטשולדיגט מיינע דאמען.

— ער האָט די מיידלעך דורכגעלאָזט,
דער יונג וועט אונז בענראָבען.
— נו, ווירקליך, ס'לאנגווייליט שוין די שפּיעל,
מען דאַרף א מיידעל האָבען.

— טאַ הערט, אויב ס'קומט א מיידעל אָן,
א שהענע פול מיט לעבען,
דאן שפּרינג איך גלייך דער ערשטער צו
און וועל א קוש איהר געבען.

— גערעכט, גערעכט, א שהענע שפּיעל,
מען דאַרף זיך הייגט ניט שעהמען;
געלעבט, געלעבט כל זמן מען לעבט,
דער רוח זאָל עס נעמען!...

---

## עפּיגראַם

פון ס. מאַכלין.

---

איצט דיענט מען ניט צום „אלטען שימעל":
צו א גאָטהייט אין דעם הימעל,
איצטער דיענט די גאנצע וועלט —
צו דעם שהענעם געטשקע — געלט!...

Jan 1/1912.

# אין דער נאכט פון ניי-יאָהר

(פון בוך דע־לא־העסטער).

פון העל־פען.

אין דעם גאָרטען דע־לאַ־העסטער, אויף דעמזעלבען אָרט אין גאָרטען
שטעהען נאָך דיזעלבע בוימלאך. אונזער בענקעל שטעהט נאָך דאָרטען...
האָב איך זיך אַראָבגעלאָזען אויפ'ן בענקעל שטיל צו ריידען
מיט מיין ליעבע... שטיל צו טראכטען פון דיין הארץ, פון דיינע ליידען...
ב'האָב געטראכט פון דיינע אויגען, האָב איך אויפגעהויבען מיינע
מיט אַ תפלה. האָט דער הימעל אויפגעמאכט די טוירען זיינע —
האָט אַ וואָלקען ווי אַ פאָרהאַנג לאנגזאם זיך פאנאנד־געצויגען —
האָט אַ בילד, אַ וואונדער־שעהנעס, זיך אנטפּלעקט פאר מיינע אויגען:
שטיל... אין טראָהן־שטוהל נעבען בורא, זיצט אַ ווייב, אין שוים אַ קינדעל...
ליגט דאָס קינדעל איינגעוויקעלט אין אַ גאָלדען־וואָלקען־ווינדעל.
אונטען נעבען טראָהן־שטוהל'ס פיסלאָך ליגט אַ שעפעלע אַ ווייסעס,
פּונקט אַזאַ ווי עס דערצעהלען אונז די גוי'עש־פרומע מעשות...
ליגט דאָס שעפעלע און שפּיעלט זיך מיט דעם קינדעל אַזוי מונטער,
קוקט דער בורא פול מיט ליעבע צו דאָס קליינטשיקע אַרונטער,
שעהמט די מאַמע זיך און שמייכעלט, און זי לאָזט אַראָפּ די אויגען.
לאַכט דער בורא גוט און הארציג — קומען לאַכענדיג געפלויגען
מחנות קליינטשיקע מלאכים — און זיי פלעכטען טויזענד רינגען
רונד־אַרום דעם שעהנעם טראָהן־שטוהל און זיי לאַכען און זיי זינגען
און זיי שטיפען ווי, להבדיל, שטיפערישע חדר־אינגלאָך.
וואָרענט זיי דער אַלטער בורא — צייגען אַלע איהם די צינגלאָך —
צייגען אַלע איהם די צינגלאָך. פרעהט ער זיך און כאַפּט דאָס קינדעל,
דריקט עס צו צו זיך צום הארצען, וויקעלט אָפּ פון איהם דאָס ווינדעל,
און ער שמייסט איהם מיט צוויי פינגער אויף דאָס קליינע הינטער־חלק.
זינגען די מלאכים אַלע: „הייליג, הייליג, דריימאָל הייליג",
זינגען די מלאכים „הייליג", זינגט מיין הארץ מיט זיי צוזאמען:
„הייליג, הייליג, דריי מאָל הייליג איז דאָס קינדעל מיט דער מאַמען..."
הייליג, דריימאָל הייליג זינג איך און איך טראכט פון דיר, דו שטילע —
דו ביזט הייליג ווי די „מאַמע", הייליג־ריין ווי איהר'ס אַ תפלה...
הייליג זינג איך און איך פרעה זיך מיט דער „מאַמען" דאָרטען אויבען,
און איך פרעה זיך מיט דעם מיידעל, וועלכע האָט מיט ריינעם גלויבען
און מיט פיער מאָל הונדערט דאָלאַר נעכטען זיך געלאָזען ליעבען
פון אַ דע־לא־העסטער דיכטער, וועלכער האָט זי היינט פערטריעבען...
הייליג זינג איך, דריימאָל הייליג. און איך קוק ווי אונזער בורא
האַלט דאָס קינדעל ביי זיין הארצען, ווי מען האַלט אַ ספר־תורה —
זינג איך „הייליג" און איך פרעה זיך, און עס בענשט מיין הארץ אין שטילען
אונזער בלאָנדען פילאָזאָפעל, וועלכער הייסט אונז לעגען תפלין,
זינגענדיג אַ לויב צום קינדעל... „הייליג" זינג איך, און געזונגען
וואָלט איך לאַנג נאָך — נאָר דאָס שעפעלע דאָס ווייסע, אויפגעשפּרונגען
איז עס פּלוצלונג און אַנטלאָפען. אויכעט זיינען פייל פון בויגען
פּלוצלינג, מיט פערקרומטע נעזלאָך, די מלאכים זיך צופלויגען — — —
אָרמער אַלטער גוטער בורא — ס'האָט איהם אָבגעטאָן דאָס קינדעל
דאָס וואָס אַלע קינדער טוען ווען מען האַלט זיי ניט אין ווינדעל....
האָט דער הימעל זיך פערשלאָסען... האָב איך זיך אַראָבגעלאָזען
ווידער אויף דאָס זעלבע בענקעל, און זיך צוגעהערט צום בלאָזען
פון די ווינטלאָך אין די בוימער.... רוהיג, שטיל בין איך געזעסען —
כ'האָב געטראכט פון מענשען... געטער... וואָס די וועלט האָט שוין פערגעסען...
כ'האָב געטראכט אַז איך און דו און דע־לא־העסטער וועט פערשווינדען,
קומען וועט אַ נייע וועלט מיט נייע געטער... נייע זינדען...
און געטראכט האָב איך נאָך פיעלעס וואָס עס טאָר דער מענש ניט טראכטען
ווען עס וויל זיך איהם דאָס לעבען נאָך אין גאנצען ניט פעראכטען....

# דאָס נייע יאָהר

(אַ תפלה).

פון חזק'ס אייניקעל.

בעגלייט פון דאָס לוסטיגע שפּיעלען פון פייפלאָך
און קלאַנגען פון הייליגע גלאָקען;
אַ יאָהר ווערט געבאָרען.... אַ יונגער, אַ נייער,
אַ אינגעל מיט גאָלדענע לאָקען.

די מאַמע, וואָס דאַרף אָט דאָס אינגעל געבוירען,
האָט נעבעך אַ „האָבען" אַ שווערען;
און וועט שוין דאָס אינגעלע ווערען געבאָרען,
דאַן וועט מען עס באָדען אין טרערען....

קיין ליכטיגע בשורות פון גליק און פון מזל
ניט ברענגען עס וועט מיט זיין קומען;
זיין וויגעל דאָס קליינע, זיין קינדעריש־בעטעל,
ניט זיין וועט געפלאָכטען פון בלומען...

זיין מאַמע, זי וועט ביי דעם וויגעל בעקלאָגען
איהר ביטערען מזל, דעם שווערען;
עס וועלען אין וויגעל קיין פעריל ניט פאַלען
נור הייסע און ברענענדע טרערען!

אַנשטאָט צו בעגריסען דאָס קינד מיט אַ שמחה,
מיט שמייכלען, מיט ליעדער און וויצען,
וועט קומען די צייט ווי אַ חיה, אַ ווילדע,
און תיכף מיט בלוט עס בעשפּריצען...

און איידער די וועלט וועט זיין פּיפּס נאָך דערהערען,
מען וועט שוין דעם טויט אויף איהם בעטען....
די קללות, די ערשטע, זיי וועט ער בעקומען
פון בלייכע, פערליעבטע „פּאָעטען".

וואָס ליעבען נור מיידלאָך אין הייליגע רגע'ס,
ווען ס'הארץ ווערט פון ליעבע פערברענט;
און מיידלאָך בע'חנ'טע, מיט לאָקען, מיט בלאָנדע,
מיט ווייסע, מיט וואַרימע הענד...

מיט אויגען ווי שטערען, מיט בליקען ווי פונקען,
צוויי קוואַלען פון ליכט און פון שיין;
מיט הערצער ווי ימים.... און יעדעס בעזונדער
אַ זאַמלונג פון ליריק זאָל זיין.

און דוקא פון דיכטער.... ווי שיללער און בייראָן,
און היינע און שעללי און ווילד;
אויך זיין זאָל אַ ווינקעל פאַר ז י י ע ר ע ליעדער
אין איטליכעס הארץ אָבגעטיילט.....

און מיידלאָך וואָס ליעבען צו לעזען לעגענדען,
וואָס זיינען ווי בלומען צושפּ־ייט
אין ספרים, אין אַלטע, פון שעהנע בת־מלכה'ס
אויף בעטלעך פון גין־גאָלד און זייד...

אַזעלכענע מיידלאָך נור ליעבען די דיכטער,
די דיכטער, וואָס מאַכען אונז קראַנק; —
נור טעכטער פון גרויסע, בעוואוסטע נגידים
מיט שווערע ממתקים אין באַנק!...

אַלמעכטיגער בורא, דו האַר פון רחמנות.
בעגליק שוין צום נייענקען יאָהר.
די יונגע, די בלאַסע, פערליעבטע פּאָעטען,
דאָס פאָלק פון צושויבערטע האָהר'...

# וואו די מוזען קינדער וויינען

העל־פען:

## ב'האב געשוויגען

עס האָט מיך מיין איינציגע ליעבסטע פערלאָזען.
דאָס הארץ האָט געברענט — כ'האָב געשוויגען.
איהר בילד אויף דער וואנט האָב איך ליעבען געלערנט,
מיין בענקענדעס הארץ צו פערוויגען.

איהר בילד האָט געלאכט, און — איך האָב עס צעריסען.
דאָס רעהמעל איז הענגען געבליבען.
מיין בענקענדעס הארץ האָב איך נאכדעם געלערנט
די פוסטקייט אין רעהמעל צו ליעבען...

א טאָג נאָך א טאָג — און ביי נאכט בין איך שלאָפלאָז
געלעגען אין בעטיל אין קאלטען.
געלעגען, געטראכט און געצעהלט מיט די פינגער
אין אייגענעם שטערן די פאלטען....

און שווער איז ביי מיר אויפ'ן הארץ, ווי א טויטער
א בענקענדער אומעט געלעגען.
געטראכט האָב איך בילדער פון ליעבע און וואהנזין
מיט אויגען צום רעהמעל אנטקעגען.

עס האָבען זיך בילדער אין רעהמעל געביטען,
געביטען אָהן לעבען... אָהן פארבען....
און ס'האָבען די נעכט זיך געצויגען, געצויגען
אזוי ווי א לאנגזאמער שטארבען....

מיין אייגענעם הארץ האָב איך וויינען פערנומען,
געקאָנט האָט עס מיר ניט פערגעבען,
פארוואָס כ'האָב צעריסען דאָס בילד פון מיין ליעבסטער,
פארוואָס כ'האָב צעריסען מיין לעבען....

## א צושטערטער לעקטשור

פון מאטוויייקע.

פול ערנסט, בעגייסטערט
פון אייגענער שטים,
זיך שאָקעלט דער רעדנער ,
ווי דאווענדיג פרום ;

ער רעדט און ער שאָקעלט
זיך, רעדט אָהן א סוף
און ווארפט מיט די אויגען
אראָפ און ארויף!...

דער עולם, ער הערט איהם
אוים אויפמערקזאם, שטיל —
עס הערט זיך, ווי ס'שורשקעט
אין ווינקעל א גריל...

נאָר פלוצלונג : א רעש א
געפילדער ביים טיהר — ..
עס גיט זיך פון פלאץ באלד
יעטוועדער א ריהר... —

א גאָט ! — א כאלאסטרע
פון קינדער, געפיהרט
פון עפעס א ווייבעל
צום בימה מארשירט!...

און ס'כאפט אָן דאָס ווייבעל
דעם רעדנער ביים ראָק
און כליפעט : „שלימ'מזל !
אוי, וועה מיר, א קלאָג !"

„וואָס שטעהסטו דאָ, לעקעש ?
„נו, ריהר זיך, געשווינד !
„נו, קום שוין ! — מען דארף דאָך
„פערוויעגען דאָס קינד"

א. בערגער:

## ווינטער ראמאנסען

.1

לאנג פאָראיבער איז דער זומער,
מיט די וואר'מע נעכט די שטילע,
ווען מיר פלעגען ליעבע חנה
אומגעהן אין די פארקס די קיהלע...

לאנג פאָראיבער איז דער זומער,
ס'וויל מיין הארץ אין מיר צושפרינג
אך וואו זאָל איך גוטע חנה,
יעצט מיין ליעבעס ליעד דיר זינגען

דרויסען יאָגען ווינטען שנעען,
יעדער „האָלל"טיהר צוגעשלאָגען.
און דיין „הארציג־גוטע" מאמע
פון דיין הויז האלט אין איין יאָגען...

.2

ליעב מיר, גוטע שעהנע חנה,
ליעב מיר, — ס'וועט דיר ניט פארדרי
ס'איז דיין „בחור" מעהר ניט אָרעם. –
ניין, ניט אָרעם, מעגסט עס וויסען...

אין מיין קליינעם קאלטען צימער,
ליגען אוצרות אויפ'ן פענסטער.
גאנצע מחנות טויטע פליגען
פון דעם בורא'ס גאָב דער שענסטע

ליגען אוצרות און איך וועל זיי
אלע, אלע דיר צו שענקען...
אין מיין קליינעם צימער קומען
זאָלסטו, ליעבע, נור געדיינקען....

.3

זאג מיר גוטע... זאָל איך גלויבען.
אז די ליעבע טויט קיין קעלטען ?
טויט קיין ווינטען און קיין שנעען —
אויביג שוועבט זי דורך די וועלטען!...

איז דאָס אמת ? זאָל איך גלויבען ?
אך — ווי צוקער־זים איז גלויבען....
טויזענד מאָל געבענשט זאָל זיין מיר
דאָרט זיין ליעבער נאָמען אויבען...

מעפיסטאָ:

## פון בוך „דער וואנדערער"

ב'האב פערלאזט מיין אלטע היימאט.
כ'האב פארלאזט די הייליגקייטען
און די טעמפלען אויסגעפוצטע
אין לעגענדעס פון פארצייטען,

וועלכע שטעהען אבער איצטער
איינגעהויקערט און פערשימעלט
און זיי ווערען בלויז מיט שפינוועבס
און מיט ווייסען קאלך בעהימעלט.

דארט אין ווינקעל זיצט א בחור.
אט א צווייטער און א דריטער
ביי די אפענע גמרות
מיט נעהויבענע געמיטער ;

קלינגען הייליגע נגונים
שעהן און הארציג ווי א תפלה,
ווי די פישער'ס ביי די ברעגעס
אין די זומערנעכט די שטילע.

.2

ניט דערעסען, ניט דערשלאפען
און מען לערנט מיט עקשנות.
אך, ווי גוט איז עס צו לערנען
און צו טרוימען פון רבנות.

און פון רייכע שווער און שוויגער
מיט א צונאב — שעהנע צניעות,
עסען, טרינקען דריי מאהל טעגליך
און בכבוד'ע עליות !

נעבען טישען האלב צובראכען
זיצען גרויע קראנקע ווייגער,
שטרעקען זיי די הענד צום הימעל,
הענד — פערדארטע בעטלער ביינער.

הערט זיך אלץ דער זעלבער נגון :
„גרויסער, גרויסער גאט גערעכטער !"
יא, פערצופאל האבען זיי נאך
כלה־מיידלעך, אלטע טעכטער.

יא, חתנים און פרנסה
ס'דארף א איד זיך דאך ערנעהרען,
האבען זיי נאך — אויף פערצופאל —
אויגען, דאס הייסט ברוגעס טרערען.

שרייען זיי : אה, גיעב חתנים
און פרנסה, נא דיר טרערען !
וויל זיך גאט גאר אמוזירען
מאכט ער זיך ווי ר'וואלט ניט הערען.

נעמט דאס שרייען העכער שטייגען,
רייסט דעם בורא ביי די פאלעס
און ס'בעגלייט אן אונטער־שטימע
„אידען זענען אויך אין גלות !"

„אידען זענען אויך אין גלות !"
קלאגט זיך אייגער פון די וויינע
יא א שייגעציל האט נעכטען
איהם געווארפען הויפענס שטיי

און דער ארעמער נר תמיד,
אייביג מוז ער נעבעך וואכען.
אך, דער טעמפעל און די טעמפל
ס'איז צום וויינען און צום לאכען

ס'איז אין גאנצען איין נר תמיד,
קיינמאהל ווערט ער ניט פערלאש
דען ווי נור ער הויבט אן צאנקען
קויפט מען בוימאייל פאר א גראי

און דאס פייער'ל דערכאפט זיך
אטהעמט אפ און הויבט אן פאלען
ביי די פענסטער שמייכלען נאלדיו
בלאנקע, בלאנקע זונגען־שטראהלע

# וואו די מוזען קינדער ווינען

## געדאנקען-שפליטער

פון א. ל. וואלפסאן.

### די וואך.

מאנטאג איז זי קאלט צו איהם,
דינסטיג אויך געלאסען;
מיטוואך ווערט זי ווייכער פיעל,
ווי וועש נאר־וואס געוואשען.

דאנערסטאג ווי אייז־קריעם זיס, און —
פרייטיג לעבען ביידע
ווי טויבען צוויי, ווייל יענטע ווייס אז —
שבת קריעגט ער „פיידע".

### זשורנאליסטען.

דאס הענטעל האט קיין ווילען ניט
און גליטשיג איז די פעדער;
אין „יענקי דודעל'ס" פרייע לאנד
ווערט לייכט א שרייבער יעדער.

עס לאכט „די האנד" וואס ווידזשעס נעהמט
פון דעם וואס טרוימט חלומות,
דער דיכטער האט די גאס פאר זיך,
די הענד — די שרייב־מקומות.

### אידיש.

א ריעזין איז שוין אונזער שפראך
און האט שוין וואס צו געבען,
עס מאכען פילע שרייבער שוין
ביי „איהר" כמעט א לעבען.

מען מאכט שוין היינט אויף סיגארעטס,
אויף טעה, די האלדז צו נעטצען:
מען לעבט פון „איבערזעטצונגען"
און אפט אויך פון „פארזעטצען".

### הערבסט־מאטיווען.

ווען אדם האט נאך זארגען־לאז
שפאצירט מיט חוה'ן נאקעט
און חוה האט נאך ניט געוואוסט
צו קריכען אין זיין פאקעט.

דאמאלס פלעגט זיין ליעד צו איהר
מיט געטער־קלאנג ערשאלען;
ספעציעל דאס ליעד וואס הויבט זיך אן
מיט — „ווען די בלעטער פאלען".

י. ראלניק:

## ווינטער אין דער היים

מענשען בלאנדזשען ווי פערחלומט,
רווישלאז בעטען זיך די טריט,
ווייסע פעדערלאך אויף קישענס
פון דער הויך דער הימעל שיט.

בלומען בייטען איינגעטוליעט
ליעגען אונטער קאלדרעס שניי,
אויף די שויבען האט א גערטעל
זיך צרוואקסען פראנק און פריי.

ליכטלאך הענגען פון די דעכער
פלאקערען אין זונען שיין,
פאלען אין דעם רעכטען ברענען
אין דעם קאלטען שניי אריין.

פוקסען פאהרען אין קארעטען
בערען גריסען זיך גאלאנט,
גאסען אויסגעפילט מיט פיענע
פון פערקיהלטען ווייסען שמאנט.

וועגען יאגען זיך אהן רעדער
גאר דער טייך א שפיעגעל פלאאר
און דער ליעבסטער מיט דער ליעבסטער
געהען אום אויף מעסערם גאר.

## לעבענס־ווארהייטען

פון א. ראדוצקי.

.1

האסטו דאגות פיעל און זארגען,
סעטל היינט, ניט לאז אויף מארגען;
מארגען וועלען זיין פיעל מעהרער,
און צו סעטלען וועט זיין שווערער.

.2

שאפסטו עפעס, שאף וואס גיכער,
דען דאס לעבען איז א וויכער;
„שפעטער" קען דיין פלאן צושטערן
און קיינער וועט דיין שטים ניט הערן

.3

זוכסט א כלה, קלייב ניט איבער
יוגענד, שענהייט, בליהען איבער;
בלוטען ווערען שוואכער, קעלטער,
קיינער ליעבט ניט אויף דער עלטער.

## פערבלאנדזשעט

פון העל־פען.

איך קוק דורך'ן טיר־שלאס. א טישעל מיט בלומען.
א פענסטער, א סאפקע אנטקעגען.
עס ליגט אויף דער סאפקע א מיידעל א יונגע
מיט לאקען ווי גאלדענער רעגען.

עס שימערט א דעקע אריבער איהר קערפער
אין פאלדען אין ענגע פערצויגען
און זי — אזוי הארציג... האלב טרוימט זי, האלב לאכט זי,
צום באלקען ארויף מיט די אויגען...

עס טראגען די פינגער א דין פאפיראסעל
פערליעבט, צו די ליפעלאך בלומען
עס ציעהען זיך דין־בלויע שלאנגען צום באלקען
און ווערען אין וואלקענס צעשוואומען.

עס ציעהט און עס רעגט זיך דאס מיידעל אין סאפקע
די דעקע פאלט לאנגזאם ארונטער
עס לאכט אויף איהר קופערנער שטאנג די פאפוגע
זי לאכט ווי א קינד אזוי מונטער...

און פלוצלינג א רוף טוהט די יונגע בלאנדינקע
דערזעה איך א הינטעל א שווארצען.
האוו־האוו! און א שפרונג. און דאס הינטעל, עס טאנצט שוין
ארום אויף איהר נאקעטען הארצען...

און ווייטער... איך ווייס ניט. מען פרעגט מיך „זי ווינשען?"..
עס שמייכלען צוויי העל־בלויע אויגען..
„זי ווינשען?" אוי הימעל — זי ווינשען? ווי הארציג—
ווי שלאנגיג עס האט זיך געצויגען

זי ווי־נ־ש־ע־ן???— — — — — — — — — —

## א פיראמידע

פון מעפיסטא.

אט אזוי
קוקט ווי איך בוי;
ס'וועט א פיראמידע שטעהן
איא, איהר זעהט שוין וואס איך מיין?
עס איז א פראכטפאללער געדאנק:
אויבען קורצע שורות און פון אונטען לאנג,
דאס איז דוכט מיר א מאדערנע מאדערנע ליעד,
וועלכעס מיידעל ס'קושט מיך קריגט אט דיעזען פיראמיד...

Jan 19, 1912.



# וואו די מוזען קינדער וויינען

...ריגער.

## איך און די נאַטור

(ווינטער ליעדער)

1.

...יפט דער ווינט,
...ייט ער ברומט;
...הן ער ברומט
...וארק ווי פיין!

...יידט די לייב,
...ט אַ שטריק;
...נדט די הויט
...ראָסט און קעלט.

...זך איז גוט
...זען היינט;
...אגען זיך
...יהם, מיט איהם...

...אָגען זיך —
...יין גאס אויס;
...יפען שטארק
...ועלט און מענש...

...יפט דער ווינט
...ייט ער ברומט,
...ב איך איהם!
...ב איך איהם!

— — — — — — —

...ינט איהר דאָך
...ין אין גאס
...יף אין ווינט?
...ילה חס!

...ט איהר פערד!
...ט איהר פערד!
...ץ אין „לאָנטש“,
...ינק זיך טהיי.

...ואָג אזוי,
...זאָג אזוי...

— — — — — — —

2.

...לט דער שניי
...ויז און מענש,
...ס ער איז!
...זהר ער איז!

...ז — זעהט!
...ולען דאָס

פון הימעל ריין,
פון הימעל הויך.

און גאָט, ווי גוט
עס איז מיר יעצט!
ווי ליעב מיר איז
דיין וועלטעל גאָט.

לאָז פאלען שניי
וואָס מעהר און מעהר!
פערשיט פערשיט,
די גאנצע ערד...

זאָל ווערען ווייס
וואו ס'איז נור שווארץ,
ווי גוט איז מיר —
ווי ריין מיין הארץ!

ווי גוט עס איז
צולויפען יעצט
און קייקלען זיך
אין ווייסען שניי!

ווי גוט עס איז,
שוין לויפט ארויס!
פערלאָזט די הויז,
איהר קינד און גרייז,

איהר מאן און פרוי!
ניט קוקט וואָס איהר
האָט ניט קיין שיך;
לויפט שנעל אין שנעע
און פאלט אין שנעע...

— — — — — — — — —

און מיינט איהר דאָך
איך בין אין גאס
און לויף אין שניי?
אוי ווינד און וועה!

אוי שוטים איהר
קיין מענשען גאָר;
נור פשוט פערד!
עס פעהלט מיר מעהר
קיין צרות ניט?!

איך ליעג מיר יעצט
איך ליעג אין בעט...
מיט שוך און ראָק,
מיט האק און פאק,

איך ליעג אין בעט
און טרייסעל זיך...
און דרעמעל זיך...

— — — — — — — —

העל־פען.

## דער בער און זיין עק

כמעט א פאבעל.

אַ זאָג מיר געליעבטע, האָסטו שוין אמאָל
געלערענטע חיות־טאלאנטען געזעהן?
אַ מאלפע וואָס רעדט? און אַ בער וועלכער טאנצט?
ביזטו שוין אמאָל אין א צירקוס געוועז?

א בער איז ביי אונז דאָ אין צירקוס פערהאַן
מיר רופען איהם „ערעלער זינגער“ דעם בער
ער זינגט אזוי הארציג ער זינגט אזוי שעהן
עס ווילט זיך איהם הערען אלץ מעהרער און מעהר...

די וועלט האָט געקרוינט איהם — דעם זינגער דעם בער
דער בער אָבער האָט זיך געשעהמט פאר דער וועלט
ר'איז קיינמאָל אויף ביהנעס אויף גרויסע געוועז,
ווייל, נעבאך — עס האָט איהם דאָס שעהנסטע געפעהלט.

דאָס שעהנסטע — אנ'עק האָט דעם בערעל געפעהלט
און ער האָט געמיינט אז דאָס שאדט זיין טאלאנט.
נו האָט ער א בערישען עק זיך בעשטעלט
אזש־אזש פון פאריז. ס'האָט געקאָסט א בריליאנט.

צוגלייך מיט דעם עק אין דער אייגענער נאכט
האָט עמעץ צו אונז דאָ אריבערגעבראכט
אַ קינסטלער א לייב א דראמאטישען ריעז.
א רייכער באנקעט איז געוואָרען געמאכט.

אַ רייכער באנקעט איז געוואָרען געמאכט
פאר איהם פאר דעם לייב דעם דראמאטישען ריעז.
פיעל חיות־טאלאנטען געוועזן זיינען דאָרט
מיט זיי אויך דער בער מיט זיין עק פון פאריז...

בעגריסט האָבען אלע דעם קינסטלער דעם לייב
יא, אלע די חיות פון אמת'ער קונץ...
זיי האָבען איהם אלע בעגריסט און געלויבט
„דער שטערען דער גרעסטער ביזטו צווישען אונז!“

געברומט האָט דער בער נאָר: קאָלעגען! איהר שענקט
דעם לייב מיט זיין כבוד אויף מיינעם אוועק...
מיט איהם, מיט דעם שטערען דעם גרויסען איז אויך
געקומען אַ שטערען א קליינער — מיין עק...

פון פאריז...

# וואו די מוזען קינדער וויינען

הזק'ם אייניקעל:

## נישט געזאָרגט

האָסטו נאָך נישט אָבגעפּרווירען
ריינע לאַנגע, עזעל־אוירען,
פון די הענד און פיס די פינגער,
און דיין אָדלער־נאָז, די קרומע,
האָבען זאָלסטו נישט קיין שרעק!
זאָלסט זיך, חבר, גאָר נישט זאָרגען,
דען דאָס קען פּאַסירען מאָרגען,
מאָרגען אָדער — איבער־מאָרגען —
ווינטער איז נאָך נישט אַוועק!

געהסטו אום, מיין פריינד, מיין יונגער,
און דו ליידעסט דאָרשט און הונגער,
און דיר דאַכט, אַז נאָך דיין מאָגען
וועסטו באַלד אַ קדיש זאָגען,
און צו ליידען איז דיר שווער --
זאָלסטו, חבר, גאָרנישט זאָרגען,
דען עס קאָן פּאַסירען מאָרגען,
מאָרגען אָדער — איבער־מאָרגען,
זאָלסטו, חבר, ליידען מעהר!....

טאָמער וואַנדערסטו ארומעט,
און אין הארצען נאָגט אַן אומעט,
צרות האָסטו פון רעדאַקטער,
אויף דיין חשבון — וויצען קנאַקט ער
און פערשאַפט דיר טיעפען פיין;
זאָלסטו גאָרנישט זיפצען, זאָרגען,
דען עס קאָן פּאַסירען מאָרגען,
מאָרגען אָדער — איבער־מאָרגען
זאָל דיר, פריינד, נאָך ערגער זיין!

אָט האָב איך אַ פריינד אַ גוטען,
וואָס זיין הארץ טהוט מעהר נאָך בלוטען;
וואָס ער האָט שוין לאַנג פערגעסען
וואָס עס הייסט אַזוינס גאָר עסען,
דאָך פערלאַכט ער יעדער טרער;
ער פערלאַכט די שרייבער־גרענדע,
זאָגט אַ ווערטיל נאָך צו ענדע,
האַלט אַ סענט — פאַר אַ לעגענדע,
אַ לעגענדע, און נישט מעהר!...

יוסף ראָלניק.

## א לויב־געזאַנג דעם וויין

פולער גיסט דעם רויטען וויין,
פולער מאַכט דעם בעכער,
זאָל אַ זאָרגלאָזעם געזאַנג
קלינגען, שטייגען העכער.

פרייד, וואָס האָט אין אונזער ברוסט
וואַכען לאַנג געשלאָפען,
אויפגעפלאַמט האָט מיט אמאָל
פון זיסען בליץ געטראָפען.

וואָס מיר מאָרגען, וואָס פאַרבערך,
וואָס מיר שווערע פּראַצע!
היינט איז יום־טוב, היינט איז פריי,
טאַנץ זיך אוים דו קליאַטשע!

האָניג־זים איז פרויען קוש,
האָניג קומט פון ביהנען,
און פון יעדען פרויען־צונג
ביהנען־גיפט טהוט רינען.

זיסער איז דער גלעזעל'ס קוש,
זיסער ביז ענטציקען,
האַרציגער פון ווייבער הענד
מענער לאַפּעם דריקען.

האָט אַ בלינדע האַנד אַ כוס
אויסגעקעהרט אין גאַנצען,
ווערען שיכור טיש און באַנק,
געהען שטולען טאַנצען.

געהען שקאַף און פּאָליצע,
שטיל און אָהן דיבורים,
דרעהען זיך ווי שדים אום
אין אַ ווילדען שטורם.

שטעלט זיך ווער דער שקאַף אין וועג
גערן צו אומגערן,
ברעכען וועט ער רוק און לענד
וועט געשעדיגט ווערען.

דריבער זינגט אַ לויב־געזאַנג,
א דאַרציגען, דעם בעכער,
פרייער שאַלען זאָל דאָס ליעד,
פלאַמענדיגער, העכער!!!

קאַרל בוססע.

## דער וואַנדערער

אידיש פון העל־פען.

עס האָבען געוואַנדערט דריי וואַנד'רער,
דער טאָג איז אַוועק אָה אַן ציעל.
פאַר־נאַכט האָט פערגלוסט זיך די וואַנד'רער
צו כאַפּען אַ קערטעל, אַ שפּיעל.

„העי, חברה!" פרעגט לוסטיג דער איינגסטער:
„זאָגט, שפּיעלען מיר אפשר פאַר געלד?"
עס שמייכעלט דער עלטסטער און ענטפערט:
„מיר שפּיעלען אַצינד פאַר דער וועלט".

דער איינגסטער, אַ לוסטיגער בחור,
אַזוי ווי אַ זומער־טאָג פריש,
ער וואַרפט די האַרץ־דאַמע די רויטע,
הויך־לאַכענדיג, ווילד אויפ'ן טיש:

„העי, חברה! וואָס זיצט איהר ווי גולם'ס!
איהר זעהט ניט? ביי מיר איז דאָס גליק!
די וועלט וועט שוין מיינע פערבלייבען....
יאָ, מיינער איז איצטער דער זיעג!

דער צווייטער, אַ קראַנקער, אַ בלאַסער,
ער ענטפערט איהם רוהיג און שטיל:
„גערעכט.... נאָר צו וואָס זיך בעריהמען?
איז דען שוין צו ענדע די שפּיעל?

מיך שרעקט אויף אַ האָר ניט דיין דאַמע,
מיך שרעקט ניט דיין גליק, וואָס איז רויט,
איך קום מיט מיין שוואַרצען קרייץ־צעהנער
און נעהם עס — ווייל איך בין די נויט...."

אַ ברום געטהאָן האָט דאַן דער עלטסטער,
און הייזעריג־קאַלט זיך צעלאַכט:
„איי, חברה, ממזרים'לעך קלוגע,
וואָס איהר פאַר אַ חכמה'לעך מאַכט —

די וועלט איז דאָך מיינע! איהר זעהט ניט?
ז'איז מיינע מיט גליק און מיט נויט.
איך קום מיט מיין איינס'ער דעם העכסטען
און נעם זי — ווייל איך בין דער טויט!

מעפיסטאָ:

## אונזער וועלטעל

פון'ם בוך „דער וואַנדערער".

איידער נאָך אַפּאָלאָ עפענט
זיינע גאָלד־פערזוימטע אויגען,
ווערט דער הימעל, טיעף אין טרויער
מיט אַ גרויקייט איבערצויגען.

אַך, ווי טהוט איהם וועה די שעהנ־
קייט,
וועלכע וועט אין בלאָטעס שיינען!

טריפּען טרערען פון'ם הימעל —
די מלאכים אלע וויינען....

מאַרקען, גאַסען, ווייבער, מענער —
אַך, ענטשולדיגט, ניט קיין מענער—
אידען האָב געוואָלט איך זאָגען,
דאָס איז אמת'ער און שעהנער. —

אונטער זון־שיין. קנוט און אייזען,
טיעף אין דרייען איינגעבויגען,
זינגען זיי „גם זו לטובה".
לאַכען הינטיש זיי'רע אויגען.

בעט דאָס פּאָלק: אוי גרויסער בורא,
כ'וויל דיין נאָמען ניט פערשוועכען,
נור צו קריכען אין די הימלען
קען מען האַלדז און נאַקען ברעכען!

איז דער בורא דאָך אַ גוטער,
פול מחילה צו דעם זינדער,
נידערט ער אַלץ טיעפער, טיעפער,
ביז ער גרייכט צו זיינע קינדער.

לעבען אידען זיך בשפע,
בליהט דער האַנדעל — קלייבט מען
נחת;
מונטער קלינגט דער קלאַנג פון גראָ־
שענס,
אלע גוים צו להכעים.

יעדער לעבט זיך „תחת גפנו",
פאַר אַ גראָשען קריגסטו אלעס:
לאָפּשענס שוועבעלעך און כבוד,
שאר ירקות, שעהנע כלות.

ביליג... דוכט מיר נאָך אַ ווילע
וועלען זעהען מיינע אויגען:
קרעמער־אינגלעך אין די גאַסען
איילען, לויפען פייל פון בויגען,

מיט נשמה'לעך פערפאַקטע
אין פּאַפּירלעך פון קאַרמעלען —
„קויפט, אַ גראָשען אַ נשמה,
גוטע הערצען און מאַמזעלען!"

Feb. 2. 1912

# וואו די מוזען קינדער וויינען

טאָגראַף

## טיפּען פון דער גהעטאָ

.1

### דער קמצון.

זרער און א מאָגערער
קרומליך אויסגעבויגען,
האָט צוויי שפּעלטלאַך אויף דעם אָרט
ס'דאַרפען זיין די אויגען.

איז א בירגער דאָ אין לאַנד
ט ענגליש גוט „אַלבעטשע"
ז רופט ער לאַיערס „פּיה"
ה די געועטצע.

איז א ספּאָרט א לעבע־מאַן
ז דאָלאַר ניט געבונדען:
קומט אין קאַפע־הויז גאַנץ אָפט
„ספּענט" דאָרט צוויי דריי שטונדען

גיט א „טיפּ" א גוטען פריינד
ן מאַכט זיין פּעלד אַלץ ברייטער;
גיט א „טיפּ" אין הלכות לאָא
וך ניט קיין טיפּ דעם ווייטער.

· שרייבט אַרטיקלען זעהר אָפט
'ן צייטונגען פאַר לעזער;
ין שפּראַך איז לייכט, זיין אידיש קלאָהר
פילו פאַר כינעזער.

ד איז א מענש מיט מעלות נור
יט פיעלע גוטע מדות;
ון ענגליש שרייבט ער פּונקט אזוי
י שרייבען וואָלט ער אידיש.

ר האָט א בוך שוין אָבגעדרוקט
און יענקי לשון דוקא:
נר זאָגט אז לאָיערס זיינען פּייקס
א לאָיער איז א פּיאַוקע.

ער האָט קיין ווייב, קיין קינד, קיין רינד,
ער דאַרף דאָס אויך ניט האָבען;
דער דאָלאַר —זאָגט ער — קומט אָהן שוועהר
צו וואָס דאָס געלד בעגראָבען?

און טאָמער פיהלט ער איינזאַם זיך
דאַן ווערט ער גאָר א זינגער;
ער שמידט פון „קופּער" אוים דעם טאַקט
און האַרמאָניע פון „קלינגער".

עס ווינקט דאָס לעבען פריינדליך איהם
און לאַסשצעט איהם מיט שטראַהלען;
דאָך ער בלייבט בלינד און זאָגט מיט שטאָלץ,
איך וויל אין סאָכע פאַלען.

חוזק'ם אייניקעל:

## דער פאַ־גראַם־טשיק

(א מתנה מיין קאָלעגע)

א פּערטיעפטער אין רעיונות
זיצט א מאָדנער איד,
און ער מאַטערט זיך, סכנות,
שרייבענדיג א ליעד.

און זיין מוח נישטערט, נישטערט,
זוכענדיג א וואָרט —
אין זיין שטיבעל הערשט א שטיל־
קייט,
גליין א הייליג אָרט!

שוין צוזאַמען אַלע גראַמען,
ריכטיג, אַקוראַט;
יעדער שורה שטעהט בעזונדער
פּונקט ווי א סאָלדאַט!

זיינע גראַמען, זענען וואונדער!
גראַמען פון א גוי;
גאָר די ערשטע, ערשטע פערזען
גראַמען זיך אזוי:

פּלוימען, שוימען, קוימען, טרוימען,
פלאַם און תם און ים;
עטעל, בעטעל, סיגאַרעטעל
סם און סתם און האַם!

ווייטער קומט א בינטעל גראַמען:
אויסגעדראָשען שטרוי,
עפּעל, צעפּעל, קוגעל־טעפּעל,
אוי, עם בייסט א פלוי!..

און דער מאָדנער איד שעפּט נחת
פון זיין וואונדער־שיר —
געהטאָ, שיללער, בייראָן, היינע,
קומען נישט צו מיר!

און ער שרייבט זיין ליעדעל איבער
אויף א ריין פּאַפּיער;
אין זיין צייטונג, דער בעליעבטער,
שיקען וויל זיין שיר...

פיקס־און־פּאַרטיג... א פערקלעבטער
איז שוין דער קאָנווערט —
פּלוצים בלייבט דער מאָדנער דיכ־
טער
זייער שטאַרק פערקלערט.

קנייטשט דעם שטערען און זיין
קלערען
נעהמט צו א מעת־לעת;
און ער פרעגט זיך: ווער זשע וועט
מיר שרייבען דעם אדרעס?...

העל־פּען.

## איך און דער טייפעל

אזוי ווי די נאַכט איהרע שטערען,
אזוי האָט דאָס האַרץ זיינע ליידען,
עס לערנען די ליידען אונז וויינען
זיי לערנען אונז וויינען און ריידען.

דאָס ליעדעל איז אַלט ווי דאָס לעבען.
מען זינגט עס זייט אייביגע יאָהרען
עס זינגען עס אימער די מענשען
וואָס האָבען די ליעבע פערלאָרען.

צו איך האָב דיך ליעב געהאַט מיידעל?
צו איך האָב דיך ליעב נאָך אַצינדער?
א פרעגע עס ביים אייגענעם האַרצען —
א פרעג עס אין גאַס ביי די קינדער...

ניט איינמאָל — איך טראַכט פון מיין ליעבע
דאַן הויב איך אָן הייליג צו גלויבען:
אז איך בין צו דיר אין שליחות
אַרונטער געקומען פון אויבען.

אין נאָמען פון אויבערשטען זינג איך,
איך וויין מיט דעם אויבערשטענס טרעהרען...
ער האָט מיר געגעבען דעם כח
צו שענקען דיר הימעל און שטערען...

איך טראַכט — און איך הער דיין געלעכטער
ווי דאַן מיט טרערען אין ד'אויגען
בין איך אויף די קניען געלעגען
פאַר דיר, ווי א זינדער געבויגען...

איצט דאַכט זיך מיר, זעה איך דעם טייוועל
ביי דיר אין דיין אַלקעריל, מיידעל...
דו טהוסט איהם א גלעט און ער קיצעלט
דיין האַרץ מיט'ן עק פון זיין ווידעל...

## אני במזרח, ולבי במערב

(ניט נאָך יהודה הלוי...)

מיין האַרץ איז אין בראָנזוויל און איך בין אין יפו
א קראַנקער דאָ וואָגעל איך אום...
אָהן האַרץ און אָהן לעבען, אָהן ווילען, אָהן שטרעבען...
א טרוקען פערוויאַנעטער בלום...

און אַלץ וואָס ערקוויקט נאָר א האַרץ און נשמה,
ניט ריהרט עס אפילו מיין האַרץ...
די שעהנסטע און העלסטע, די רייצענדסטע בילדער,
מאָהלט מיר מיין דמיון אויף שוואַרץ...

און כ'וואָגעל אַרום נור אין עצבות פערזונקען —
א מיעדער, צובראָכען, פערלאָזט...
מיין האַרץ איז אין בראָנזוויל און איך בין אין יפו,
— כ'האָב אין א „שאַפּ" איהר געלאָזט...

י. ש. ב—ר.

יפו, פאַלעסטינא.

Feb 9 1912.



# שלים-שלי-מזל זוכט א כלה פון די פייפערס

(אין דער טויבען-פּאָסט.)



שלימזל (לעזט): „איך בין א מיידעל מיט א שטילען, רוהיגען, צוריקגעצויגענעם כאַראַקטער. איך שלייע זיך ניט ארום אין די גאַסען, קום ניט אין די דענסינג האָלס, געה קיין מאָל ניט ארויס פון הויז, מיין וואונש איז צו געפינען א לעבענס בעגלייטער וואָס זאָל מיר מיט זי־כערע הענד דורכפיהרען דורך דעם לעבענס-וועג.

סיידי וועגעלמאַן.

שלימזל (אריינקומענדיג אין הויז): איך האָב'ע — האָפענטליך קיין טעות ניט. ע — וואָהנט דאָ פריילין סיידי וועגעלמאַן? יא? א דאַנק פאַר דער פריינדליכקייט — איך וואָלט איהר געוואָלט אָנקוקען.

די מאַמע (אונטערברעכט איהם): אָך מיט פּלעזשער, אָט פיהר איך זי אריין.

שלימזל (כאַפּענדיג זיך פאַר'ן קאָפּ): אַי גוואַלד, איך וועל זיך א מעשה אָנטהאָן, איך וועל פון זינען אַרונטער! מיט אַזא פּערזעהעניש, מיט אַזא וויסטע קאַליקע וועל איך חתונה האָבען.. באַשערט געווען ארויסוואַרפען א גאַנג און נאָך דער־לייגען א בלוטיגען סענט. טפו זאָל עס ווערען...

הערל־פּען:

## אויף אַ באָלל

אַ קלאַפּ אין דער פּויק, און עס שפּיעלט דער אָרקעסטער
דעם וואַלצער דעם ערשטען. אַ רגע — אַ בליק —
און ס'דרעהט זיך אַ קרענצעל פון טאַנצענדע פּאָאָרלאָך
בעגאָסען פון בלענדענדען שיין און פון גליק.

עס דרעהען זיך, וויעגען זיך, בויגען זיך פּאָאָרלאָך
עס פלעכט זיך די ליעבע אריין אין דער מיט —
עס צינדען זיך הערצער און אויגען און בעקלאָך
און לוסטיגער טאַנצט מען, עס זינגען די טריט....

עס זינגען די טריט און עס שפּיעלט דער אָרקעסטער,
עס קלינגט אין די טענער אַ שטילער פערלאַנג...
עס קושט דער פערלאַנג אַלע טאַנצענדע הערצער,
אָ גאָט, היט זיי אָפּ פון אַ שלעכטען געדאַנק....

אוי, זעה נאָר דאָס קינד דאָרט ווי שעהן זי בעוועגט זיך....
כאָטש טאַנץ איהר אַנטקעגען און גיב איהר אַ קוש....
איהר בחור נאָר — גאָט זאָל איהם נעבאָך בעהיטען,
ווי לעפּיש ער שטעלט דאָס אַנידער אַ פוס?....

אָך טייוועל! דער קעריל פערדאַרבט מיר דעם וואַלצער!
כ'וועל בייז ווערען, כאַפּ איך און וואַרף איהם ארויס!
און דאָך, ס'אַ רחמנות.... אַן אָרעמער בחור...
אָ זעה ווי ער פרעהט זיך.... זיין גליק איז איצט גרויס...

טאַנץ, בחור'ל, טאַנץ. ניין, איך וועל דיך ניט טשעפּען,
דו האָסט אַזאַ גליק דאָך נאָר איינמאָל אין וואָך
אָט באַלד נאָך אַ שעה און דער מאָרגען וועט קומען —
און איינשפּאַנען וועסטו זיך ווידער אין יאָך....

טאַנצט, קינדערלאָך, פרעהלאָך. טאַנצט לוסטיגער, ווילדער!
אַ טוליעט זיך... טוליעט זיך... נעהנטער... אַזוי...
אוי, אוי, ווי איך פרעה זיך — מיר דאַכט זיך ארומכאַפּען
וואָלט איך געקענט איצט — אַפילו אַ גוי!

אווי פיעל הערעוואניע, שטעלט זיך פאר וויפיעל כחות עס וואלט זיך געפאדערט פאר א ראמאנענשרייבען און וויפיעל ער וואלט עס געדארפט הערעווען צו קאמפלי־צירען א ראמאן. דאס, וואלט ביי לייטען אַ‎נגנומען, דער חשק צו ש א פ ע ן אין דאן, ווען דיעזע גליקליכע צייט וואלט שוין נעקומען, דאן וואלטען מיר זיך אלע גענומען גראטולירען אין א פרעהליכער שעה.

די פען מוז אבגעשאפט ווערען!

און אז די פען וועט אבגעשאפט ווערען, וועט אונז די געז־קאמפאניע ניט שרייבען קיין געז־בילס: דער לענדלארד, וואלט אונז ניט שרייבען קיין מוף־צעטלעך; דער גרא־ספערי־מאן וואלט אונז ניט שרייבען זווי־גע חשבונות; און איבערהויפט, מיר וואלטען ניט דארפען שרייבען קיין ליע־בעס־בריוולעך צו אונזערע שונאים, זיי זא־לען אונז אויסשרייבען א פאר טשעקלעך.

ניערער מיט דער פען! עס לעבע די שטיינהאקעריי.

# שלים-שלי-מזל זוכט א כלה פון די פייפערס

(אין דער טויבען-פּאָסט.)



**שלימזל** (לעזט): איך בין א מיידעל, בלוט און מילך איך קוק נים אויף שעהנע פנים'ער, אויף געלט און אויף דזשולערי, — מיין פערלאנג איז בלויז א שטילען ערענטליכען יונגען מאן.

**שלימזל** (ענטציקט): פונקט ווי געוואונשען! ענדליך וועל איך דאך ער־רייכען מיין ציעל און קריגען די מיידעל נאך וועלכער איך האב אזוי געבענקט; איך מוז איהר געפעהלען!

**שלימזל** (דערזעהענדיג די כלה): הא? וואס? א בלינדע גאר? גאט, מיין גאט! היינט געה גלויב וואס א צייטונג שרייבט! נא־מאר, מעהר קויף איך שוין נים די טויבען־פּאסט, טפפו!...

העל־פען:

## אין א מוזען-שטונדע

מיער, פערשלאָפען שרייב איך איצטער, וואָס איך שרייב?—איך ווייס ניט!
בילדער זעה איך: האלבע, גאנצע, אויסגעמישטע פארבען.
עפּיס פלאָגט מיך, עפּיס טוהט מיר אזוי גוט אצינדער.
רוהיג, רוהיג דאכט זיך מיר, וואָלט איך אצינדער שטארבען.

יאָ, איך פיהל אזוי. און דאָך — איך קען עס מיר ניט גלויבען,
טאנצט ניט יעדער מענש אין מיינע יאָהרען, אום אין לעבען
ווי א הירש אין וואלד?... יאָ, קינדער, יאָ. ווי גוט איז יענעם
וועלכער האָט זיין גאנצע האָפנונג נאָך ניט אויפגעגעבען...

שטיל מיין הארץ. איך בין שוין מיעד פון גאָט און פון דעם לעבען,
שוין צו אָפט האָב איך אלס גאסט ביים טייוועלס טיש געגעסען...
און וואָס איז מיר דאָס שעהנסטע — אונזער ליעבע?... פיהרט זי דאָך
אין בעט אריין, די בעטלערקע אזוי ווי די פרינצעסין...

דאָ ניט לאנג האָב איך א ליעד געלייענט פון א דיכטער,
וויינט דער ארמער אין זיין ליעד — א טויטען צו בעקלאָגען...
בלאס און קרענקלאך, וויל ער נעבאך, זאָל איהם זיין די ליעבסטע,
וויל — די פאָהנע פון זיין פאָלק זאָל זי איהם העלפען טראָגען...

ארמער ריכטער, ארמער מענש! ער שטעהט מיר פאר די אויגען,
אין זיין צימער זיצט ער פונקט אזוי ווי איך אצינדער;
מעגליך אויכעט, אז ער טראכט, אז ער וואָלט איצט, געקאָנט שוין
טאָטע זיין פון מינדעסטענס — א האלבען דוצענד קינדער...

עלענד זיינען ביידע מיר, נאָר יעדער אויף זיין אופן
ער וויל איינע נעבאך נאָר... און מיר געפעלט זיין לשון...
ער וויל איינע — מיך האָט שוין די צוואנציגסטע פערלאָזען,
אלע צוואנציג האָבען ניט די ווערט געהאט קיין גראָשען...

קינדער. יא, איך בין געווען א קרבן... נאָר צום אומגליק
פיהל איך, אז איך בין אצינדער אויך נאָך ניט געשטאָרבען...
זיכער וועלען פרויען נאָך — ניט איינע — מיך פערלאָזען
זיכער וועל איך נאָך ניט איינמאָל זיין דערזעלבער קרבן...

זאָגט איך וואָס איהר ווילט: מיין הארץ אליין זאָגט מיר דעם אמת.
לעבען הייסט: די שעהנסטע פרויען פאר געליעבטע האָבען.
האָסטו ניט איז — וועה צו דיר אָ מענש! דו ביזט פערפאלען.
סיידען טויט זיך אָדער לאָז זיך לעבעדיג בעגראָבען.

א מוזע מיט א גראבען בויך, מיט א רויט־שמוציגען שפיץ נאז, מיט בלייערנע ברילען, מיט קעסטעלדיגע הויזען, מיט אן אויפגעשפּאָלטענעם ראָק און א ווייך־הארטען, גרין־געל־שווארצען, שפּיציג־קייַ־לעכדיגען, הויכען, סאמעט־פלושענעם סטאָוו־פּייפ.

און פון יענעם טאָג אן, בעשטימענדיג איהם אלס מיין מוזע, האָב איך גענומען שרייבען און פון אייך, מיינע צוקער־צאָצ־קעדיגע, ליעב־הארציגע לעזער מאכען א לעבען.

ווי דאָס דאָזיגע לעבען האָט אויס־געזעהן, וועלען מיר, דאָס הייסט איהר, זיך דערוויסען פון די ווייטערדיגע קאפּיט־לען, איך האָב דאָס מיר נאָך דערמאָלט דערוואוסט... און איך גערענק ב"ה דאָס דאָזיגע לעבען; נאָך קיין איין פינטעלע, קיין איין שטריכעלע, קיין איין צרה, קיין איין הונגער־טאָג ניט פערגעסען... מיט אלע פישטשעווקעס...

האבע די עהרע!

Feb 23, 1912

# וואו די מוזען קינדער וויינען

א. פאטאגראף:

## טיפען פון דער גהעטא

4.

„גאלובטשיק“.

א הויכער שטערען טיעף געקנייטשט,
א פנים רויט ווי צונטער;
א אלטער איד מיט לעבען פול,
א שרייבער א „געזונטער“.

ער איז געווען א פארווערטס־מאן
געמאכט פון איהם א לעבען;
דאך פלוצלונג האט איהם אייבי קאהן
א „מאווינג־ווינק“ געגעבען.

עס האט דעם אלטען וועטעראן,
דער עסק שטארק פערדראסען!
און האט פערקלאגט דעם „פארווערטס“־באס
ביי זיינע קאמפפס־גענאסען.

דאך געבליבען זיינען זיי —
קליין־בירגערליך אהן רעגונג:
משמעות אז הארמאניש איז —
„באוועגער“, מיט „באוועגונג“.

עס האט זיין פען א צייט גערוהט,
עס האט זיין ווארט געשוויגען;
עס האט דער שקר טריאומפירט,
עס האט געזיעגט דער ליגען.

און ווען עס האבען שרייבער־הענד
דערפיהלט דעם דרוק פון אויבען;
דאן האט זיין שטימע זיי געדינט,
די „פען“ געהאלפען הייבען.

פון שטאדט צו שטאדט האט ער גערייזט
געשריען און געליארעמט;
ער האט דעם קאמפף געפיהרט מיט היין
און זייטיגע דערווארעמט.

ער האט געקלאפט אין קעסעל־פויק,
געוועקט פון שלאף רב משה'ן,
און מיט א נביא'ס שטים האט ער
געפאדערט: „ארביטריישאן“!

דאך פלוצלונג האט זיין שטים פארשאלט,
ער האט זיין מויל פארשלאסען;
דער נביא שווייגט, זיין מויל איז שטום,
און כשר די גענאסען.

דער פארווערטס האלט איהם איצט אין פלען
פארכאפט אין זיינע נעצען;
עס טראגט א שלאס, דער אלטער איצט,
דער שלאס הייסט — „איבערזעטצען“.

העל־פען:

## איך

שטאלץ צו זיין, האב איך געלערענט
שוין אין מיינע קינדער־יאהרען.
כ'האב זיך קיינמאל אין געפאהרען
אויף א רגע ניט פערלארען.

צו מיין מאמעס יעדער קללה
פלעג איך הויך אנ'„אמן“ זאגען.
זינגען פלעג איך, פייפען, טאנצען,
ווען מיין טאטע פלעגט מיך שלאגען.

און אין חדר — פאר א קנעפעל
האב איך הענט און האלז נעביסען
איינמאהל האב איך נאר דעם רבי'ן
טינט א פלאש אין קאפ געשמיסען.

איך דערמאן זיך און מיר ווירט זי...
איצט נאך פלאצען פון געלעכטער,
אוי, האט אויסגעזעהן דער אלטער
גוטער רבי — גאט גערעכטער!

יא, איך בין נעווען א תכשיט
נאר א טייערע נשמה
מעהר ווי האס און מעהר ווי ליעבע
האט געברענט אין מיר נקמה...

איך בין היינט א האהר ניט בעסער
פרעגט מיין ליעבסטער וועט איהר הערען
וויפיעל לעבען ז'האט פערלארען
זינט זי קען מיך... וויפיעל טרערען...

מענשען זאגען אז דער טייוועל
קוקט ארויס פון מיינע אויגען,
סיי ווי סיי האב איך פאר קיינעם
קיינמאל נאך דעם קאפ געבויגען.

איינער נאר — מיך שרעקט — וועט קומען.
קראנק ווען איך אין בעטיל ליגען
וועט ער הינטערוויילעכץ קומען
מיך בעפאלען און בעזיעגען...

אט — ער שטעהט מיר פאר די אויגען:
„מענש גיב אפ צו מיר דיין לעבען“...
דאך — ער זאל מיך אויף נאך ק.ג.ען
ביז איך וועל זיך אונטערגעבען...

צוואנציג מיידלאך זאל ער טרעפען
רונד־ארום מיין בעטעל טאנצען.
צוואנציג מיידלאך. זיידען־שיכלאך
אויף די פיסלאך... רייזען־קראנצען

אויף די קעפלאך... קליינע פייקלאך
אין די הענטלאך אין די קליינע,
טאנצען רונד־ארום מיין בעטעל
צוואנציג מיידלאך, יונגע שעהנע.

איך אליין וועל הילכיג פאטשען
אין די הענט און זינגען, לאכען.
וועט ער מיר זיין חלף ווייזען —
וועל איך בייזע שפאסען מאכען —

וועט די גאל אין איהם צעפלאצען!..
שעלטען וועט ער גאט און וועלטען..
וועט ער שעלטען — וועל איך לאכען,
און איך וועל איהם העלפען שעלטען...

חוזק'ם אייניקעל:

## מיין רוהע פלאץ

(נאך מארים ראזענפעלד.)

ניט זוך מיך, וואו די ברויטלעך ליגען,
געפינסט מיך דארטען ניט, מיין שאץ;
וואו בראנזוויל האדעוועט די ציגען,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ.

ניט זוך מיך, וואו מטבעות קלינגען,
געפינסט מיך דארטען ניט, מיין שאץ;
וואו דיכטער פוסטע ליעדלעך זינגען,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ.

ניט זוך מיך, ביי א ווייב, א טרייע,
געפינסט מיך דארטען ניט, מיין שאץ;
נאר עפעס ביי א „גרינע חיה“,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ...

ניט זוך מיך, וואו קארוסאס מענער
מאכען ס'לעבען זיס, — מיין שאץ;
וואו עקטערס קרעהען ווי די הענער,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ...

ניט זוך מיך, וואו די בערשטלעך ליגען,
געפינסט מיך דארטען ניט, מ[illegible]ן שאץ;
וואו קעמלעך, זייף... מען קאן ניט קריגען,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ...

ניט זוך מיך, וואו די מענשען לעזען,
געפינסט מיך דארטען ניט, מיין שאץ;
וואו ס'איז קיין בוך קיינמאל געוועזען,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ...

ניט זוך מיך ביי דעם טייך, דעם קיהלען,
געפינסט מיך דארטען ניט מיין שאץ;
וואו שכנים אין א פויקער שפיעלען,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ...

ניט זוך מיך, וואו מען וואשט אויס קאלערס,
געפינסט מיך דארטען ניט, מיין שאץ;
צווישען שרייבערס, דיכטער, מאלערס.
דארטען איז מיין רוהע פלאץ.

ניט זוך מיך, וואו די עלמאנס שפיעלען,
געפינסט מיך דארטען ניט, מיין שאץ;
וואו ס'גרילצען פידלען פונקט ווי גרילען,
דארט איז מיין רוהע פלאץ.

ניט זוך מיך, וואו מען ווייסט צו שאצען
יעדען דענקערס טיעפען זאץ;
וואו רעדנערס נעהמען געלד — און שוואצען,
דארטען איז מיין רוהע פלאץ...

און שטראפסטו מיך, מיין פריינד, מיין יונגער,
כ'וועל דיך הערען ווי די קאץ;
נור דארטען וואו מען שטארבט פאר הונגער,
בלייבען וועט מיין רוהע פלאץ...

March 2, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

פאטאגראף

## טיפען פון דער געהעטא

5.

דער שיעסער.

א מענש וואס טראגט זיין הארץ אין בויך
און איז קולטור'ס א טרעגער;
זיין אידעאל איז — פיש און פלייש
און עסט פאר צוואנציג יעגער.

ער ליידעט ניט פון וועלטען שמערץ,
און לעבט זיך שטיל צופרידען;
ער זאגט, ער איז דער איינציגער,
וואס שיעסען קען — ביי אידען.

ער פרעדיגט דורך דער פרעס צום פאלק,
איז מנהיג זיי צום גוטען;
דאך ער אליין, ער טאנצט פאר פרייד
ווען יונגע האזען בלוטען

ער פאהרט אין די אידאראנדאק'ס,
אין הערבסט ווען בלעטער פאלען;
און שרייבט נאכדעם ארטיקלען פיעל
אין אידישע זשורנאלען.

ער קען די טהירען-וועלט גענוי,
ער קען זיי אויסגעבונדען;
ער זאגט א בער איז פאנגען לייכט
ווען ער איז אבגעשונדען.

עס גליהט אין איהם דער „יעגער-פונק"
און הערשט אויף איהם גאנץ שטארק
(מע זאגט, שטודירט די טהירען-וועלט
האט ער אין סענטראל פארק).

עס זאל איהם צו קיין גנאי ניט זיין
ניט זיין זאל איהם צו שאנד;
„בן-יקיר" זאגט אז „נמרוד" בלאפט
אין רייזען'ס — „נייע לאנד".

דאך מאלע וואס „בן יקיר" זאגט
דאס רעדט אין איהם די קנאה,
דען יעדער נביא איז גענייגט
צו לייק'נען יענעם'ס שכינה.

די לעצטע יאגד האט איהם געגליקט,
און גליקליך איז די וועלט;
ער האט געכאפט א גאנצען הירש
(דער קאפ האט נאר געפעהלט).

ער נעהמט דאס לעבען ווי עס געהט,
און וויל פון אלץ געניסען
זיין גאנצע לעבען'ס טהעאריע
איז עסען, שרייבען, שיעסען!

מעפיסטא:

## שלוח המנות

דו האסט פערלאזט מיין איינזאם
האַרץ,
דאך כ'האב אויף דיר רחמנות
און שיק לכבוד פורים דיר
מיין שעהנסטען שלח המנות.

דעם שלאף פון שלאפלאז לאנגע
נעכט,
וואס צערטעלט מיינע אויגען,
מיין יוגענד-טרוים, מיין הארצענס-
רוה,
וואס איז שוין לאנג פערפלויגען.

דיין חתן שיק איך אלס געשאנק
א טייערען ארטיקעל:
א שווערד... א שפיעז... נור ניין,
ניט דאס,
שוין גלייכער גאר א שטריקעל.

און ווייס ער ניט וואס „שטריקעל"
מיינט
און וועט חליה גרייזען,
בעזוך איך דיך אום פורים-נאכט
און וועל איהם דאס בעווייזען.

און יום טוב'דיג וועט זיין ביי דיר
א פורים'ל אן עכטער,
און פרעהען וועט זיך דיין געוויין
מיט מיין, מיט מיין געלעכטער...

## א פאראלעל

פון אברהמיל.

„פרויען זענען גלייך צו ביכער" —
דאס האב איך ערפונדען, —
דען די שעהנערע פון פרויען
זענען אויך „געבונדען".

## טרעפט חברה!

(א רעטעניש).

שווארצע קליידער טראגט עס,
שיינט צו זיין אין טרויער,
און דאך טאנצט און שפרינגט עס
שטענדיג אונגעהייער.

מ. ג. רייצעס.

העל-פען.

## אמאל

דעם פורים-טאג, קינדער, געדענקט איהר?
איך טראכט פון פערגאנגענע יאהרען,
פערפאלען... עס וועט שוין ניט קומען
דאס גליק וואס מיר האבען פערלארען.

אמאל, יא, די קינדערשע שמחות,
ווי פלעגט מען דאס טאנצען און שפרינגען.
א קלייניגקייט — פורים-שלח-מנות —
די שפיעלערס — דאס שרייען — דאס זינגען...

איך זעה זיי דאך אלע נאך איצטער:
דער קעניג, דאן מרדכי און אסתר.
ביים זייט מיט א שטעקען אין לאפע
א יונג צווישען אלע דער גרעסטער.

זיין פנים אליין קען איך זאגען
אז דאס איז דער כלב רב המן...
איך טוה נאך אצינדער א ציטער
ביים קלאנג פון דעם דאזיגען נאמען...

דעם קעניג דערמאהן איך צו גוטען
איך מוז, יא איך מוז איהם איך לויבען...
אז ער האט פערליעבט זיך אין אסתר
איז פשוט אין נסים צו גלויבען...

אנ'אסתר — זאל גאט אייך בעהיטען
עס געהט מיר נאך היינט ניט פון זינען...
פאהרט אוים אין דער וועלט אין דער גאנצער
וועט איהר אזא שלאק ניט געפינען.

איין בילד וועל איך אימער געדענקען
רב זיינוועל דעם קלעזמער דעם אלטען —
זיין זוהן דעם משוגע'נעם לייביש —
צוויי זעלטענע מאדנע געשטאלטען...

פאר לייבישען האט מען געציטערט
מיט איהם פלעגט זיך קיינער ניט שפאסען
יאהר איין און יאהר אוים פלעגט ער לויפען
ביי טאג און ביי נאכט דורך די גאסען...

נאר איינמאל אין יאהר — אלע פורים
אזוי ווי פון א כשוף געפאנגען
איז ער מיט'ן טאטען געלאסען
פון שטיבעל צו שטיבעל געגאנגען.

געשפיעלט האט דער טאטע דעם פיעדעל
דער זוהן האט מיט פויסטען — ווי שטיינער
געקלאפט אויפ'ן פעל פונ'ם פייקעל
געקלאפט און געקריצט מיט די ציינער.

א שרעק איז געוועזען צו קוקען
איך פלעג זיך דאן אימער בעהאלטען
ווען זיי זיינעןביידע געקומען...
צוויי זעלטענע מאדנע געשטאלטען — — —

March 8, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

א פאטאגראף

## טיפען פון דער גהעטא

6.

ברא־וויסימא

ער איז שוין מעהר קיין אינגעל,
ער האט זיין פעקעל יאהרען;
פערפלאסען זיינען פופציג יאהר —
שוין, זינט ער איז געבארען.

ער האקט א טשאיניק זעהר אפט
און דוקא אויף יונות;
און קומט ער נאר אין „קאפע הויז“
דאן ברודער איז סכנות.

ער רעדט פון קונסט און פאעזיע,
פון רעדנער, זשורנאליסטען;
און איבערהויפט איז ער א מענש
קאטארי, וואס, ליעבט „איסטען.

ער איז א מענשעל „טאק סעביע“
א לעבעדיגער אינגעל;
און ווען ער רעדט באנעצט ער אפט
דעם פינגער אן זיין צינגעל.

ער איז א „אינדעפענדענט מען“
און דארף קיין לאסקעס בעטען;
און טאמער בעט ער יע א מאהל
איז בלויז נור — סיגארעטען.

ער איז א קינסטלער אין דעם פאך,
ער קען פין טויטע נעהמען;
דאך בעט ער ניט ביי אלעמען
ער וויים ווען, ווער — און וועמען.

ער האנדעלט מיט דער „סמעטענע“
מיט שרייבער פון גאזעטען;
„ביינע מענשען“ זאגט ער זיך
און מיינע — סיגארעטען...

ער מאכט א לעבען פון געזאנג
כאטש ער איז קיין זינגער;
ער שטעלט קארוסא׳ן צו די „הענד“
און נעהמט פון איהם די קלינגער.

ער זוכט נאר מענשען מיט טאלאנט
(ער האסט ווי טויט א באטשער)
ער זוכט נאר דעם וואס ליעבט געזאנג
און איז א גוטער פאטשער.

ער איז דער הויפט אגענט דאן־טאון,
פון אפערא געזאנגען;
א דאלאר „בלויז“ און איהר זייט „שור“
צו שטעה׳ן און הערען קלאנגען.

העל־פען:

## דאס קונסט־ווערק

נעכטען, שפעטליך שוין אין אבענד
זיינען ביידע — איך מיט איהר
אין דעם שעהנעם העסטער־גארטען
אומגעגאנגען אויף שפאציער.

זיצט אנ׳אלטער איד א גרויער
אין א ווינקעלע אליין
אויף א באנק אנ׳אלטער זיצט ער
שטום, ווי אויסגעהאקט פון שטיין.

אויסגעהאקט פון שטיין... א קונסט־ווערק
שטעהט אין גארטען, פראנק און פריי...
און די מענשען — גלייך ווי נאר־נישט
לויפען אלע דא פארביי...

כ׳האב נאך קיינמאל אין א קונסט־ווערק —
ניט געזעהן אזוי פיעל פיין...
ווי א שארפער בלאנקער חלף
שניידט עס זיך אין הארץ אריין.

ווער האט זיך ארומגעטראגען
מיט א וועה אזא אין הארץ,
אין א שטיין ארייגצוקריצען
לעבען — אזוי גרויזאם שווארץ?!

ווער איז יענער גרויסער קינסטלער
וואס האט אויסגעהאקט דאס בילד?
האט ער ניט אין איהם, זיין לעבענס
העכסטען וועה־געשריי געשטילט?..

ווארום האט ער ניט זיין קונסט־ווערק
אין מוזעאום אויסגעשטעלט?
לויב געזונגען און בעוואונדערט
וואלט איהם דאך די גאנצע וועלט!

„זעה“ זאג איך צו איהר „ווי פרעכטיג,
טריי צום לעבען אויף א האר“...
זיעגט דאס קעפעל זי און שמייכעלט...
שמייכעלט און — צעוויינט זיך גאר...

## א רעטעניש

פון אברהמ׳ל.

מיין קאפ איז א „למד“
איין „עין“ איז מיין סוף;
פאעטען און שרייבער
אפט גיעב איך פיעל שטאף...
די קעפ איך פערדריי איך
נאך מעהר, ווי דער ווין...
יעצט, קיבעצערס קלוגע,
זאגט, ווער קען איך זיין?



זינט אונזער יובילעאום נומער איז ערשיענען זיי
שוין פעראיבער 11 וו כען — און דיזע גאנצע 11 וואכען
אונזער אין קאנטרי־ס רווארפענער, אנגעזעהענער מיט אר
טער משה ליבערמאן געזעסען און געוויינט, ביטער געוויינ
ווארום זיין בילד איז יט געווען צווישען די בעלי־שמחות.
ליך האבען מיר די עהרע!

משה ליעבערמאן.

## וואלט געוואוסט נאר...

וואלט נאר יאנקעל עס געוואוסט,
אז א צווייטער האט געקוסט
זיין געטרייער ליעבער ראזען,
וואלט ער איהר דען ניט פערלאזען?

וואלט געוואוסט נאר שפרינצע מאלעם,
אז איהר חייקעל האט פינף כלות
און עם האט קיין ווערטה זיין ליעבען,
וואלט זי איהם דען ניט פערטריעבען?

וואלט געוואוסט דער רעוורענד מאטע,
אז די דרשות און קאפאטע
רופען נאר ארוים א לאכען,
וואלט ער דען זיך נאריש מאכען?

וואלט געוואוסט נאר דיכטער שלמה,
אז איהם רופען אלע בהמה
און אנטלויפען וועט זיין האדעל,
וואלט ער דען ניט זיין ביים נאדעל?

וואלט געוואוסט נאר יעדער איינער
וואס עס ווייסט ניט פון אונז קיינער
וואלט דאס לעבען דאן זיין שעהנער
און די סטאדע וואלט זיין קלענער...

Feb 23, 1912

9 דער קיבעצער

March 8, 1912

זיין שערעל ארבייט פלייסיג ;
ער שניידט ביי טאָג, ער שניידט ביי נאכט,
און שניידט שוין א יאָהר דרייסיג.

און אָפט מאָהל זיצט ער ביז פארטאָג
מיט זיין בלאָנקירטען „חבר“ :
זיין שערעל שניידט דעם „היינט“ ארויס
און מאכט דערפון אַן עבר.

די שערעל, איז א טהייל פון איהם
כמעט ווי צוגעוואקסען ;
ער שניידט א מאָהל ביי „שלום'ען“,
און אָפטמאָהל אויך ביי „זאקסען“.

ער טהוט זיין פליכט געוויסענהאפט
האָט אַלעמען אין זינען ;
ער וועט פאר איך אם ירצה השם,
א קליפינג שוין געפינען...

ווערט זי לאנגזאם צו געוועהנט
ורעמעלט זי פאַמעלאך איין.
טוהט דער האהן דעם צווייטען קרעה
קוקט דער טאָג אין שטוב אריין.

הויב איך העכער אויף מיין קול
און אזוי געשעהט עס אָפט
איך די טאָכטער ליג און וויין
און זי, די מאָמע ליגט און שלאָפט.

2.

פעדלער.

זאָגען פעדלער דיר דאָ דעות
פרעג זיך ניט קיין „סטייטש ?“
מוזט געדענקען אז די פעדלער
זיינען מענשען פון דער בייטש,

יעדער זיצט זיך אין זיין וואָגען,
פאָהרט ארומעט הין און הער
און דאָס פערדעל מוז איהם שלעפען,
טאָהר ניט זאָגען : מיר איז שווער.

לעהרער, שוחטים און רבנים
זייט איהר בעסער דען פון פערד ?
קומט איהר אָן צו אונז אין קאָנטרי,
מעגט איהר קייען דאָן די ערד...

March 2, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען



העל־פען:

## דאס קונסט־ווערק

נעכטען, שפעטליך שוין אין אבענד

א־פאטאגראף

## טיפען פון דער גהעטא

6.

בראַ־וויסימא

March 8, 1912

ער איז א „קאטער“ ניט ביי „קלאַקס“
ער שאפט ניט מיט דער נאָדעל;
ער שניידט נור שטיקעלעך „קולטור“
און איז א מענש א גדול.

און וואו ער געהט, און וואו ער שטעהט,
זיין שערעל ארבייט פלייסיג;
ער שניידט ביי טאָג, ער שניידט ביי נאכט,
און שניידט שוין א יאָהר דרייסיג.

און אָפט מאָהל זיצט ער ביז פארטאָג
מיט זיין בלאָנקירטען „חבר“:
זיין שערעל שניידט דעם „היינט“ ארויס
און מאכט דערפון אן עבר.

די שערעל, איז א טהייל פון איהם
כמעט ווי צוגעוואקסען;
ער שניידט א מאָהל ביי „שלום’ען“,
און אָפטמאָהל אויך ביי „זאקסען“.

ער טהוט זיין פליכט געוויסענהאפט
האָט אלעמען אין זינען;
ער וועט פאר אייך אם ירצה השם,
א קליפינג שוין געפינען...

גלייך אין בעט אריין צוריק.

איך בין אָבער איינגעשפּארט
ליעג איך אויף דער ערד און וויין;
ביז עס טוהט דער האהן א קרעה,
ביז די נאכט הויבט אָן פערגעהן...

ווערט זי לאַנגזאם צו גענועהנט
ד׳רעמעלט זי פּאמעלאך איין.
טוהט דער האהן דעם צווייטען קרעה
קוקט דער טאָג אין שטוב אריין.

הויב איך העכער אויף מיין קול
און אזוי געשעהט עס אָפט
איך די טאכטער ליג און וויין
און זי, די מאמע ליגט און שלאָפט.

אין זומער עסט אויף עם דער ראָסט;

און בליהט נאָך ווען עטוואָס אין פריהלינג
ניט זיי זשע אין דעם אויף פערנארט,
זאָלסט וויסען אז קומט נאָך דער אָסיען
דאָן ווערט עס פערוועלקט און פערדארט...

.2

פעדלער.

זאָגען פעדלער דיר דאָ דעות
פרעג זיך ניט קיין „סטייטש?“
מוזט געדענקען אז די פעדלער
זיינען מענשען פון דער בייטש,

יעדער זיצט זיך אין זיין וואָגען,
פאָהרט ארומעט הין און הער
און דאָס פערדעל מוז איהם שלעפען,
טאָהר ניט זאָגען: מיר איז שווער.

לעהרער, שוחטים און רבנים
זייט איהר בעסער דען פון פערד?
קומט איהר אָן צו אונז אין קאָנטרי,
מעגט איהר קייען דאָן די ערד...

(ווי טהאָן וואָלט דאָס איהם וועה:)
און פאָרדערט אין א באריטאָן —
א הייסע גלעזעל טהעע...

און עלטער, עס קומט איינגעבויגען...

א. קארלין.

March 15, 1912



# וואו די מוזען קינדער ווינען

א. פאטאגראף:

## טיפען פון דער גהעטא

7.

### דער שוויגער.

א קורצינקער, א דיקינקער,
א רונדער ווי א פעסעל;
א שטילער מענש א רוה׳גער
א שעהנער בעל־הבית׳על.

א קעפעלע א קאילעב׳דיג׳ס
א רונדע ווי א ניסעל;
זיין גאנצער קערפערבוי באשטעהט
פון קאפ, פון האלז און פיסעל.

מיט גלעזער אין זיין נאז בעברילט
ער האט א שוואכע ראיה;
אויף די נאטור איז דעקאדענט
און שאפט א מאדנע בריאה.

זי האט משמעות זיך געאיילט
און זיך קיין מיה געגעבען;
גענומען „סטאק“ א שטיקעל פלייש
און זיך געזאגט — זאל לעבען.

ער ווידמעט יעצט זיין גאנצע צייט,
אויף פארשען און אויף זוכען;
א בוך איז „עולמות“ פאר איהם
א „קליפינג“ פוטער קוכען.

ער איז א „קאטער“ ניט ביי „קלאקס“
ער שאפט ניט מיט דער נאדעל;
ער שניידט נור שטיקעלעך „קולטור“
און איז א מענש א גדול.

און וואו ער געהט, און וואו ער שטעהט,
זיין שערעל ארבייט פלייסיג;
ער שניידט ביי טאג, ער שניידט ביי נאכט,
און שניידט שוין א יאהר דרייסיג.

און אפט מאהל זיצט ער ביז פארטאג
מיט זיין בלאנקירטען „חבר“:
זיין שערעל שניידט דעם „היינט“ ארויס
און מאכט דערפון אן עבר.

די שערעל, איז א טהייל פון איהם
כמעט ווי צוגעוואקסען;
ער שניידט א מאהל ביי „שלום׳ען“,
און אפטמאהל אויך ביי „זאקסען“.

ער טהוט זיין פליכט געוויסענהאפט
האט אלעמען אין זינען;
ער וועט פאר אייך אם ירצה השם,
א קליפינג שוין געפינען...

העל־פען:

## איך און זי...

רעד איך וואס צו איהר אין בעט
קעהרט זי זיך אוועק פון מיר;
דרעה איך זי צו מיר צוריק
ווערט זי אויפגעבראכט אויף מיר.

ווארפט זי מיך פון בעט ארויס
מיטען אין דער האלבער נאכט;
ליעג איך אויף דער ערד און וויין —
ווארפט זי זיך אין בעט און לאכט.

טוהט מיר איהר געלעכטער וועה;
ציה איך אויף דער ערד זיך אויס
און איך יאמער ווילד און הויך —
רייסט עס איהר דאס הארץ ארויס.

בעט זי מיך צוריק אין בעט
ענטפער איך קיין איינציג ווארט;
רוהיג ליעג איך און איך וויין
רוהיג, אויף דעם זעלבען ארט.

וויין איך אפ א שעה און צוויי
ניט זיך איהר דער שלאף ניט איין,
ווארפט זי זיך אהין אהער
ווערט זי בייז און ווילד פון פיין;

שפרינגט זי פון׳ם בעט אראפ,
גיט מיר מיט׳ן פוס א בריק
און א קניפ דאצו, און שפרינגט
גלייך אין בעט אריין צוריק.

איך בין אבער איינגעשפארט
ליעג איך אויף דער ערד און וויין;
ביז עס טוהט דער האהן א קרעה,
ביז די נאכט הויבט אן פערגעהן...

ווערט זי לאנגזאם צו געוועהנט
ד׳רעמעלט זי פאמעלאך איין.
טוהט דער האהן דעם צווייטען קרעה
קוקט דער טאג אין שטוב אריין.

הויב איך העכער אויף מיין קול
און אזוי געשעהט עס אפט
איך די טאכטער ליג און וויין
און זי, די מאמע ליגט און שלאפט.

משה ליעבערמאן:

## און האט דיך, מיין ברודער...

און האט דיך, מיין ברודער, געטראפען,
אז דו האסט קיין נעכט ניט געשלאפען
און האסט דאן מיט ליעדער געפלייצט,
די שלעכטע רעדאקטארס נאר האבען
אין „באסקעט“ זיי אלע בעגראבען
און נאכדעם די הרובע געהייצט? —

דו זאלסט זיך צום הארצען ניט נעהמען
און זאלסט זיך א האר אויך ניט קלעמען,
עס האט דאך בעגליקט דיך די צייט:
וועסט ווערען דאן בינלער, אפרייטער
און אפשר נאר טאקי א ווייטער
און לעבען וועסטו אויך ווי לייט.

און האט דיר, מיין ברודער געשעהען
א צייטונג זאל האבען פערזעהען
און געבען א ליעד דיינער פלאץ, —
א, ברודער, דאן ביסטו פערלארען,
דו וועסט שוין פערברענגען די יאהרען
און טהיילען דעם עולם מיט שוואץ.

### קאנטרי־ליעדער.

.1

ניט אייל זיך, מיין ברודער, אין קאנטרי,
עס ברענט דא אין ווינטער דער פראסט,
און טאמער בלייבט עפעס פון ווינטער
אין זומער עסט אויף עס דער ראסט;

און בליהט נאך וועו עטוואס אין פריהלינג
ניט זיי זשע אין דעם אויף פערנארט,
זאלסט וויסען אז קומט נאר דער אסיען
דאן ווערט עס פערוועלקט און פערדארט...

.2

פעדלער.

זאגען פעדלער דיר דא דעות
פרעג זיך ניט קיין „סטייטש?“
מוזט געדענקען אז די פעדלער
זיינען מענשען פון דער בייטש,

יעדער זיצט זיך אין זיין וואגען,
פאהרט ארומעט הין און הער
און דאס פערדעל מוז איהם שלעפען,
טאהר ניט זאגען: מיר איז שווער.

לעהרער, שוחטים און רבנים
זייט איהר בעסער דען פון פערד?
קומט איהר אן צו אונז אין קאנטרי,
מעגט איהר קייען דאן די ערד...

March 22, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

א. פאטאגראף

## טיפען פון דער גהעטא

8.

„משה'לע".

ער איז א מענש, א וויכטיגער,
אין הויכע טהעאטער קרייזען ;
איהר זיצט אין ליפצין טהעאטער נור —
וואו זיינע פינגער ווייזען.

ער רעדט פון בלומען, און פון בערג
פון פעלדער, און פון הימלען ;
א קינסטלער איז ביי איהם א „גאט"
וואס לאזט דאס פאלק ניט דרימלען.

און רעדט ער, פון טהעאטער קונסט
דאן זוכט ער אוים די טענער
און דעקלאמירט, און אימיטירט
דער זאטץ זאל קלינגען שעהנער.

און פרעגט מען איהם וואס מאכט די קונסט ?
ווי געהען די געשעפטען ?
דאן ענטפערט ער : „דער קינסטלער־גייסט,
מוז פריהער זיך באהעפטען —

„מיט יענעם גייסט וואס רופט צו זיך !
וואס וואהנט, אויף בערג און סקאלעס ;
(אז משה זאגט, דאן איז געזאגט)
זיין אדלער בליק זעהט אלעס...

ער רעדט, פון דראמען־שונד מיט שפאט,
מיט גיפט איז זיין געלעכטער ;
ניטא שוין מעהר א דראמען־גאט
ניט איינס פאראן אן עכטער...

פרובירט און שטעלט א פראגע איהם,
וואס וועט פון טהעאטער ווערען ?
דאן וועט איהר אומגעפעהר פון איהם
אט דיעזע זעצע הערען :

„קומען וועט א שווארצע נאכט,
פארשלינגען אלע שטראהלען :
און דאס וואס גארדין האט געבויט
וועט טיעף אין אבגרונד פאלען.

דער לעצטער הויך, פון לעבען וועט —
דעם לעצטען שטראהל פארלעשען ;
און דאס וואס געטליך איז געוועזן,
וועט אויך דאס פאלק פארגעסען.

און ענדיגט מיט א שווערען זיפץ
(ווי טהאן וואלט דאס איהם וועה :)
און פאדערט אין א באריטאן —
א הייסע גלעזעל טהעע...

מעפיסטא :

## דער „באנדיט"

מיין קינד, ווי שלעכט זי איז, אה גאט
בעשיץ מיך און בעהיט !
זי האט קיין אנדער נאמען ניט
און רופט מיך נור — באנדיט.

אט זיצט זי אין א ווינקעל, בייז
און רעדט קיין ווארט ניט, שטיל,
איך שטעה ביים זייט און לאף אריין
אין ברוגז'ען פראפיל.

צושמייכעלט זי זיך, קוקט מיך אז,
ווער איך שוין בייז, צוקריענט,
— אהן קאנטריבוציע געהט עס ניט,
דו זעהסט דאך, כ'האב געזיענט.

און כ'וויל ניט טייער, בלויז איין קוש
און שוין, מיר זענען קוויט ;
זי קושט, זי האלדזט און וויינט און לאכט
און מורמעלט : דו.. באנדיט !

צו נאר מיר געהען אויפ'ן גאס,
זי דרעהט אוועק איהר קאפ
און בעט זיך : ס'געהען מענשען דאך,
אוי לאז מיך, לאז מיך אפ !

זי בעט, זי ראנגעלט זיך און בעט
ביז ענדליך ווערט זי מיער
און רוימט מיר איין א סוד אין באק :
דו ביסט דאך א באנדיט !

און איצט איך שפיר איהר שמייכעל שוין,
זי לעזט געוויס מיין ליעד
און לאכט צו זיך און מורמעלט שטיל :
אוי, איז עס א ב א נ ד י ט !

---

א...

א, לעבט נאך, ביז וואנען דאס לעבען איז יונג
און האסטיג דער פולס האלט אין שלאגען;
ביז וואנען עס זידען די בלוטען אין אייך,
ווי כוואליעס ווי ווילדע וואס יאגען.

די ליעבע איז פריהלינג — דער שעהנסטער פאר אייך,
זאפט איין איהם מיט נשמה און אויגען ;
א, ווארט ניט ביז וואנען די יונגער — פערשווינדט
און עלטער, עס קומט איינגעבויגען...

א. קארלין.

מ. ל. האלפערן :

## אין גארטען

דאס מיידעל פאראוים, און דאס אינגעל איהר נאך.
עס פליהט ווי אויף פליגעל דאס מיידעל.
נאר — אט ! און ער האט זי געכאפט ביי די האהר
אט וועט ער זי פאנגען ביים קליידעל.

א קוויטש טוהט דאס מיידעל. עס הילכט און עס קלינגט
דעם אינגעלס פערשייטער געלעכטער.
מען יאגט זיך אהין און צוריק אויפ'ן גראז
פערדריסט עס דעם אלטיטשקען וועכטער.

פערדריסט עס איהם ברומט ער און שילט זיך און שרייט
און כעס'ט זיך און ווייזט זיי דעם שטעקען.
דאס אינגעל, דאס מיידעל — זיי לאכען איהם אויס
און הייסען איהם : פויגעלאך שרעקען...

די פויגעלאך הערען דאס, כאפען זיי אויף
דעם אינגעל'ס דעם מיידעל'ס געלעכטער —
דעם דופט פון די בלומען, דעם דופט פון'ם גראז —
די קללות פון אלטען רב' וועכטער —

און זעצען זיך טרוימענד — ווי דיכטער אין גראז —
אויף זייערע בוימער אנידער
און פלעכטען זיך אוים פון דעם גאנצען מיש־מאש
א סעריע פון ריטהמישע ליעדער.

די פויגעלאך זינגען, דער הימעל מיט זיי.
דער הימעל, די ליעבע, דאס לעבען...
א שפרונג טוהט דאס אינגעל—דאס מיידעל געכאפט—
און שנעל איהר א פעטשעל געגעבען...

א פעטשעל און נאך איינס און נאכדעם א קוש.
א קוש אויף להכעים דעם אלטען.
א ווייל'ע נאך, שטעהט ער, דער אלטער... און ברומט...
דאן קען ער זיין פרייד ניט בעהאלטען.

ער קוקט אויף דאס פאר אזוי פאטערליך גוט
אין בארד פלעכט ער איין זיינע פינגער
און לאכענדיג טראכט ער און טרוימט פון אמאל...
און ווערט אויף א לעבענס־צייט אינגער...



March 29, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

ז. פאטאגראף

## טיפען פון דער גהעטא

.9

### „אלבעטשע"

פון וואוקס, א קליינער מענשעלע
און האט א ריעזען שכל;
מיט צוויי נערוועזע אויגעלאך
און אימער מיט א שמייכעל.

ער מאכט א לעבען פון דער פען
און שרייבט אין די גאזעטען:
ער איז א ספארט א לעבע־מאן
און האלט נאר אין איין „וועטען".

ער „בעט" למשל אז ער איז —
אין טהעאטער קונסט א „בקי"
(ער שפיעלט נישקשה׳דיג א שאך
און אויך א גוטע אקע)

ער קען דאס טהעאטער דורך און דורך
ער קען א יעדען ווינקעל;
ער וויים למשל וויפיעל יאהר
עס שפיעלט די מיסעס פינקעל.

ער וויים ווי אלט די ליפצין איז,
ער קען איהר נאך פון „סמילע";
ער וויים אז מינץ, האט געלד א סך —
און אדלער, האט א — טהעאטער...

פאר איהם איז יעדעס טהעאטער פריי
און „אפען" אלע טהירען;
און ווען ער געהט מיט גוטען ניט
דאן לאזט די „קונסט" איהם פיהרען.

ער קען די טהעאטער פאליטיק,
ער קען דעם קאמביניישאן;
ער שרייבט נישקשה׳דיג „קריטיק"
און האלט אין זינען „משה׳ן".

זיין שפראך איז דרייסט, זיין פען איז שארף,
האסט „ספליאטקעס" און „אינטריגע";
ער ליעבט די קונסט, דאך מעהר פאר אלץ —
ליעבט ער, א — „מאמעליגע".

דאס איז זיין נאציאנאלער שפייז
ער שלינגט דאס מיט דער „זשמעניע";
עס איז א שאד וואס דער טאלאנט —
איז „נעבאך", פון רומעניע...

ער איז א שטיפער מיט זיין פען
און אפטמאהל — אגב אורחא,
גיט זיין פען א „סטאר". א שטאך,
א קניפ, א ביס, א שטורכע...

## איין רזוועלט׳ל,
## איין רוזוועלט׳ל

(א פאליטישער חד־גדיא)

איין רוזוועלט׳ל! איין רוזוועלט׳ל!
האט פערכאפט זיך וואשינגטאן —
אין דער צייט פון טומלען זיך.
איין רוזוועלט׳ל! איין רוזוועלט׳ל!
איז געקומען „2טער טערמינד׳ל"
מיט דעם גרויסען בריינען
און געוואלט אראפזעצען
אונזער איינציג רוזוועלט׳ל —
וואס האט פערכאפט זיך וואשינג־
טאן
אין דער צייט פון טומלען זיך,
איין רוזוועלט׳ל! איין רוזוועלט׳ל!

איז געקומען „טראסטעלע"
דער „צער" פון אמעריטשקע
און מיט דעם הילף פון וואוטער׳ל
פון דעם נאריש וואוטער׳ל, —
געשלאגען וויליאם בריינען,
און נאך אמאל ארויפגעזעצט
אונזער טעדי רוזוועלט׳ן,
וואס האט פערכאפט זיך וואשינג־
טאן —
אין דער צייט פון טומלען זיך.
איין רוזוועלט׳ל! איין רוזוועלט׳ל!

איז געקומען „דריטער טערמינדעל"
איז געקומען ווילי טעפטעלע,
מיט׳ן גראבען פעמפיק׳ל
און מיט דער הילף פון רוזוועלט׳ל
וואס האט געוואלט ניט לויפען
מעהר,
אראפגעזעצט דעם רוזוועלט׳ל —
וואס האט געשלאגען בריינען
צו זיין צווייטען טערמינדעל
וואס האט פערכאפט זיך וואשינג־
טאן —
אין דער צייט פון טומלען זיך.
איין רוזוועלט׳ל! איין רוזוועלט׳ל!

און ווידער איז עלעקשאןיאהר
און ווידער איז דא רוזוועלט׳ל
ער וויל „א דריטען טערמין" שוין
וויל שלאגען אונזער טעפטעלע
וואס ער אליין געהאלפען האט
בעזעצען זיך אין וואשינגטאן
איין רוזוועלט׳ל! איין רוזוועלט׳ל!

דער לעבעדיגער.

העל־פען:

## איך—א דועט

אזוי וואלט איך געזונגען,
ווען איך זאל קיין איד ניט זיין.

היינט זינג איך פון מיין קנעכטשאפט ניט
אין פרעמדען לאנד.
היינט שטעה איך אויף און נעהם אין האנד
א בעכער וויין ביז פול צום ראנד.
און זינג א פרייהייטס־ליעד!

א נאכט פון לוסט און פרייד איז היינט.
א וואונדער נאכט
פון לוסט און פרייד, און פרייהייטס־פראכט,
דרום וויים די טירען אויפגעמאכט
פאר פריינד און פיינד!

היינט ברענט אין מיר מיין בלוט און זינגט,
היינט זינגט מיין בלוט.
היינט ברענט צערייצטער לייבען־מוטה
אין יעדעס גליעד ביי מיר, ווי גלוטה,
און יעדע מוסקעל קלינגט!

א קעניג בין איך היינט. און דו —
א קום מיין ווייב!
מיט בשמים זאלב דיין יונגען לייב
און קום צו מיר אויף נאכט, און בלייב...
דאס גליק האט פיינט די רוה.

דיין זוהן זאל זיין א יונגער העלד.
א העלד וואס שאפט
דעם מוטה פון יונגער ריעזען־קראפט
אין יעדער ברוסט וואס איז פערשקלאפט —
און פריי וועט זיין די וועלט!

און ווייל איך בין א איד
זינג איך אזוי:

א מלך בין איך היינט. א ווער,
דער זייגער איז שוין האלב נאך צוויי
עס שטארבט די סדר־נאכט.
און איך — אוי ווי אין גאס א שטיין
ליעג איך אליין, אליין, אליין,
אין היסב־בעט און טראכט.

איך טראכט און וויין. עס ווייגט מיט מיר
מיין הארץ. און שטארבט פון קומער שיעור
עס וויינט אין מיר מיין ליעד
איך בין שוין גרוי איך בין שוין אלט
מיין הארץ הויבט אן, שוין ווערען קאלט...
און כ׳האב קיין מלכה ניט.

April 5, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

א. פאטאגראף

## טיפען פון דער גהעטא

10.

„כמעט היינע“.

א שטארקער יונג, מיט לעבען פול,
און קוקט דורך אויגען־גלעזער;
און האט א נאז, ווי אבגעטאקט
א ריעז צווישען נעזער.

ער טרינקט קיין שנאפס און אויך קיין וויין,
און שכור איז ער זעלטען;
ער טרינקט נור אויף באנקעטען און —
דאן קעהרט ער איבער וועלטען.

ער קלאפט טרעוואגא וועגען זיך
און רופט זיך גרויסער דיכטער;
(דאס זאגט ער ווען ער איז בערוישט
און אויך ווען ער איז, ניכטער).

ער זאגט אז ער און ער אליין
שאפט „קונסט“ און „אטמאספערע“;
און סטראשעט אפט מיט פעטש און קלעפ
די שלעכטע רעדאקטערע. —

ער איז א דיכטער „דעקאדענט“
און שרייבט א גלאטע ליעדעל;
ער טיטולירט זיך „איבערמענש“
און איז א פראסטער אידעל.

ער איז פארליעבט אין זיך אליין
און האלט זיך אין איין שפיעגלען.
פריינדשאפט איז ביי איהם א בוך
מיט זיעבען הונדערט זיעגלען.

ער איז קיין עלענדער אין לאנד
די „מוזע“ איז זיין שוועסטער;
ער פיהרט שפאצירען איהר אין גאס
ספעציעל אויף — „דע לא העסטער“.

היינעם ליעד פארשיכורט איהם
און גהעטע'ס איהם „בערוישט“;
ער זאגט די „לארעליי“ איז גוט —
און איז פארליעבט, אין „פאוסט“.

ער זאגט אז היינע האט ווי ער
די דיכט־קונסט גוט „געמייסטערט“
ער איז ניט — זאגט ער — „אי אי אי“
דאך מעג מען זיין בעגייסטערט.

עס ברעכט מיר אפט דאס הארץ אויף איהם
ער ריהרט מיר אזש צום וויינען;
ספעציעל אט דאן ווען ער פארגלייכט
זיין גרויסען „איך“ מיט — היינען...

## אליהו הנביא נאך'ן סדר



היק—היק — בין איך שכור אדער ניט שכור, דער טייוועל וויים זיי; געטרונ־קען אזוי פיעל כוסות און גאר ניט, משמעות חברה האט מיר אבגעבלאפט און מיר ניט געטריט מיט יצחק גאלדבערג'ס וויין.

## פון פאמפאדור'ס „זייטיגע געדאנקען“.

א קרעמער פערקויפט אלעס, אפט בשמים אויך... נור אויב זיינע הענט הא־בען ערשט זיך גע'עוסק'ט מיט העריננ איז וועה צו די בשמים און נאך פיעל מעהר צו די קונים...

* * *

קלערען פיעל שאדט צום קאפ;
קלערען ווייניג שאדט צום הארץ.

* * *

אלע שרייען: כאפט די יוגענד, זי ענטלויפט...
אלע לערנען: נוץ אוים די יוגענד — זי ענטרינט, נור קיינער לערנט ניט — ו ו י ?...

* * *

כא, כא, כא! דאס לעבען איז אמאל א געלעכטער: לאך זיך אוים און געה דיין וועג...
אוי וועה! וועה! וועה! דאס לעבען איז א געוויינעריי: וויין זיך אוים גוט און בעטראכט דיין וועג...

* * *

איך האב געלאכט, איך האב געוויינט, און וואס מיינט איהר, איך האב שוין מיין וועג?

* * *

א סוד איז יעדע פרוי, אזוי דוכט זיך דעם מאן. — א סוד איז יעדער מאן, אזוי דוכט זיך דער פרוי... נור ווען זיי קומען זיך צוזאמען פאלט ארונטער דער שלייער און דער סוד פערשווינדט. היינט ווייסט איהר שוין: ווארום עס איז ניטא קיין שלום־בית?

דער לעבעדיגער.

מ. ל. האלפערן:

## סערענאדע

געשפיעלט האבען איינמאל א ליעבע
א מיידעל כמעט נאך א קינד
מיט איינעם א בחור א יונגען
צעלאזט און פערשייט ווי דער ווינד.

געזונד איז געוועזען דער בחור
דאס לעבען אין איהם האט געלאכט
דאס מיידעל א קראנקע, האט אימער
געוויינט, און פון שטארבען געטראכט.

זיי זיינען זיך בידע צעגאנגען
דאס מיידעל האט ביטער געקלאגט.
דער בחור דאך, האט זיך דאן לוסטיג
נאך אנדערע מיידלאך געיאגט.

פון איינער געיאגט צו דער צווייטער,
פרובירט מיט א דריטער זיין גליק.
זיין הארץ אבער האט איהם געצויגען
צו איהר — צו זיין ערשטער צוריק.

געליעבט האט איהם מעהר ניט די ערשטע
זי האט איהם פערשטויסען פון זיך.
האט ער זיך צום טרינקען גענומען
געגאנגען אהן קליידער אהן שיך.

און האט איהם פערדראסען דאס לעבען
דאס לעבען אין איינעם מיט אלץ.
דאן איז ער ארויף אויפ'ן בוידעם
פערווארפען א שטריק ארום האלז.

מיט מיר קען געשעהען דאס זעלבע
נאר שרעקען — דאס דארפסטו זיך ניט.
דו ביזט ניט מיין ערשטע געוועזען —
און איך בין נאך ל־א־א־א־נ־ג־ניט משוגע!

## א אידישער דיכטער

בענקט נאך דאס לעבען און איז אליין טויט,
רייך נור אין טארבעס און ארעם אין ברויט,
אר'מע, פערוויינטע און דופטלאזע קווייט —
אידישער דיכטער!

קליינע פערלאנגען, נאך קלענערעס מוטה,
צוקער־רחמנות'דיג, ווייבעריש־גוט,
בלאסע, אהן ליידענשאפט, לעבליכעס בלוט —
אידישער דיכטער...

בעטלער און חזן און בדחן צוזאל,
וויקט ער אין וואסער זיין פעדער פון שטאהל,
וויינט מיט א בעטענדען שוואכינקען קול —
דער אידישער דיכטער.

ניט קיין דיכטער.

April 12, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

א. פאָטאָגראַף:

## טיפּען פון דער גהעטאָ

11.

„כמעט גראף“.

א גאַליציאַנער אידעלע,
מיט רויט־פערפלאַמטע בעקלאך,
מיט וואָנטשיקלאך, פראַנצויזישע,
די האָר פערקאַמט אין לעקלאך.

ער איז א באַרבער, א זשעניע,
דאָך שיוועט ער זעהר זעלטען;
ער היט נאָר גראף׳ס נשמה אָב
און קעהרט פאַר איהם גאָר וועלטען.

ער לאָזט אויף איהם קיין שטויבעלע,
קיין הערעלע ניט פאַלען;
ביי איהם איז גראף דער עדעלסטער,
פון אַלע טהעאַטראַלען.

ער שניידט די פינגער זיך פאַר איהם,
און געהט פאַר איהם אין פייער,
ער ליעבט איהם ווי עס ליעבט א מאַן·
א יונגער ווייב, א טרייער. -

ער זאָגט אַז גראף ברייננגט אונזער „קונץ“
א ריעזען גרויסען נוטצען;
יאַקאָב אַדלער, זאָגט ער, קען —
ביים גראף די שטיוועל פוטצען.

ער איז א טהעאַטער ספּעקוליאַנט,
א מעקלער, און א פאַקטאָר;
ער קומט אין „זאקס קאַפע“ אריין
און דאָרט א טשייניק האַקט ער.

ער דרעהט א ספּאָדיק מיט „זיין גראף“
און הויבט זיך אין די הימלען;
ער זאָגט גאַנץ אָפט אַז „ווען ניט ער“
וואָלט גראף נאָך איצטער שימלען.

ווער וואָלט פון גראף׳ען גאָר געוואוסט?
וואָס וואָלט פון איהם געוואָרען?
ווען ניט מיין פּוש? (ער פּושט איהם שוין
א שעהנעם בינטעל יאָהרען).

ער איז געווען זיין פרעסס־אַגענט,
פּלעגט ריהמען איהם און לויבען;
ער, נור ער! האָט ריעזען גראף —
צום קינסטלער־טראָהן ערהויבען.

ער איז נאָך היינט זיין פּאַטריאָט
און דינט זיין „גאָט“ מיט עהרע;
(און „גאָט“ בעצאָהלט זיין טרייען קנעכט —
מיט יענקי דאָלאַרס שווערע...).

## פון פּאַמפּאַדור׳ס „זייטיגע גערדאנקען“

שעהן איז דער שרעק — נור ניט פאַר דעם וואָס שרעקט זיך.

* * *

שעהן איז דער שרעק, א טיעפער סוד איז אין זיין ברוסט פערשלאָסען אָפּטמאָהל איז וואָס גרעסער דער שרעק אַלץ טיעפער דער סוד און אָפּט מאָהל איז וואָס שוואַכער דער מענש אַלץ גרעסער זיין שרעק...

* * *

שרעק שאַפט — רוהיגקייט פערשלעפּט: דער שרייבער וואָס שרעקט זיך און צווייפעלט אימער אין זיין טאַלאַנט דער שאַפט אימער נייעס און דער שרייבער וואָס איז רוהיג מיט זיין טאַלאַנט, דער שלאָפט תיכף איין...

* * *

א גרויסען „פאַר וואָס“ האָט אימיצער ניט נעבעטענערהייט פאַר מיינע אויגען געשטעלט ווען איך בין א אינגעל געווען — און פון דאַן אַן קוק איך, זוך איך, פרעג זיך, צווייפעל און שרעק זיך און איך ביז קיינמאָהל ניט רוהיג: — קלוגע מיינע זאָגט מיר „פאַרוואָס“?

* * *

שרעק איז א קינד פון פינסטערניש און דער סוד איז אויך א קינד פון פינסטערניש, און דער מענש איז א קינד פון זייביידען. מיר בלאָנדזשען נאָך אַלץ ווי מיט טויזענדער יאָהרען צוריק כאָטש מיר האָבען שוין עלעקטרישע בעלייכטונג, די ערד ליגט נאָך אַלץ ווי א גולם אונטער אונזערע פיס, כאָטש מיר האָבען טויזענד געלאַנען און זאמר גריבלער. מיר טומלען זיך אויף איהר און פערגעסען זיך, בויען אַז אונזערע מאָדערנע „בילדינגס“ אָבער זי ניט זיך פּלוצלונג א ברען פאַנאַנדער אין איהר שווארצער ברוסט, ניט זיך א טרייסעל פאַר צער, פאַר פרייד? — ווער ווייס... נור מיר קלוגע דערשרעקען זיך אויף טויט...

* * *

שרעק איז א קינד פון פינסטערניש און דער סוד איז אויך א קינד פון פינסטערניש און דער מענש איז א קינד פון זיי ביידען: ס׳הענגט א הימעל איבער אונזערע קעפּ, קוקט מיט זיין „ניט ריהר מיך אַן אויג“ ביי טאָג און מיט זיין אייזטראָסט אויג ביינאַכט, הויכע גרויסע סודות וואָלקען שלעפען זיך איבער איהם סיי ביי טאָג סיי ביי נאַכט — ס׳שניידט אמאָל א מעטער־בליץ זיין ברוסט דורך א דונער גזלן קנאַלט אמאָהל מיט כעס און מיר די אַלין ווייסער שרעקען זיך דאָך אויף צו להכעיס אַלע וויסענשאַפט׳ס ביכער און אַסטראָנאָמען...

העל־פען:

## פ ר י ה ל י נ ג

קומט פריהלינג, שליסט אויף מיין פערגאַנגענעם לעבן
פאַר מיר זיינע גאָלדענע טוירען;
און דאָרט זעה איך ווידער די טעג פון מיין יוגענד,
וואָס איך האָב שוין איינמאָל פערלוירען...

אָט בין איך א אינגעל, צום ערשטען מאָל וועיזט מיר
דער טאַטע די תפילין צו לעגען;
א שטאָלצער, א פרעהליכער שטעה איך און דאַווען
די אויגען צום פענסטער אנטקעגען...

די זון ליגט אין גאַס, אויף דער ערד, אויף די דעכלאך
עס גלאַנצען אין זון־שיין די שויבען;
אין לופטען די פויגעלאך וואָיוען און שוויפּטשען
און בלוי איז דער הימעל פון אויבען.

און אונטען — די קינדער, די ווייבער, די זקנים,
מיט פנים׳ער קלאָהרע... אָהן זאָרגען...
ווי האַרציג בעגעגענט דאָס איינער דעם צווייטען;
„גוט מאָרגען אייך גנעשע“. „ג[illegible]רגען“.

„גוט מאָרגען אייך“ מעקען מיט שאָקלענדע בערדלאך
דעם רבי׳ן רב אהרן׳ס צוויי ציגען...
אין טייכעל די קאַטשקעלאך ליאַרמען און שרייען,
אזוי ווי זיי וואָלטען זיך קריעגען...

קווא־קווא! שרייט די איינע, קווא־קווא! שרייט די צווייטע.
חווא־קווא! שרייען אַלע צוזאמען.
פאַרביי לויפט א אינגעל און וויינט נעבאך ביטער -
געכאַפּט א פּאָר קלעפּ פון דער מאַמען..

איך קען איהם. דאָס אינגעל. איך קען אויך זיין טאַטע
ער קלויבט נעבאך שמאַטקעס און ביינער.
און לויפען די קינדער איהם נאָך אין די גאַסען
בעוואַרפט ער זיי אַלע מיט שטיינער...

איך טראַכט פון דעם אינגעלעס אָרעמען טאַטען
פיעל זאָרג ס׳איז ביי איהם און פיעל קומער...
און שטיל הויב איך אויף מיינע אויגען צוו הימעל
אזוי ווי א טאַטע א פרומער...

זעהט גאָט אין זיין הימעל מיך דאַווענען איצטער
און צעהלט ער מיר נאָך מיינע ווערטער?
און זעהט ער דאָס אָרעמע אינגעלע וויינען?
און שוויפּטשען די פויגעלאך, הערט ער? — —

April 19, 1912





## צווישען בהמות

— נו ווי געפעהלט דיר מיל־לער'ס שטעלונג צו רוזוועלט'ן

— ער האלט פון איהם סכנות־נפשות.

— פאלט דיר גאר ניט איין אז עפעס מוז אין דערינען שטעקען ?

— ניין!...

— איז דאך מיללער א מאהל גע־ווען רוזוועלט'ס גרעסטער געגנער און פערלוימדער.

— נו איז וואס ?...

— ביזט א בהמה..

— ביזט אליין א בהמה...

— וואס דענקסטו וועגען ליטע־ראטען־קלאב ?

— וואס איז ?

— דארט קאסט שוין 5 דאלאר איינטריט פאר א נייעם מעמבער ?

— וואס איז דער יחוס מיט זיי?

— בהמה ! זיי ווילען דער קלאב זאל אונטערגעהן אלס קלאב פון אריסטאקראטען...

## ענטשולדיגונג.

— ענטשולדיגט מיר ליעבער הערר ! אין דער היטץ פון קריעג האב איך אייך אנגערופען : „איד־יאט" ; אבער איהר ווייסט דאך אז איך קום פון א היטציגער פאמיליע, אונזער פאמיליע איז שוין אזא ; „וואס אויפ'ן לונג דאס אויפ'ן צונג"...

---

מעהרסטענטהיילס פון די פילא־זאפען פון אלע צייטען האבען גע־האט לאנגע נעזער.

דאס בעווייזט אז דער וואס טראכט לאנג ציהט זיך ביי איהם אויס דער נאז.

---

## הינטישע דענטיסטען

די לעצטע צייט האבען זיך גע־וויזען א נייער סארט דענטיסטען — הינטישע דענטיסטען.

די וואס האבען געהאט וואס צו טוהן מיט דענטיסטען וועלען שוין די הינט ניט מקנא זיין...

## דאס לעצטע ווארט פון דער מאדע.

פרויען האבען זיך יעצט דער־טראכט צו לאזען זיך פאטאגראפי־רען מיט צוגעמאכטע אויגען.

דאס איז „א וואונק" אז די פרוי וויל כאטש איינמאהל ניט ווינקען מיט די אויגען וואס דאס איז פאר איהר כמעט ווי אונמעגליך...

---

אין אויסלאנד זיינען יעצט אריין אין דער מאדע פרויען־העטס מיט עלעקטרישע בעלייכטונגען אין יע־דען בלימעל.

זעהט איהר אט דאס איז ווירקליך א גוטע ערפינדונג, וואס וועט שטארק ארויסהעלפען די נאכט וואנדלער האלל־און־סטופ שטע־הער פון אלע סארטען.

אזוי האט נעביך א בחור'ל, א מאהל אין דער פינסטער ניט גע־וואוסט וואו ריכטיג א קוש טוהן זיין מיידעל און יעצט וועט עס זיין פאר איהם ליכטיג...

---

העל־פען :

# דע-לא-העסטער

היינט ביי נאכט האב איך געחלומט אז כ'האב צוגעמאכט די אויגען
שוין אויף אייביג. און מיין זעלע איז צו גאט ארויפגעפלויגען,
לאנגזאם לאנגזאם אויפגעגאנגען איז מיין טיהר. אריינגעקומען
ביזטו ליעבסטע טיעף פערטרויערט. אין דער האנד א קרענצעל בלומען
לאנגזאם בויגסטו זיך ארונטער און עס ריהרען אן מיין שטערען
דיינע ליפלאך — און עס פאלען אויף מיין הארצען דיינע טרערען...
הער איך דיך מיין ליעבסטע וויינען פלאגט מיך גרויזאם מיין געוויסען
בלוטען נעהמט מיין הארץ נאך איינמאל און עס ווערט אויפס ניי צעריסען — —
ביזט געדעכט געליעבטע מיינע. כ'האב נאך צייט געהאט צו שטארבען
נאר פערפאלען, דו אליין דאך, האסט בעשלאסען מיין פערדארבען,
האסט בעשלאסען מיין פערדארבען. איצטער דארף מען מיך בעגראבען
מוז איך פאזיטיוו א קבר און דאצו תכריכים האבען.
יא, תכריכים און א קבר... ווער וועט מיר דאס אלעס געבען
בין איך דאך קיין לאדזשען־ברודער קיינמאל ניט געוועזן אין לעבען,
וויין געליעבטע. וויין און יאמער. זאל אין דיינע הייסע טרערען
גלייך ווי אין א ים, מיין קערפער שפורען־לאז פערשוואונדען ווערען.
קענסטו ניט אזוי פיעל וויינען — בלייבט דיר איצטער גאר־נישט איבער,
מוזט זיך ווענדען צו דעם קלאב פון „דזשואיש־רייטערס". גאר אריבער
און דערצעהל זיי אז דיין ליעבסטער וועלכער פלעגט קיינמאל קיין גראשען
מיטגליעדס־בייטראג ניט בעצאהלען, ליעגט אצינדער אויסגעלאשען
פונקט ווי אלע טויטע ליגען. מוז מען — הייסט עס — איהם בעגראבען
מוז ער פאזיטיוו א קבר און דאצו תכריכים האבען.
אט אזוי געליעבטע מיינע זאלסטו גאנץ געלאסען זאגען
צו דעם קלאב פון דזשואיש־רייטערס. וועלען זיי זיך דאן בעקלאגען
אז זיי זיינען אויכעט ארעם. דאן איז — שטעל זיך פעסט אנטקעגען
און פערלאנג אז מאכען זאל מען א קאנצערט פון מיינעט־וועגען.
צוואנציג, פופציג און א דאלאר זאל מען איינטריטס־געלדער נעהמען.
און די בעסטע „קרעפטען" וועהלען. זאל איך זיך ניט דארפען שעהמען.
פאראם קראנץ זאל זיין די ערשטע. דורך'ן הארץ און דורך די ביינער
נעהט איהר שטימע ווי א שוידער... איהר געזאנג קען ריהרען שטיינער,
איינמאל הערען זי און שטארבען... פריינד יאנאווסקי לאז מיר גריסען
בעט איהם ; פאר זיין רעדע זאל ער ניט קיין שארף געטראנק געניסען
וויל ער קען זיך נאך צעווייגען, דאן קען זיין — ער ווערט צו ערעל
רעדט ער אנשטאט פון מיין גרויסקייט, פון א פראסטער קוכניע־מיידעל —
קען עס דאן געפעהרליך ווערען... יא מיין קינד, עס קען פאסירען
אז ער זאל זיך מוזען נאכדעם מיט הערר נאמבערג דועליערען...
נאך יאנאווסקי קומט יהואש, דע־לא־העסטער'ס דיכטער־שטערען
לאז איהם גריסען ליעבסטע מיינע. און פערלאנג ער זאל דיר שווערען
אז ר'עט לייענען א פאבעל. ווי א'ן עזעל א געבריכטער
קריעגט זיך מיט א'ן אקס א'ן אלטען ווער פון זיי עס איז א דיכטער...
ער זאל האלטען מיט'ן עזעל... אין דער צייט פון דעבאטירען
זאל דער עזעל פילאזאפיש מיט זיין עק דעם אקס בעריהרען...
דאן זאל עמעץ ווער עס וויל נאר — אום דעם עולם צו ערפרישען
איינינע מינוטען פלאגען דאס קלאוויר און די קלאווישען...
דאן זאל ראזענפעלד, דער ליעבלינג פון דער מאסע, עפיס געבען.
זאל ער לייענען דעם „לאטוסניק", און ניט ווייט פון איהם, דאנעבען
זאל א לאנדסמאן א „געשטראפטער" הויך מיט זילבער־גולדענס קלינגען
און זיי ווארפען אין דער לופטען. דאן זאל „רייזען" אונטערשפרינגען
און זיי כאפען און פערשלינגען — וועט דער עולם זיך לאנגווייל'ען.
זאל מען עקס־לאקס־פילען קלייגע און דאס גייע לאנד פערטהיילען
העלפט דאס ניט, דאן זאל דער עדלער דאקטאר גינזבורג אונזער תנא,
זידלען „שרייבערייי" און צייגען ווי אזוי מען מאכט א קאנע...
דאס זאל זיין דער שלום פון קאנצערט... גאר־נישט טאר פון פראגראם פעהלען
אויף מיין קינד זאלסטו דאביי זיין ווען מען וועט די קאסע צעהלען
און דערמאנען דעם קאסיערער אז דאס געלד דא דארף מען האבען
אויף א קבר און תכריכים — מיך דעם טויטען צו בעגראבען...
איצטער אבער ווי דו זעהסט עס בין איך נאך דערווייל ביים לעבען...
יא, מיין קינד איך בין ביים לעבען... א בעוויז זאל איך דיר געבען ?
פיהלסטו ניט מיין קוש אצינדער אויף די רויזענבעקלאך דיינע...
אך ווי הארציג שעהן דו שמייכעלסט — דו געבענשטע ליעבסטע מיינע !

# וואו די מוזען קינדער ווײנען

העל־פען :

## אַט נעכטען ערשט ..

אָט נעכטען ערשט בין איך א קינד נאָך געוועזען
און היינט איז א לעבען פארביי.
פארביי איז א לעבען — און גאָר־נישט איז אנדערש,
איך זעה ניט וואָס אַלט איז ? וואָס ניי ?

איך טראָג מעהר קיין פיאות, קיין יארמולקע אויך ניט
און ס'איז מיר ניט לייכטער אין קאָפּ.
אצינד באָרג איך גרעסערע געלדער ווי פריהער
און גיב זיי ווי פריהער ניט אָפּ.

אמאָל האָב איך תפילין געלעגט און געדאווענט
און גלויביג די ציצות געקושט.
היינט קוש איך מיין לאנדסמאנס ליעבהארציגעס
ווייבעל
און פונקט מיט דער אייגענער לוסט.

גענאשט האָב איך קינדווייז באָנבאָנס און צוקערקעס
אויך איצט האָב איך ליעב נאשעריי ;
איין מיידעל קען קיינמאָל ניט זיין מיין געליעבטע
איך מוז האָבען צוויי אָדער דריי.

כ'האָב קיינמאָל אין לעבען געטראכט פון א תכלית,
דאָס אייגענע טראכט איך אויך היינט ;
כ'האָב קיינמאָל נישט ליעב געהאט מענשלאך
„באלבאטים",
איך האָב זיי אויך איצטער נאָך פיינד.

צולאָזען און פריי בין איך אימער געוועזען
אויך איצט בין איך פריי ווי דער ווינד.
כ'האָב קיינמאָל געוואוינט אין קיין גאָלדענעם פאלאץ,
איך וואוין אויך אין איהם ניט אצינד.

געטרוימט האָב איך אימער די שטערען צו צעהלען,
דאביי האָב איך מיילען געצעהלט...
און צעהלענדיג, טרוימענדיג בין איך פאמעלאך
שוין איבערגעוואנדערט א וועלט.

און יונג בין איך איצט נאָך און לוסטיג אין לעבען
כאָטש אַלט איז מיין קאָפּ שוין, און גרוי.
און זינג איך, איז — ניט ווייל איך ווייל אייך געפעלען,
איך זינג — ווייל מיר ווילט זיך אזוי !

## אַזראַ אויף דער לינקער זייט

פון א קנאקער.

טעגליך איז די שעהנע ענני
נאכטס אין גאס ארומגעפלויגען
מענער פיעלע האט איהר שעהנקייט
שוין ניט איינמאָל צוגעצויגען.

טעגליך קומט א קליינער אידעל
מיט א בייכעל איהר אנטקעגען.
פלעגט זי ווינקען — פלעגט ער שמייכלען
האלב־פערשעהמט און האלב־פערלעגען...

האלב־פערלעגען פלעגט ער שמייכלען
און זיך גלעטען אויפ'ן בייכעל
גלייך זוי איינער רעדט „אוי, ענני ! —
„אוי, וואלסטו געווען א מאכל !"...

איינמאָל פאסט זיך מוטה דאָס אידעל :
„ווענען אַרט עס וואָס מען טאָר־נישט"...
פריילין זאָגט ער : וואָס בעצאהל איך ?
פריינדליך ענטפערט ענני : „גאָר־נישט !"

איך בין איינע פון די מיידלעך
וועלכע ווייסען זיך צו שעהמען...
כ'האָב דיך ליעב און פאר מיין ליעבע
וויל איך קיין געצאהלט ניט נעהמען"...

הארציג לאכט דאָס קליינע אידעל
און ער קיצעלט איהר אין נוידער,
און ער לאכט, און דורך זיין בייכעל
געהט איהם דורך א זיסער שוידער...

## עס איז ניטאָ אין פּראָגראַם

מעשה'לע פון מולטאַטולי.

אין איינעם פון די האספּיטעלער האט מען א יונגען מאטראָז בעדארפט אפּערירען א פוס. דער דאקטאר האט געמאכט די אפּעראציע אין דער צייט ווען דער מאט־ראָז האט זיך דערוויי ערוויכערט זיין ליול־קע. צייטענווייז פלעגט ער בלויז צוזאמענ־דריקען די צייהן פון וועהטאג...

דער דאקטאר האט געוואונדערט זיין העלדישקייט און איינראזשירענדיג: די וואונדען האט ער איהם שטארק געלויבט.

פלוצלינג האט דער העלד ארויסגעלאזט א הערצרייסענדען געשריי. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דער דאקטאר האט איהם ניט־ווילענדיג א שטאָך געטהאן...

— ווי דו שרייסט פון אזא נארישקייט ווערענד אין דער צייט ווען איך האב דיר אפּערירט האסטו געשוויגען.

— דאס איז אמת ! — האט דער מאט־ראָז געענטפערט — אבער פערשטעהט איהר מיך, העלר דאקטאר, דער שטאָך וואס איהר האט מיר ערשט געגעבען איז ניט געווען אין פּראָגראַם.

פינטשע

## אן אומגליק

עס האָט מיר געטראָפען אן "אומגליק,
עס רייסט מיין נשמה ארויס ;
אראָפּ פון'ם וועג איז מיין מיידעל...
רבותי, איך האַלט עס ניט אויס !

געוועזען אזא זיסנעקע מיידעל,
געוועזען אזא טייערעס קינד ;
נאָר פלוצלינג געוואָרען פערדאָרבען
און אלעס אוועק מיט'ן ווינד...

וואָס דענקט איהר זי ליעבט מיר ניט מ...
אוועק מיט א צווייטען געוויס ? —
א טעות ! זי רעדט נאָך עד היום
צו מיר אזוי ווייך, אזוי זיס.

און אפשר איז קראנק זי געוואָרען :
צו טרעפען איצט טהוט איהר א קלעהר...
אָ ניין, מיינע הערען, זי קרענקט ני...
זי איז דאָך געזונד, ווי א בער.

און אפשר, איהר קליגט זיך צו טרעפע...
זי איז פון'ם זינען געריהרט ?
און אפשר — אמאלע וואָס ס'טרעפט
אן'עקסידענט האָט איהר פאסירט ? –...

אָ ניין ! איהר פערשטעהט ניט מיין...
איהר קענט ניט בעגרייפען מיין פיין.
און אפשר געשטאָרבען ? — נאָך ע...
איהר ווייסט ניט — טו הערט־זשע ...

זי פלעגט אימער טראָגען די „ווײרדזש...
און סייפען ביי מיר איהרע „פעי" —
און היינט... אָ רבונו של עולם !
וואָס האָסטו געשטראָפט מיר אזוי ?

„האָט פלוצלינג מיין מיידעל בעשלאָס...
די ווײדזשעס אויף שבת ביי נאכט –...
צו טראָגען אין באנק נאָר ! זי האָט
דעם ערשטען „דעפּאזיט" געמאכט...

נו איצטער בעגרייפט איהר מיין או...
עס שפּרינגט דאָך דאָס הארץ מיר אר...
אראָב פון'ם וועג איז מיין מיידעל,
רבותי ! איך האַלט עס ניט איים...

May 10, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

ה. וואלוועגד:

## ראשיד׳ס געזאנג

אידיש פון העל־פען.

"אך דו שעהנע סולטאנס־טאכטער
קיינער פון די מענער האט נאך
מיט א בליק פון ווילדער תאוה
דיך פעראומרייניגט דו שעהנע
סולטאנס־טאכטער, פאטימא...

קיינער האט דיך ניט געזעהן נאך
פון דיין שעהנקייט אבער זינגט מען
שטילערהייט אין סולטאנס הארעם
ריכטער קליין און גרוים בעזינגען
דיך, דו שלאנקע פאטימא...

אויף די בערג אין שווארצע היילען
זינגט מען פון דיין ווילדער שעהנקייט
אין דעם פאלאץ פון מיין פאטער
זינגען וואנדערנדע־פאעטען
פון דער ווייסער רויז פון באגדאד.

פאטימא, דו רויז פון באגדאד
כ׳האב געהערט די לידער זיי׳רע
בין איך רוהלאז אומגעבלאנדזשעט
טעג און נעכט — ביז כ׳האב בעשלאסען,
דיך צו זוכען — פאטימא.

כ׳האב קיין רוה מיר נישט געפונען
איינזאם איבער פעלזען־וועגען,
דורך א ברענענדיגען מדבר
בין איך אויף מיין פערד געריטען
דיך צו זעהן מיין פאטימא.

דיך צו זעהן און דיך צו ליעבען" — — —
אט אזוי האט זיעבען טעג לאנג
אונזער זוהן פון סולטאן ראשיד
וויינענדיג זיין ליעד געזונגען
ביים באלקאן פון פאטימא.

זיעבען טעג און זיעבען נעכט לאנג
האט דעם סולטאנס זוהן געזונגען...
ענדליך עפענט זיך א פענסטער
און עס שעפטשעט שטיל א שטימע;
„ראשיד — האסט מיין הארץ בעצוואונגען".

א געשטאלט ערשיינט אין פענסטער
און זי נעמט אראפ דעם שלייער
פון איהר פנים. און זי בויגט זיך
טיעף ארונטער — „קום מיין ראשיד
צו דיין שעהנער פאטימא"...

ראשיד אבער שטעהט און ציטערט
שטעהט פערשטומט און קוקט פערשטיינערט
צוויי פערלאשענע אויגען זעהט ער
אין אנ׳איינגעקארטשעט פנים
פון אנ׳אלטער פאטימא..

שנעלער נאך ווי ה׳איז געקומען
פליהט ער אויף זיין פערד אהיים צו
איבער מדבר־פעלזען־וועגען
גרויזאם פליהט ער — צו אנטלויפען
פון דער אלטער פאטימא.

אין דער היימאטה אנגעקומען
לאזט ער ברענגען אלע דיכטער
און ער הייסט זיין אנטוהן קייטען
ווייל זיי האבען איהם געזונגען
פון א שעהנער פאטימא...

„שטראפען וויל איך אייך איהר לומפען"
הילכט דאס קול פון ראשיד צארניג.
איי׳רע קעפ — איך וויל זיי שיקען
א מתנה צו דער שעהנער
רויז פון באגדאד, פאטימא!..."

„זעהסטו אונז׳רע ווייסע לאקען
זינגען וויינענדיג די דיכטער
„וואהר איז דאס ביים גרויסען אללא
וואס מיר האבען דיר געזונגען
פון דער שעהנער פאטימא... —

אלט איז איצט די רויז פון באגדאד
דאך אין אונז׳רע אלטע הערצער
לעבט נאך יענע וואונדער־שעהנקייט
פון דער יונגער רויז פון באגדאד —
פון דער שעהנער פאטימא..."

הערט זיי צו דער יונגער ראשיד
ווערט זיין הארץ אויפס׳ניי צעריסען
פאלט זיין קאפ צום ברוסט ארונטער
און מיט ביידע הענד פערדעקט ער
זייגע אויגען און ער וויינט:

„נאר אויף איין אויג זעהט איהר אי[illegible]
בלינד זיינט איהר אויף ביידע אויג[illegible]...
בלינדע טרוימער זיינ׳מיר אלע
שעהן דאך האט איהר מיר געזונגען
פון דער ווייסער רויז פון באגדאד...

געהט — איהר זיינט בעפרייט א צינד[illegible]
געהט ארויס אין אלע גאסען
געהט און זינגט און פאנגט נאראנ[illegible]
מיט דעם ליעד פון אייער שעהנקייט
רויז פון באגדאד פאטימא.."

אברהמי׳ל:

## דער מאי אין רעדאקציע

דער מאי איז דא, דער מאי איז דא,
דער מאנאט פון די בלומען;
די רעכטע צייט ווען ליעבע בליהט
און שמעקט אונז ווי פארפיומען.

דער מאנאט ווען די געטין רוהט
פון אידישען טהעאטער *)
די צייט ווען מילכיגס ביליג איז
ביי יעדען רעסטאראטאר...

און אין רעדאקציע אויפ׳ן טיש
ווי קראפיווע אין גארטען
בעדעקען יעדען לעדיג פלאטץ
אוי לידער, כל־הסארטען...

און דער רעדאקטאר לעזט און לעזט,
איהם קאפעט שוויים פון שטערען;
„דער „באנטש" פון לידער אבער וואקסט
און וויל ניט קלענער ווערען...

מען זינגט פון פארק, פון וואלד און טהאל
פון ליעבע און פון כלות,
פון פליי, פון שאפ און מופעניש
און ער... מוזען לעזען אללעס...

דער מאי איז דא, דער מאי איז דא,
דער מאנאט פון די בלומען;
די רעכטע צייט ווען ליעבע בליהט
און פריהלינג לידער קומען...

*) ליידער איז דאס היינטיגען סיזאן ניט קיין אמת רעדאקציע.

מעפיסטא:

## פון מיין מענאזשעריע

3.

אפט דוכט מיר אז דו האסט א הויקער,
אפט דוכט מיר אז דאס איז ניט וואהר,
ווי לאנג איך בעטראכט שוין דיין פלייצע,
איך קען עס ניט וויסען אויף קלאר.

אפט דוכט מיר אז זי איז א גלייכע,
אפט דוכט מיר אז זי איז צוקרימט.
אוי, זאג מיר, צו האסטו א הויקער
צו ביסטו בלויז הארביג געשטימט?

4.

די יאהרען בעטען זיך ביי איהר:
„אוי האב אויף אונז רחמנות!"
נור זי איז שרעקליך איינגעשפארט
און טרייבט זיי ווי מיט בייטשען.

די יאהרען טשעפען זיך צו איהר
שוין לאנג, פון אלטע צייטען.
נור זי, זי טרייבט זיי ווייט אוועק
און בלייבט אלץ יונג און מונטער.

בלויז צוואנציג יאהר[illegible]ליכע
האט זי מיט פר[illegible]
און מעהר — זי וויל ניט און [illegible],
און עקשן בלייבט אן עקשן.

און אייביג וועט זי בלייבען יונג,
יא, אייביג יונג און מונטער,
עס וועט דער טויט אנטלויפען אויך
פאר איהר געשריי „איך וויל ניט!"

דען זי איז שרעקליך איינגעשפארט
און וואס זי זאגט — מוז ווערען,
און זאגט זי: „איך וויל בלייבען יונג" —
קען קיינער שוין ניט העלפען...

May 17, 1912.



# וואו די מוזען קינדער וויינען

מעפיסטא:

## זי, דאס קעציל און די פופע

(סילוועא הייט — צום געדענקען).

זי, דאס קעציל און די פופע,
ס'האט די ליעבע זיי פעראייניגט,
אבער איך, איך ליעב נור איינע
און איך ווער פון דריי געפייניגט.

שפיעלט מיין ליעבסטע מיט דער פופע
קען דאס קעציל ניט פערגינען,
הויבט עס אויף די בלויע אויגלעך,
ס'דוכט זיך אז די טרערען רינען.

לעקט עס מיין געליעבטער'ס הענטיל,
בעט, אז זי זאל ווייכער ווערען,
ביז עס שפרינגט אזש אויף פון וועהטאג,
און צודראפעט פופע'ס שטערען.

ווערט מיין ליעבסטע שוין אין כעס,
וויל זי ס'ווייסע קעציל שלאגען,
נור דאס קעציל האט בעמערקט עס
און זיך לאנג שוין אפגעטראגען.

שפרינגט מיין ליעבסטע צו צום קעציל
— דו, ערלויבסט זיך עס אביסעל!
פאלט די פופע פון איהר הענטיל
אויף דעם ווייסען קעציל'ס פיסעל.

פאנגט דאס קעציל אן צו מיאוקען,
האט מיין ליעבסטע שוין רחמנות,
נור די פופע ליעגט פערוואונדעט
און דאס קעציל שרייט, סכנות.

ווערט א טומעל, וויינט מיין ליעבסטע
אז דאס הארץ אזש ווערט צושניטען,
און מיין מזל, אוי מיין מזל,
קום איך אן גראד פונקט אין מיטען.

ווערט א שטורעם, א געפילדער,
לויפט די מאמע מיר אנטקעגען
און זי ליארעמט און זי קאכט זיך,
ס'פאלט אויף מיר א ווערטער־רעגען:

„קעציל, פופע — פופע, טאכטער,
נור מיין לעבען צו פערשווארצען" —
קום איך אין מיין ליעבסטער'ס צימער,
וויינט זי, פשוט ס'שניידען אין הארצען.

ליוף איך צום נאלד'נעם בעטיל,
— קינד מיינס, וואס איז דא געשעהן?
וויינט זי, קלאגט זי: „פופע, קעציל,
געה אהינצו ועסטו זעהען".

הויב איך אויף די שעהנע פופע,
פלעכט איהר אויס א גאלדען צעפיל,
נאכהער הויב איך אויף דאס קעציל,
גלעטענדיג דאס ווייסע קעפיל,

און איך טראג זיי צו מיין ליעבסטער,
ווערט זי ווייכער, ווערט זי לינדער,
הויבט זי אויף דאס בלאנדע קעפיל
שמייכלענדיג צו איהרע קינדער.

און זי קושט זיי, ווי א מאמע
אזוי צערטליך, אזוי איידעל,
קושט די „מא" די „קינדער" איהרע,
קוש איך ווילד מיין „מאמע"־מיידעל.

---

פאראן בייזע מענשען וואס ווערען אויף
אייך בייז, ווען איהר פערטרייבט זיי מיט
א שפאס זייערע בייזע מינוטען.

---

היינט צו טאג וויל מען ליעבער זיין
א נאר איידער א דורכשניטס־מענש.

העל־פען:

## איך וואַרט

ביי טאג געה איך אום ווי משוגע
מיר נעמט אויך ביי נאכט ניט קיין שלאף;
איך וואַרט אויף דעם קעניגס־קינד פריהלינג
איך וואַרט און איך וואַרט און איך האָף...

אזוי שטעה איך טעגליך ביים פענסטער
און קוק איך ארונטער אין גאס,
דאן וויל זיך מיר וויינען און לאכען —
א מאָדנער, א גרויזאמער שפאס...

א וואו איז ער פאַרט, אונזער פריהלינג?
אָט זעה איך דעם העסטער־פאַרק דאָ
קיין איינציגעס קליינטשיקעס גרעזעל —
פון בלומען — קיין סימן נישטאָ...

אויף אלע די „זיבעצען בוימלאך"
קיין איינציגעס ברעקעלע צווייט.
און דאָך — אויף די בענק זיצען אידלאך
און גאָר־נישט... עס קימערט זיי ניט...

די גאס איז נאָך אימער די זעלבע —
טראמוויען און מענשלאך מיט פערד...
די ערד איז נאָך אימער די זעלבע,
מיט שטיינער־בעפלאסטערטע־ערד...

שוין דאכט זיך: די צווייטע וואָך מאי איצט...
א בויער האָט נעכטען דערצעהלט
אז זינט צוויי חדשים — טאָג־טעגליך
בעזוכט איהם דער פריהלינג אין פעלד...

ער האָט אויך דערצעהלט אז דער פריהלינג
בעזוכט שוין דעם וואלד פון א צייט...
פאַרוואָס'זשע נאָך קומט ער צו אונז ניט —
צו אונז — צו די שטאָדטישע לייט?...

מאַרק שווייד:

## מיר לאכען

ווי שעהן איז געוועזען דער הימעל ביי נאכט,
מיר האָבען געאַרעמט שפּאַצירט און געלאכט;
מיר האָבען געקושט זיך, געשטיפט און געפייפט
און דוכט זיך, דעם תהום פון דער ליעבע בעגרייפט.

עס האָבען די מענשען געקוקט פון דער זייט
און האָבען געלאכט פון די „צוויי יונגע לייט".
עס האָבען די מענשען געלאכט נאָר פון צוויי
און מיר — פון דער וועלט און פון גאָט און פון זיי...

## מיר קינדער

דו ביזט א קינד נאָך. אויך איך בין נאָך קינדיש,
נאָר לאָמיר זיך ביידע פאַר גרויסע פאַרשטעלען
דו האָסט צוויי אויגען, וואָס מאַכען מיך קניהען,
און איך — א נשמה, וואָס וועט דיר געפעהלען...

דו ביזט א קינד נאָך. אויך איך בין נאָך קינדיש,
טאָ לאָמיר זיך ביידע פאַרבייטען מיט זאכען:
איך גיב מיין ריינע, מיין שעהנע נשמה,
און דו גיב א שמייכעל... און נאָך זיעבען זאכען.

## די סאפרעדזשעטקע

א סאַפּאַרדזשעטקע אויף א מיטינג
האָט געדונערט אויפ'ן קול:
„זאָגט מיר! צי דער מענער הערשאפט
צו ווערט זיין א סוף אמאָהל!?
אָהן א פרוי — דער מאן איז גאָרנישט
נעהמט דעם פאַלל, למשל דאן,
ווען די פרוי וואָלט ניט געוועזען
וואו וואָלט דאמאָלס זיין דער מאן?
שטיל. די ווייבער אלע שווייגען...
יעדע פרוי זיצט ווי א תם.
ענדליך שרייט א מענער־שטימע:
אין גן־עדן דאָך מאַראַם!...

אברהמ'יל

## פראגרעסיסטען

עפּיגראַמען פון ס. מאַכלין.

.1

זי ליעבט דעם פּראָגרעס. זי וואכט ביי זיין זייט.
דער פּראָגרעס איז איהר גאָטהייט און איהר מיסיאָן;
זי אָפּפערט איהר בלוט, איהר געלד און איהר צייט,
צוליעב דעם פּראָגרעס — פון דער קליידער פאסאָן.

.2

געטער און טיראַנען,
איז ער העלדיש ווידערשפּעניג!
אָבער צו זיין חנה'ן, —
איז ער שקלאַפּיש אונטערטהעניג...

May 24, 1912



# דער פּאַיאַץ

פון העל־פען.

אויף היינט איז דאָס פּראָגראַם : „אַ ליעב־האָבער שטאַרבט“.
ער שטעלט זיך ביים שפּיגעל אוועק און בעפּאַרבט
מיט צינק־וויים דאָס פּנים אַרום און אַרום.
דאַן טהוט ער זיך אָן זיין געקעסטעלט קאָסטיום,
אַ קאָלנער מיט שפּיצען און נאָכדעם די מיץ,
די לאַנגע פּאַפּירענע מיץ מיט דעם שפּיץ.
דאַן נעהמט ער זיין מאַלפּע און זעצט זי אוועק
און בינדט איהר אַ ליענטע אַרום אויפ'ן עק,
ער טהוט איהר אַ גאַרסעטיל אָן און אַ קלייד
אַ בלוסקע אַ ווייסע — מיט שפּיצען בענעהט.
ער נעהמט זיא ביים לאַפּקע און רעדט צו איהר גוט,
דאַן נעהמט ער אַ קליינטשיקען מיידעלשען הוט
און טהוט איהם איהר אָהן, און דאַן הייסט ער איהר שטעהן.
זי שטעהט אויף די הינטערשטע פּיסלאַך. אליין...
זי דרעהט זיך אַרום און ער קוקט זיך גוט צו
צי אַלעס איז פּונקטליך... צי פעהלט עפּיס וואו...
דאַן לעגט ער די האַנד אויפ'ן האַרץ און ער לאַכט :
„ווי שעהן עס איז היינט מיין געליעבטע — אַ פּראַכט !“
עס טהוט אויף דער ביהנע דאָס גלעקעל אַ קלונג
דאַן טהוט ער אַ רוף און אַ קנאַק מיט דער צונג
אַ שפּרונג טהוט די מאַלפּע און שטעלט זיך אוועק
ביי איהם אויף אַ זייט — טהוט אַ וואָרף מיט'ן עק
אַ בליץ מיט די אויגלאַך — אַ קלאַפּ מיט די ציין.
דאַן נעהמט ער זי אָן ביי דער לאַפּקע. זיי געהן
צוזאַמען אַזוי אויף דער ביהנע אַרויס
בעגריסט איהם דער עולם מיט שטאַרקען אַפּלאָוז —
פערנייגט ער זיך פיין, וויא געוועהנליך מען טהוט...
נאָר קוים עס ווערט שטילער צולאַכט ער זיך גוט —
צולאַכט זיך דער עולם מיט איהם אויפ'ן קול — — —
אַזוי געהט עס ווייעדער און ווייעדער אַמאָל
עס שטייגט דאָס געלעכטער צום ווילדען געבריל
און דאַן לעגט זיך ווייעדער דער רויש — עס ווערט שטיל — — —
די מאַלפּע זיצט איינזאַם אין ווינקעל ביים וואַנד,
עס צייגט דער פּאַיאַץ אויף איהר אָהן מיט דער האַנד;
„איהר זעהט מיין געליעבטע — אָ קוקט ניט אויף איהר...
זי שעהמט זיך... זי שפּיעלט איצט אַ ברוגז מיט מיר...“
חאָ־חאָ, לאַכט דער עולם, חאַ־חאַ און חאָ־חאָ !
עס שווייגט דער פּאַיאַץ. ווי אַ העלד שטעהט ער דאָ.
ער טהוט ניט קיין שמייכעל — ער טהוט זיך קיין ריהר.
ווערט שטיל — רעדט ער ווייטער צום עולם, ווי פריהער...
ער מאָלט אויס מיט ווערטער די גליקליכע נאַכט,
ווען ר'האָט מיט זיין ליעבסטער בעקאַנטשאַפט געמאַכט,
ער רעדט און דער עולם לאַכט הויך... און ער רעדט.
ער לאַכט און דערצעהלט ווי ער האָט זי געגלעט...
דאַן מאַכט ער איהר נאָך ווי זי האָט זיך געוויעגט
ביי איהם אין די אָרעמס — פון ליעבע בעגליקט...
דאַן צייגט ער ווי זי האָט די אויגען פערמאַכט
ווען ער האָט געקושט זי... ער רעדט און ער לאַכט
דער עולם לאַכט מיט אַזוי קלינגענדיג שעהן.
נאָר פּלוצלינג — אין מיטען די רייד בלייבט ער שטעהן
ער שפּרייט אויס די אויגען און בויגט אָן דעם קאָפּ
און קוקט ווי פערגליווערט צום עולם אַראָפּ.
וואָס איז מיט איהם איצטער אויף איינמאָל געשעהן ?
זעהט, זעהט זיינע אויגען... וואָס קען ער דען זעהן ?
אַ מיידעל... אָט־דאָ... אויף דער באַנק. אין דערמיט.
קיין שמייכעל בעווייזט אויף איהר פּנים זיך ניט...
ווי בלאַס ס'איז איהר פּנים. וואָס קען איהר דען זיין ?
ווי קומט זי — ווי קומט זי אהערצו אריין?...
זיין ליעבסטע... זיין אמת'ע ליעבסטע איז דאָס...
זי האָט איהם פערלאָזען... פערלאָזען... פאַרוואָס ?..
ער קוקט — עס ווערט אַלץ אַזוי נעבעלדיג־גרוי...
וואו איז ער ?.. אַ ווייל נאָך שטעהט ער אַזוי —
דערהערט ער די אונרוה פון עולם — און גיך
דערמאָהנט ער זיך ווידער — קומט ווידער צו זיך...
זיין קאָפּ קעהרט ער אום צו דער מאַלפּע, צום וואַנד.
צוערשט מיט אַ שמייכעל... דאַן שטרעקט ער אַ האַנד —
די צווייטע — און שטיל, קוים מען הערט וואָס ער רעדט,
עס קלינגט אין זיין קול ווי אַ שטילער געבעט ;
„אָ קום דאָך, אָ קום מיין געליעבטע צוריק...
עס וואַרט דאָך אויף אונז אַזאַ גאָלדענעס גליק...
פאַרוואָס ? אוי פאַרוואָס ביזטו ברוגז אויף מיר ?
ווי גוט, אוי ווי גוט איז מיין האַרץ דאָך צו דיר
אָ ליעבטע ! צי האָסטו אַ האַרץ דען פון אייז
אָ קום דאָך, אָ קום, נעהם מיין האַרץ און צערייס,
אָ נעם עס געליעבטע — דאָס האַרץ... עס איז דיין.
איך קען דאָך אָן דיר מעהר ניט זיין... מעהר ניט זיין — — —“
אַזוי, דער פּאַיאַץ — און דער עולם לאַכט הויך,
די מאַלפּע דאָך, זיצט מיט'ן קאָפּ אויפ'ן בויך
און טהוט זיך קיין ריהר ניט... און נעהענטער אַ טראָט
טהוט אַ שפּרונג דער פּאַיאַץ — אַ געלעכטער פון שפּאָט
קלינגט אַרויס פון זיין האַרצען, ווי בייטשען־געקנאַק
הילכט עס אָפּ אין דער לופטען — ווי קלעפּ פון אַ האַק —
און לאַכענדיג ציהט ער זיך — שטרעקט ער זיך אויס —
און ס'דאַכט זיך ; ער ווערט ווי אַ ריעז אַזוי גרויס
די הענד צו דער ברוסט צוגעפּרעסט, בלייבט ער שטעהן
מיט גלאַנציגע אויגען — פערביסענע ציין,
אַזוי ווי אַ מענש וואָס איז וואַהנזיניג קראַנק — — —
דאַן רייסט זיך אַרויס פון זיין ברוסט אַ געזאַנג
אַ געזאַנג — אַ געשריי — אַזאַ ווילדער געוויין
עס געהט ווי אַ שווידער דורך מאַרך און דורך ביין...
דאַן כאַפּט ער די מאַלפּע און פּרעסט זי און דריקט
צום האַרצען אַזוי — אַז מען זעהט : זי דערשטיקט...
אַ קוויטש טהוט די מאַלפּע — דאַן כאַפּט זי אַרום
זיין האַלז מיט די לאַפּעס... אַ ווייל איז שטום...
אַ ווייל — דאַן רייסט דער פּאַיאַץ אויף דאָס מויל
די אויגען פערמאַכט ער... און שוואַרץ ווערט ווי קויל
דאָס פּנים וואָס ער האָט מיט צינק־וויים געפאַרבט...
ער שמייכעלט נאָך איינמאָל — דאַן פאַלט ער... און שטאַרבט...
אַ ווילדען געבריל לאָזט דער עולם אַרויס —
דער פאָרהאַנג פאַלט צו, די פּאַיאַצווע איז אויס...

May 31, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

## אדיע!

פון העל־פען.

אדיע! — אייך אלע מיינע פריינד
איצט איז עס מעהר קיין שפאס.
דא האב איך שוין דאס רייזע־געלד
און דא האב איך דעם־פאס.

אויך האב איך שוין מיין גאנץ געפעק
פערפאקט אין טשעמאדאן.
און באלד וועט מיך א גאס־טראמוויי
אוועקפיהרען צום באהן.

א פייף וועט טהון די צוג־מאשין
און פו־פו־פו... אדיע!
איך פאהר אוועק—ווער בענקט נאך מיר?
און וועמען טהוט עס וועה?

די קינסטלער פון דעם טאגעבלאט
פערברענגען ווי בעפאר
אין אונזער ליטעראטען־קלאב
און דאס ביים שאך־ברעט נאר.

איין דאקטאר טרינקט זיין „סעלערי“
דער צווייטער טרינקט זיין טעע
דער דריטער אונטערהאלט זיך פיין
מיט קינסטלער־דאמען צוויי.

ער לאזט ארויס א וויץ אזא,
וואס קלינגט אזוי פיקאנט...
אז ביידע דאמען קרימען זיך
און ווערען רויט פון שאנד...

און ווי בעפאר שפאצירט ארום
די יונגע דיכטער־וועלט
אויף איסט־בראדוויי, די אויגען שארף
אויף מיידלאך אנגעשטעלט.

און זעהט מען וואו א שעהנעס קינד
און כאפט א שטימונג אן
דאן לויפט מען שנעל אהיים און—האפ!
ארויף דער מוזע'ס טראהן...

מען פורצע'ט אן א ליעבעס־ליעד
דאן שטרעקט מען אויס א האנד —
דאן מאכט מען שטיל די אויגען צו,
און מ'טהוט א קוש דער וואנד.

יא, ווי געזאגט: א יעדער געהט
דעמזעלבען וועג ווי פריהר.
און קיינעם — קיינעם פאלט ניט איין
א בענק צו טהון נאך מיר.

ווען איך זאל זיין א מיידעלע
און טאקע שעהן דאצו
פון וויפיעל מענער וואלט איך איצט
אוועקגערויבט די רוה?..

מיין אייגענער רעדאקטאר וואלט
פון בענקעניש פערגעהען.

דער איך האט ליעב א שעהנעס ווייב
אזוי ווי איך אליין.

נאר כאפט מיך שוין דער שווארצער רוח!
וואס מאך איך מיר פערדראס?
וואס טויג מיר אייער בענקעניש —
ווער דארף זי דען? צו וואס?..

איך פאהר דאך אין א שטאדט אצינד
וואס איז א האלב פאריז...
דאס לעבען דארט איז לוסטיגער
ווי דא ביי אייך — נעוויס!

הוריי! פאר דעם פראנצויזען־נאט
אויס אידעל איצטער! אויס!
איך נעהם מיר א פראנצויזקע דארט
און ווער מיר א פראנצויז.

„בולווע־שמופע“ „לאפראנזש־שמאפאנזש“
אדיע אייך מיינע פריינד!
לעבט גוט! און זארגט פאר מארגען ניט
זא לאנג עס לעבט זיך היינט!

מ. ל. האלפערין (העל־פען) איינער פון אונזערע וויכטיגסטע מיטארבייטער פאהרט אפ קיין קענעדע זיך צו בעזעצען. ער וועט ווייטער מיטארבייטען פאר'ן „קיבעצער“ ווי בעפאר.

רעדאקציאן.

משה ליעבערמאן.

## א קאונטרי פזמון

האליאק א מתנה.

1.

דא אין קאנטרי
הייסט א גדול,
דער וואס טויג זיך
צו דער נארעל;

ווייס א פערדעל
ווי צו „שמיערען“
יענער איז די
קרוין פון אידען;

קען נאך איינער
שיך פערלאטען,
שלינגט דער קהל
זיינע ראטהען;

און א גאון
איז אויף זיכער,
דער וואס האנדעלט
דא מיט טיכער;

פון א פעדלער
איז קיין ריידע, —
ער הייסט „פיהרער
פון דער ערה“...

## אין מיוזיק־האלל

פון ס. מאכלין.

מיין לאנדסמאן, מאטעל באנדער,
קומט צו מיר אמאל,
און זאגט ער וויל מיך „טריטען“
אין יורקעס מיוזיק האלל.

„ווי קענסט דאס“, זאגט ער, „זיצען
אלין אליין אין הויז?
קום און לאמיר צוגעהן,
דאס איז א פיינער פלייז.

וועסט זעהן דארט פיינע מיידלעך,
מיאווינג פיקטשעס, טענץ;
וועסט האבען פלענטע פלעזשור,
וועסט ווערען דארט א מענטש!“

„איך דאנק דיר“, זאג איך, „מאטעל,
איך דאנק דיר זעהר שעהן,
איך לעז אבער א ביכעל
און — איך קען ניט געהן!..“

„אה, קאם אן, פאר קריי סיק!“
ווערט מיין מאטעל בייז,
און טהוט א כאפ דעם ביכעל
פון מיינע הענד ארויס,

און רוקט מיר גלייך אין פנים
זיין אייזערנעם קולאק:
„דו געהסט, דו גרינע חיה? —
איך גיב דיר באלד א קנאק!“...

— — — — — — — — — — — — — —

אט בין איך שוין מיט מאטלען
אין דעם „פיינעם פלייס“: —
אז אלטע ברודנע שטעהל'כעל, —
געפאקט מיט קליין און גרויס...
[illegible]
די קליינע קינדער שרייען,
און מיידלעך הירזשען שטארק;
מען הוסט, מען פייפט, מען טרובעט, —
עס קאכט ווי אויף א מארק!..

מיין מאטעל נעהמט זיך שטופען,
דורכשלאגען א וועג —
„דאנט פוש!“ נעהמט איינער שרייען,
„דאנט פוש! איי'ל ברעק יור נעק!..“

„וואט?“ צינדט אן זיך מאטעל,
„וואט, יו'ל ברעק מיין נעק?..“
„שאראפ! יו — — — — — — — —
עס ווערט שיעור א געשלעג...

פערמאטערטע, פערשוויצטע,
ווי ערשט ארויס פון שוויץ,
האבען מיר צוזעצט זיך,
ענדליך אויף די סיטס.

מיין מאטעל טריט מיט
„אט הויבט זיך דאס ש
ס'וועט זינגען מעני ברע
וועסט שטארבען אזש פא

עס הויבט זיך אויף דער
און ס'טאנצט ארויס א
כמעט אין גאנצען נאקע
און מיאוס — ווי דער

„דאס איז זי!“ הויך ר
אין אויער מיר אריין,
און גיט מיך שטארק א
„קוק זיך גוט נאר איין!

עס ווערט א גוואלד א ש
מען קלאפט מיט הענד א
„סיי, זינג „ישראליק“...
„שבועות“... „חוה שים!

זי גיט א וואונק, א שמי
און זינגט: „ישראליק ק
צוריק אהיים צו חנה'ן,
כ'וועל זיין שוין גוט א

איך שווער דיר ביי דער
ישראליק'על מיין דאלל,
אז איך וועל מעהר קיין
ניט האלטען פאר קיין פא

און פלוצלונג נעהמט זי
און טייטלען אלין אויף
„אה, קום צו מיר מיין
מיין הארץ ציהט נאר צו

איך פיהל איך ברען פאר
און זי זינגט אלין צו מיין
„נו, קום שוין גיכער, סו
איך שטארב אוועק נאך די

עס ווערט א גרויס געלעכ
מען הויבט זיך פון די סי
און אלע נעהמען קוקען
אהינצו וואו איך זיץ...

„גא אהער!“ שרייט מאטע
„לעט אס העוו סאם פאן!
געה, ניט האב קיין מורא,
זי וועט דיר גאר ניט טהא

איך הויב זיך אויף פון בי
און גליטש זיך אויס און פ
איך לאז מיין מאטלען זי
און לויף ארויס פון שטא

# [illegible] עס דאס איז הע[illegible]
[illegible]

(א פאר ווערטער [illegible]

פון [illegible]

[illegible] טעטע וואהלען האבען אוגוס[illegible]
פארטיי געגעבען א אהנעהויבען [illegible]
אינטערווארמעטען [illegible]
אבער צווי מאל אזוי [illegible]
האט בעקומען פון [illegible]
א געקסכט [illegible]
[illegible] וואהלען [illegible]
[illegible] וועלען [illegible]
[illegible]
געגען די [illegible]
[illegible] די וואהלען [illegible]
[illegible] אין [illegible] די [illegible]
אין די צאהל [illegible] וועלכע [illegible]
האבען [illegible] אין לאנד [illegible]
דאס צוזאמען פון די [illegible]
[illegible] בארעכטער פון דאס [illegible]
[illegible] וואס נים אזוי [illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]

... פּאַרטיי מיט קאָמוניסטן.
די 4 רעפּרעזענטאַנטן האָבן דערווײַל זייער
[illegible] מיט זייער קאָנסטיטוציע,
[illegible] און אויסגעשפּילט. זיי האָבן גע-
לייגט א גאַנצע רייע „אַנשטענדיגע"
[illegible], און מען קען זיכער זיין, אז אין
19[illegible] וועט די אויך אויסטרעטן פאַ-
[illegible] מיט א קאָאַליציאָנס
פּלאַטפאָרמע און מיט אַנגעזעהענע
[illegible] קאַנדידאַטן. און די [illegible]
[illegible] פּאַרטיי וועלן אויך צוזאַמען
די אינטערעסן [illegible] שטאַרקער.
[illegible], און זיי וועלן קאָנטראָלירן די
פּאַרטיי און זיי וועלן שיקן מיט ראַדי-
קאַלן, זיי וועלן אָבער צו פיל פאַר-
בונדן מיט די אַנדערע העלפט פון דער
פּאַרטיי, און זיי וועלן אליין אויך ניט
מער ווי אַנשטענדיגע ביזנעס-לייט.
אז זיי זאָלן קענען אַפּעלירן צום
[illegible] פון די ראַדיקאַלע וואָ-
טערס. דיעזע וואָטערס וועלן דעריבער
צושטעהן צו אונז, און מען קען דעריבער
מיט פולע האָפענונג ערוואַרטן אן אונגע-
היערע צאָהל שטימען ביי די קומענדע
[illegible] וואַהלען. [illegible]
[illegible]

[illegible]

א מענש עסט, א חיה עסט.
א מענש לאכט, א חיה קען ניט לאכען.
טו זייט זשע ניט קיין חיות און לאכט מיט אונז מיט. דער קיבעצער.

# דער גרויסער קונדס
אילוסטרירטער זשורנאל פאר הומאר, וויצען און קיבעצן
פרייז 3 סענט

ערנסט! ערנסט! — א ווסטער געשריי.
זאל נור דער מענש א גוטער קיבעצער זיין, וועט דער ערנסט ממילא קומען.
איבסען.

Vol. V, No. 24. | June 5, 1912. | יוני 5, 1912. | פינפטער יאהרגאנג.

## מאנטרעאלער נאטיצען

(פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט).
העל־פען.

**א בלבול אויפ'ן „קענעדער אדלער".**

חאזאנאוויטש האט אין זיינעם אן ארטיקעל בעהויפטעט אז דער קענעדער אדלער פילט זיך אויס אין גאנצען מיט גע־גנב'עטע שטאף. און גאנץ בעזונדער גע־מיין — זאגט ער — איז דאס וואס בריי־נין זאגט אפילו ניט אויס וואו ער גנב'עט.. א גרויסער נאר דער חאזאנאוויטש, זאל ער מיר מוחל זיין. וואס וויל ער? בריי־נין זאל אויסזאגען וואו ער גנב'עט וועט ער דאך פערליערען זיין דזשאב, ווייל גנב'ענען קען דאך דער בעל הבית פונ'ם קענעדער אדלער אליין — צו דעם דארף מען ניט האבען קיין בארד און מען דארף ניט קענען ריידען שלעכט „דאטש"... דער פאקט אבער איז אז בריינין איז דא אין גאנצען אונשולדיג. ווייל ווי איך ווייס עס פון א זיכערער קוועלע שטעהט בריינין דעם גאנצען טאג ביים פענסטער מיט אויס־געשטרעקטע הענד צו די צוויי בוימלאך וואס שטעהען אין דרויסען און אלע 5 מי־נוטען שרייט ער אויס בעגייסטערט: „אך! ווי וואונדערשעהן אונד ערהאבען עס איזט יעדא דער וואלד!" אין דערזעלבער צייט אבער זיצט דער דזשעניטאר פון קענעדער אדלער מיט א שער אין דער האנד ביי א פול־אנגעפאקטען טיש מיט צייטונגען און ער שניידט אויף וואס די וועלט שטעהט...

---

די אנארכיסטען מאנטרעאלס האבען געוואלט ארויסגעבען א צייטונג פאר ריי־נעם אנארכיזם. האבען זיי איינגעלאדען די ארטאדאקסישע מארקסיסטען און געגרינ־דעט איין אסאסיאיישאן. האט איינער א נאציאנאליסט־סאציאליסט געוואלט אריינ־קומען צו זיי, האבען זיי דיסקוטירט דריי חדשים נאכט אויף נאכט וועגען איהם און געפונען אז אריינגעהמען איהם איז געגען דער אידעע פון אינדיווידועלען אנארכיזם — אריינגענומען האבען זיי איהם אבער דאך. דאן האט מען אנגעהויבען טראכטען וועגען א ריין־אנארכיסטישען רעדאקטאר און מען האט געפונען — דעם פועלי־ציון'־ניק חאזאנאוויטש... איצט זיינען שוין זיעבען נומערען ערשיענען פון דער ראזי־גער אנאהביסטיש - סאציאליסטיש - נא־ציאנאליסטיש - פועלי - ציון'ניסטישער צייטונג און די גענאסען זיינען נאך אלץ נייט צופריעדען. „ניט גענוג אנארכיס־טיש שרייען זיי!".. איין מעמבער האט פארגעשלאגען אז מען זאל יעדען נומער נאכדעם ווי ער ווערט פארטיג אוועקטרא־גען צום מוהל ער זאל איהם כל זיין א צווייטער האט געמאכט אן אמענדמענט אז איידער צום מוהל איז שוין גלייכער צום גלח, ווייל דער גלח איז א הייסער אנ־הענגער פון „פרייער־ליעבע"... א דריטער גענאסע, א היין קאפ, האט איהם געפרעגט פון וואנען ער ווייסט דאס, האט ער זיך געשוואוירען אז ער אליין מיט זיינע איי־גענע אויגען האט ערשט נעכטען געזעהן א וואונדערליך - שעהנע מאנאשקע ארויס־געהן פון גלח'ס הויז... מען האט אויסגע־וועהלט א קאמיטע — וואס זאל די זאך אונטערזוכען...

## צו דער ערעפענונג פון די פרייע קאנצערטען אין „סענטראל־פארק"




שלאפען אויף דער פרייער לופט איז פיעל געזינטער ווי אין א האלל (פון אונזער „הויז־דאקטאר".)

## טעלעגראמען

**בערלין:** ביז מיין קומען זאלט איהר אבהאלטען דעם פייט מיט דער „ווארהייט" וועגען דעם ראזענפעלד־אינצידענט.
אב. קאהאן.

**ניו יארק, שלום־קאפפע:** די צוקער פושקע וואס ש. יאנאווסקי האט געווארפען אין ראזענפעלד'ן איז געבליבען הענגען אין דער לופטען, אלע געהען אנקוקען דעם בייזען וואונדער. מ'רעכנט אז זי איז פערצויבערט געווארען פון די שעהנע צוי־בער־ווערטער וואס דער גרויסער־דיכטער האט דאן געווארפען פון זיין כשופ'דיגען מויל.

**ווארשא:** ווען ש. יאצקאן, דער רע־דאקטאר פון ווארשאווער „היינט" און בע־וואוסטער פייטער, האט דערהערט וועגען דעם „שלאכט אין קיבעצארני", האט ער גלייך טעלעגראפירט צו נאמבערג'ען בזה הלשון: נאמבערג זעהט האלט אן מיט אייער גאנצער קראפט די שלאכט, טהוט וואס איהר קענט, געלט אויף הוצאות נע־שיקט!
יאצקאן.

(מיר האבען אויך ערהאלטען 2 ספע־ציעלע טעלעגראמען פון אידישען ליטעראַ־טען קלאב אף ניו יארק).

ערשטע טעלעגראמע.

**ניו יארק, אידישער ליטעראטען־קלאב:** מארים ראזענפעלד איז דא היינט 12 אוהר ביי נאכט איינשטימיג אנגענומען געווארען אלס מיטגליעד פון קלאב.

צווייטע טעלעגראמע.

**ניו יארק, אידישער ליטעראטען־קלאב:** מארים ראזענפעלד איז דא היי־טע 1 אוהר נאך האלבע נאכט איינשטי־מיג אויסגעשלאסען געווארען פון קלאב.

---

די יוניאן וועלט אויפ'ן צימבעל!!
מיט דיעזען נומער פאנגען מיר אן די ביאגראפיעס פון גרויסע לייבאר לידערס ספע־ציעל געשריבען פון גאמ־פערס דעם צווייטען. לעזט עס און פערשפרייט עס אין אלע שעפער.

June 5, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

העל־פען:

## פון דער רייזע

ארויס אין דער נאכט אריין יאגט זיך דער צוג.
ארויס אין דער נאכט אריין — שטורעמדיג־פריי!
די ריעזיגע שטאדט ליגט שוין ווייט הינטער מיר.
שוין פליהען די גאסען די לעצטע פארביי.

פארביי — און וואס האב איך פערלוירען אצינד?
ס'איז ווירקליך ניט מעהר ווי דער הערליכסטער שפאס!
דריי יאהרען, דריי לאנגע, א שפיעל־צייג געווען
א שפיעל־צייג פון לעבען... פון ליעבע און האס...

איך וויים עס. איך וויים—כ'על פערגעסען די שמאט..
וואס האב איך דען דארטען געהאט פאר א גליק?
צו בענקט אַנ־אומזיסטיג־געפאנגענער דען
נאכדעם ר'איז בעפרייט — אין געפענגנים צוריק?...

ווען אבען עס בלייבט אין געפענגנים צוריק
זיין הייליגסטער חלום — ווי פיהלט ער זיך דאן?
מיין הייליגסטער טרוים איז געבליבען אין שטאדט...
און וואס איז דא מעהרער צו זאגען פאראן:

כ'האב וואהנזיניג ליעב געהאט איינעם א מענש,
דער מענש האט דאס הארץ געהאט פאלש מיר צו זיין...
און איצט אז איך וויים עס — א קינדערלאך, זאגט:
ווי זאל איך — ווי זאל איך ניט אויסגעהן פון פיין?...

נאר שטילער מיין הארץ! וואס פארביי איז פארביי!
זיך אפגענארט איינמאל און איצטער, פערגעס!
דער מענש איז געשטארבען פאר מיר און פארביי —
איך פיהר ניט מיט זיך די געשטאלט פון א מת...

זאל פליהען דער צוג אזוי שנעל ווי ער קען.
אין ליידענדע נאכט קען מיר גאר־נישט ניט טאן
איך שווער אז פערגעסען זאל זיין יענער מענש
נאך איידער דער מארגיגער טאג הויבט זיך אן — —

---

ס. מאכלין:

## עפיגראמען

1.

אן ל. זאלאטקאף.

מאדאם ארטהאדאקסי, האלט ביי דער גסיסה,
וויל דער פראפעסאר פערמיידען איהר מיתה, —
נו גיט ער איהר „וויצען", „מארקסען" און „זייף"...
צו רעטען א מת, איז קיין מיטעל ניט טריף!..

2.

איהר קענט קריעגען פאר געלט: כשר פלייש, כשר וויין,
א כשר'ע באד און א כשר'ען שוויין, —
איהר קריעגט דאס פאר געלד... איהר קריעגט אבער ניט
פאר קיין געלד אויף דער וועלט א כשר'ען איד...

מעפיסטא:

## מאדערניזם און רעאליזם

לעזט זי, לעזט זי מיינע ליעדער
אזוי הארציג, אזוי נערען
לעזט און טראכט און ווערט בעגייסטערט,
איז די אוינלעך גלאנצען טרערען:

„זיינע ליפען, איהרע אויגען
„רויט רויזען, בלויע ים'ען
„פאלען ברוסט צו ברוסט בעהאפטען
„גיעסט זיך רויט און בלוי צוזאמען".

אך, גרויסארטיג! נעמט זי שמייכלען,
האסטו דאס אליין געשריעבען?
אוי, ווי שעהן דאס איז, איך זאג דיר,
כ'וועל דיך אייביג, אייביג ליעבען.

און זי ווערט אלץ מעהר בעגייסטערט
און די אויגלאך איהרע פלאמען.
— זאג מיר אבער, וואס זשע מיינט דאס,
„גיעסט זיך רויט און בלוי צוזאמען"?

יא, עס איז אזוי גרויסארטיג,
נור כ'פערשטעה עס ניט אין גאנצען" —
שמייכלען מילד די רויטע ליפלעך
און די בעקלעך איהרע גלאנצען.

שפיעל איך מיט די לאקען איהרע
קוש איך ווילד די שעהנע אויגען,
ווערט איהר פנים, עפעס פלוצלונג
מיט א טרויער איבערצויגען

— „דיינע קושען בלויז פערשטעה איך,
נעה, דו מאכסט מיך צום נעלעכטער, —
שרייבסטו עפעס, וויים איך גאר ניט,
ביסט א שלעכטער, ביסט א שלעכטער".

כא, כא, כא, א קינד נאך ביסטו,
שרייבען מוז מען מאדערניסטיש,
אבער קושען — א געוואוינהייט —
קושען קוש איך רעאליסטיש.

---

## שפריצלעך

א ליז האט אויפגעשטעלט א צעטיל פון
רעגיערונגען און בעריהמטע פערזענליכקיי־
טען וואס זוכען אימער הלוואות: כינא,
רייזין, טירקיי, פארטוגאל און נאמבערג.

* * *

מ'רעדט אז מאריס ראזענפעלד נעהט
ארויסגעבען 3 נייע בענדער.
זיי וועלען בעשטעהן פון אויסגעקליבע־
נע אפאריזמען זיינע, ווי באם, יעוונוך, און
סאיב'טש...

* * *

מ'רעדט אז די אידישע אגיטאציאנס
ביורא האט בעשלאסען אויף איהר קאנווענ־
שאן אויפצולעבען דעם בונד אין אמעריקא
אדער פערוואנדלען זיך אליין אין א פער־
קאלאמבוסטען „בונד"...

משה ליעבערמאן:

## בענקעניש

בין געוועזן א פרייער בחור,
האט מיין בחור־הארץ געבענקט:
גוט איז האבען א געליעבטע —
האב איך דאמאלסט מיר געדענקט

האב געקראגען שוין א ווייבעל,
האט זיךביידען דאן געבענקט:
אך, ווי גוט איז האבען קינדער! —
האבעןביידע מיר געדענקט;

גאט צו דאנקען — טאטע מאמע,
האט זיך ווידער אונז געבענקט:
גליק הייסט פיהרען זיי צו חופה
האבען דאמאלסט מיר געדענקט;

ג'לויבט זיין נאמען — שווער און
האט זיך אלץ דאך נאך געבענקט:
גליקליך זיינען זיידע באבע —
האבען ביידע מיר געדענקט;

איך א זיידע, זי א באבע
און עס האט זיך אלץ געבענקט, —
גאט האט אבער מעהר קיין יאהרען
איהר און מיר שוין ניט געשענקט..

---

יצחק בלום:

## ס'איז אומעדיג....

ס'איז אומעדיג....
ס'איז אומעדיג אין וואלד אן אין פע
אין זונ'ען טעג און רעגען קעלט,
איז טויט און פוסט די גאנצע וועלט,
ווען „די ליעבע" ברידער פעהלט!...

ס'איז אומעדיג דעם פויגעל'ס ליעד
ס'איז אומעדיג די בלום וואס בליהט..
דיין הארץ איז קראנק דיין זעל איז מיע
ווען דו האסט ברודער קיינעם ניט...

ס'איז אומעדיג ביי דיר אין הויז
ווען דורכ'ן פענסטער בליקסט ארויס
מענשען פול... די גאס איז גרויס...
און זוכסט און קוקסט א מענשען אויס.

ס.איז אומעדיג ווען מ'קלאפט אין טיו
און ניעבסט מיט שרעקען זיך א ריהר
און גאט מיין גאט דערזעהסט גאר איהו
דיין מיסים... מאנען רענט ביי דיר..
ס'איז אומעדיג....

א מענש עסט, א חיה עסט.
א מענש לאכט, א חיה קען נים לאכען.
טו זייט זשע נים קיין חיות און לאכט מיט אונז מיט.
דער קיבעצער.

!  ערנסט ! — א
ר געשריי.
ול נור דער מענש א
קיבעצער זיין, וועט
ערנסט ממילא קומען.
איבסען.

Vol. V, No. 26. June 21, 1912. פרייטאג, יוני 21, 1912. יאהרגאנג.

## מאנטרעאלער נאטיצען

ספעציעל פאר'ן „קיבעצער".

פון העל־פען.

מיט צוויי וואכען צוריק האבען זיך אין פרינטינג פון קענעדער אדלער צוויי מענשען געפיים אויף טויט און אויף לעבען. דער מענעדזשער פון דער „פאלקס־ציימונג" מיט דעם מענעדזשער פון „קענעדער אדלער" און דאס גאנצע געשלעג איז ארויסגעקומען וועגען א „פ". די געשיכטע איז אזוי. אין פרינטינג איז פערהאנען איין „פ", אזוי וויא אבער מען האט אויפגעשטעלט ביידע צייטונגען און ביידע מענעדזשערס האבען געהאט יעדער אן אדווערטייזמענט וואס האט נויטהיג געהאט א „פ" האט מען זיך גע'הרג'עט... אויף טויט און אויף לעבען... נאראנים מענעדזשערס, זיי האבען זיך דאך געקענט אנ'עצה געבען. איינער שטעלט אריין די „פ" און דער אנדערער דעם „באס פון קענעדער אדלער", ער איז א גאנץ וואוילער חכם...

פאגראם העצעס אין מאנטרעאל.

די אידישע שניידער באסעס העצען אין דער ענגליש און פראנצויזישער פרעסע געגען דיא אידישע סטרייקער. זיי זאגען אז די אידען סטרייקען ווייל זיי ווילען נים ארבייטען מיט נישט־אידען. די גלחים פראטעסטירען. זיי שרייען אז די אידישע באסעס ווילען ביי זיי אוועקנעהמען זייערע דזשאבס...

די פרוט־א־האלבען פועלי ציון'ניקעס פון מאנטרעאל האבען בעשלאסען אויף א מיטינג ארויס צו העלפען די שניידער סטרייקערס צו דעם צוועק האט מען אויסגעוועהלט א קאמיטע פון דריי, וועלכע זאלען אין די טעג פון סטרייק ארומגעהן צווישען דיא סטרייקערס מיט נאציאנאל־פאנד פושקעס אין די הענד...

## א פשט'על

איינער: אויף וואס האט דער „פארווערטס" אויף זיין געביידע אויסגעשטעלט 2 מוידען מיט נאקעטע בריסט?

צווייטער: ס'האט א הויכע בעדייטונג, ווייל דאס פאלק רופט די סאציאליסטען ציצעליסטען.

(נאכדרוק פערבאטען).

## צופריעדען...

(צו פראפעסאר מעטשניקאף'ס ערפינדונג פון אייביגע יוגענד.)



שוועסטער! לאמיר זיך פרעהען: איך און דו וועלען שוין בלייבען יונגיטשקע אויף אייביג... אויף אייביג!... שוין קיינמאהל מעהר נים אלט ווערען — ס'לעבע מעטשניקאף!

## סודות

ע אבטיילונג איז „קיבעצער".
ינען געבעטען צו צושיקען
פון דער וועלט פון כלל־
ר, אקטיארען, פראמי־
נטע ביזנעס־לייט און
ליטעראטען.

או דער מושב זקנים פון דאה־
דזשייקאב האט אוועקגעשיקט
ן פראטעסט צו פראפעסאר
פאר זיינע אייביגע יונגנד־ער־

יטש? ער נעהם דאך פשום
עו זייער אינסטיטושאן.

* * *

ז זיך אז דיא לעצטע וויכטיגע
ענץ פון ה. נאכבערג צום
ווארשא איז געווען וועגען דעם
האט אויסגעפרעסט דעם „סום"
יסי האט גענומען א העיר־

* * *

ט זיך אויך אז מאריס ראזענ־
זיך אויסגעשפראכען, אז דער
„אוצר" פאר'ן ליטעראריש־
צוועו צוליעב דעם וואס ער איז
מעמבער און פרץ הירשביין
ן אוים מעמבער...

* * *

ז זיך אז פרץ ווערניק איז
הרען אין שיקאגא צו ראטעווען

* * *

יך איבער פון אויער צו אויער
סא־וויקטאריא האט חתונה גע־
ען תיכף פון „פארווערטס" גע־
קאהאנען.

* * *

ם זיך אויך אז די „ערת
ם פלעגער ווי צו פטור ווערען
ן. אורזאכע: ווייל ער טראגט
אריין...

* * *

אז דער אידישער ליטעראטען
אף דעם גרויסען ערפאלג וואס
אט מיט זיין דראמאטישע
פונ'ם „אוצר" — צו אויפכ'ה־
רא...

June 21, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

העל־פען:

## הארץ דו...

הארץ דו — שעהנעם בייזעם הארץ מיינס,
זאג, וואס איז מיט דיר שוין ווידער.
נאך האסטו נישט אויסגעזונגען
דיינע לעצטע ליעבעס־ליידען?

און דו ביזט שוין ווידער מאדנע, —
ווי א זומער־טאג וואס וועקסעלט
זון און רעגען... וויינסט און זינגסט שוין
ווידער פון דער יונגער ליעבע?...

טאנצסט שוין ווידער ווי א קליינע
זינגענדיגע שאנסאניעטקע...
ביזט שוין ווידער גאנץ משוגע
פאר א מענשעל אין א קליידעל...

נעכטען ערשט האט דיך די פאלשקייט
פון דער איינער ווילד פערדראסען
היינט שוין — האסטו דיינע טירלאך
אויפגעשלאסען פאר א צווייטער...

נעכטען וואהנזיניג פון ליידען,
היינט משוגע שוין פון ליעבע...
דיינע גרויזאמע קאפריזען
מאכען מיך צום שפיעל־צייג דיינעם...

איצט געפעלט דיר שוין די קליינשטאדט
ברומסט שוין מעהר ניט אויף איהר טויטקייט.
איינס פון איהרע שעהנסטע מיידלאך
האט זי דיר אוועקגעשאנקען...

הארץ דו — שעהנעם בייזעם הארץ מיינס
אומעדום מוזטו געפעלען;
ביזט דאך רייך אין לעבענס־טרוימען
ווי די וועלט איז רייך אין בלומען.

ביזט אויך רייך אין שעהנער חוצפה
איינס נאר וויל מיר ניט געפעלען:
האסט א קליינטשיקען חסרון
שרעקסט זיך פאר א פיסטאליעטעל...

אך! ווי קען מען אזוי דום זיין
אזוי שוואך זיין — זיך צושרעקען
פאר א קליינטשיק פיסטאליעטעל
הארץ דו — שעהנעם בייזעם הארץ מיינס!

## היטץ־פאעזיע

פון אברהמיל.

עס ברענט, עס פארעט אין דער גאס,
עס איז ניט אויסצוהאלטען!
וואהין אנטלויפט מען פון דער היטץ:
אין וועלכע ארט — אין קאלטען?!

די העמדער מיינע ווערען נאס,
קיין וועש שוין באלד מיר קלעקט ניט...
מיין קראגען שווארץ אי״, ווי די ערד,
פון מיינע זאקען... — פרעגט ניט!..

אוי, — גוואלד די היטץ! א גהינם!
וואו זאל איך מיך בעהאלטען?!
איך וואלט געפלויגען אין עק־וועלט,
צום נארד־פאל, כאטש, צום קאלטען...

איך וויל זיך רעטטען פון דער היטץ
אין מיין געליעבטער׳ס גארטען,
נור ווען זי דריקט מיך צו איהר ברוסט, —
נאך הייסער ווערט מיר דארטען...

איך בעט זי, זי זאל בעסער מיר
א טעלער „אייז־קרים" קריגען...
זי ברינגט מיר אייז קרים פון דער גאס,
איז דארטען פול... מיט פליעגען...

איך לויף אין פארק אפט כאפען לופט,
נור ווען איך זאל ניט קומען, —
איז דארט, שלים־מזל, יעדער באנק
פון אידענעס פערנומען...

איך לויף צום פרישען טייכעל שוין,
ביים ברעג א באר צו כאפען...
בעשערט מיר גאט — מיין שווינער דארט
אין איין־העמד צו דערטאפען...

איך ווער משוגע פון דער היטץ...
מיר ווערט מיין קאפ צושפאלטען!
א „רענדעל" וואלט איך פאר איין „טוש"
געגעבען — פאר א קאלטען!..

איך לויף אין גאס... און פלוצים דאך
א „טוש" האב איך גענאסען:
א מיסעס פון א פיערטען פלאר
האט גוס מיך... אבגעגאסען...

## א קאנטרי פאלקס־ליעדעל.

פון משה ליעבערמאן.

זונטאג קלויב איך יאגדעס,
מאנטאג רייס איך ניס,
דינסטאג קלויב איך שוואומען,
מיטוואך כאפ איך פיש,
דאנערשטאג שים איך האזען,
פרייטאג שנייד איך גראזען, —
שבת וואס איך טהו?
שבת האב איך רוה!

פינטשע:

## דעקאדענטיש

עס האט דאן געשענעהט און געשטורעמט:
א ווינד האט א שטארקער געבלאזען,
און איך בין געלאפען צוטומעלט,
די פאלעס פון קאפטען צולאזען.

מיר ארט ניט דער פראסט — זאל ער ברענע
מיר ארט ניט קיין שנעה און קיין ווינטען —
זיי מעגען מיר צופען פון פארענט,
זיי מעגען מיר רייסען פון הינטען.

איצט זי ליגט מיר טיעף אין געדאנקען,
איצט זי פיקט אהן אויפהער מיין מח;
עס ווילט זיך מיר נאך אמאל זעהן איהר,
איך האב שוין פון בענקען קיין כח.

עס שטעלט זיך מיר פאר פאר די אויגען,
ווען זי איז פערביי מיר געגאנגען, —
מיין גאט, ס׳ארא געטליכע שעהנהייט!
זי האט אויפ׳ן שטעל מיר געפאנגען:

די אויגען — דער רעכטער א קרומער,
פון לינקען אביסעל גערונען;
עס האט מיר נאך מעהרער בעצויבערט,
איך האב׳ס פאר א סימבאל געפונען:

דאס האט זיך צוברויזט און צושטורעמט
דער ים און האט מעכטיג צופלאסען
די וואסערען זיינע מיט צארען,
זיי איבער די ברעגען צוגאסען...

צוויי הארבעס, ווי בערג אויפ׳ן רוקען —
נאטור נאר קען זעלכעס אויסשניצען —
ס׳דערמאנט מיר דער בארג פון לבנון,
ס׳דערמאנט מיר די אלפישע שפיצען...

דאן ווארפט זיך אביסעל איהר קערפער,
אויף איין פוס — אביסעל געהונקען, —
דאס וואקעלט ארום זיך א לעבען
אין זוכען פראבלעמען געזונקען;

דאס ווארפט זיך ארום א נשמה
אין פראגען, פערצווייפעלט, אהן האפען,
און ווייס ניט, פאר וואס זאל מען וואכען
און ווייס ניט צו וואס זאל מען שלאפען...

Vol. V, No. 28. | Friday July 5, 1912. | פרייטאג, יולי 5, 1912. | ער יאהרגאנג.

טם! ערנסט! — א
טער געשריי.
זאל נור דער מענש א
ער קיבעצער זיין, וועט
ערנסט ממילא קומען.
איבסען.

א מענש עסט, א חיה עסט.
א מענש לאכט, א חיה קען
ניט לאכען.
טו זייט זשע ניט קיין
חיות און לאכט מיט אונז
מיט. דער קיבעצער.

## בונד פון א שוואכע
## ווערק'ל

נאך שלום אש.

ידישע דראמא פון אידישען לעבען,
גן פון א אידישען שריפטשטעלער
ידישע לעזער אין דער „אידישער
רעדאגירט פון גאנצע 5 אירעשע
ארען.

ען: סטעפאן, יאדוויגא, אנדרע
זשי, אנטאן, העלענא.

ערשטער אקט.

סצענע שטעלט פאר א פעלד, אין
פעלד שטעהט א צלם מיט קריסטוס'ס
גן א ברענענדיגע ליכטעל. סטעפאן,
א, אנדרעזשי, אנטאן און העלענא
פעלד בלומעלעך און פוצען דעם
ויי זינגען א געבעט־געזאנג ביים
עס איז א הארצרייסענדעס קאטוי־
קירכענגעזאנג, וואס בעשטעהט נור
ווערטעד: „טאטע אין הימעל, ער־
דיך איבער אונז!" „זוהן, אויס־
פון דעד וועלט!" „הייליגער גייסט,
עם דיך איבער אונז!" „הייליגער
יינציגער גאט!" א. ז. וו., א. ז. וו.

וויגא (צלם'ענדיג זיך): א, מא־
א, פיעל געפייניגטע הייליגע מא־
א!

עפאן: א וואו ביזטו, דזשאדזש.
יינע קריסטוס־נאכט מתנות!

דוויגא: א טאטולקא! א טאטול־

טאן (קומט אריין, זעהט אויס ווי
יגעס בילד געמאהלט אין קירכע ביים
): א יעזו, יעזו, יעזו! (צלם'ט

לענא זעהט אויס טרויעריג, מאכט
איינדרוק ווי א געזיכט פון א הייליג
ינטע, זי געהט פאמעליך, שוואך ווי
רייען): א הייליגע פריילין ערבא־
זיך איבער אונז. קריסטוס הער!
ט זיך).

טאן: א, הייליגע מאריא, ערבארעם
יבער אונז! נעהם אונז אין הימעל
... קריסטוס ליעבער! (צלם'ט זיך).
ע־ט! ירבארעם דיך איבער אונז
ער טאטע! זוהן, אויסקויפער פון
אנצער וועלט!

דוויגא: הייליגע דרייאיינינקייט!
רמזעטצונג אויפ'ן לעצטען קאלום)

## אב קאהן'ס לעבעדיגער אינטערוויו מיט עמיל זאלא

(נאך די זעהר קלוגע אינטערוויוס מיט זשארעס און דרייפוס איז אונזער קאהאן
אוועק אויף דעם בית־עולם פון פאריז צו אינטערוויוען די דארטיגע בעריהמטהייטען)




— גענאסע זאלא, וואס איז אייער מיינונג וועגען מיין „פארווערטס"?
גענאסע זאלא זאגט מיר — אר יו לייק מיינע קריטיקען?

## טעלעגראמעס

(ספעציעל פון העל־פען.)

מאנטריאלא דעם 29טען, 1912.

בריינין האט היינט גערעדט צוויי מינוט לאנג אהן „איך וואהר", אהן „איהנען" און אהן „געהאבט האנאע".

* * *

שמאלץ אין פרייז געשטיגען, ווייטערע אנפראגען ביי האזנאוויטשעס קערפער־שמאלץ־טראסט.

* * *

ביטע מעלדען דעם „פארווערטס" די פרישע נייעס: „שניידערס סטרייקען אין מאנטריאל".

* * *

סטרייקערס פערצווייפעלט. ווילען וויסען וואס מיינט „פאלעסטינע" „נאציאנאל־פאנד". צוויי ווערטער פון פ. צ. סעקרע־טער עהרענרייך'ס לעקסשור.

* * *

נאציאנאל־ראדיקאלע־שוהלע־אגיטאטאר עהרענרייך געווען, דריי טאג געגסען פיין. דריי נעכט געשלאפען געשמאק און אוועק־געפאהרען.

* * *

עטקין ערוואַרטעט מיט עקספרעס־טריין קיין מאנטרעאל. דער „זיידע" דארף א מענעדזשער.

* * *

צירקולייש אן „דאס אידישע פאלק" גע־שטיגען פון זעקס נומערען אויף זעקס מיט א האלב.

* * *

דעם „נייעס־קאפ" וואס די „פאלקס־צייטונג" האט גענגב'עט ביים פארווערטס, הייסט „די פראסטיטוטקע פון קאפיטאל".

* * *

וועטער שעהן.

## דאס בונד פון א שוואכע ווערק'ל

פאטער זוהן און הייליגער גייסט, ערבא־רעמט זיך איבער אונז! (צלם'ט זיך).

העלענא: זוהן, ערלייזער פון דער גאנצער וועלט! א מוטער הייליגע ערבא־רעם זיך איבער אונז! א. ז. וו. א. ז. וו.

יוסף טונקעל.

ווארשא.

July 5, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

העל־פען.

## מאנטרעאל

און איז שוין די געגענד א שעהנע,
דאָך שטעלט עס אייך אלץ ניט צופריעדען;
ווייל ווידער די אייגענע מעשה,
מען וואוינט און מען לעבט צווישען אידען...

א איד איז אנ'אנשטענדיג מענשעל;
ער האָט זיך א ווייבעל א קליינע,
דאצו האָט איהם גאָט נאָך געגעבען
פיעל קינדערלאָך איינע נאָך איינע

10 שטונדען אין טאָג האָט ער ארבייט,
און דריי מאָהל אין טאָג מוז ער עסען,
ביינאַנד מיט דער ווייבעל דער מלכה
ביינאנד מיט די קינדער פרינצעסין...

ביינאכט ווען דער זייגער שלאָגט זיבען
דאן פאלט מען זיך שלאָפען אנידער
דער מאַן ווערט פערוויעגט פון זיין „צרה"
דער בחור פערוויעגט זיך מיט ליעדער...

ער זינגט זיך א ליעדעל פון ליעבע
און ווערט ער אנטשלאָפען בשלום
דאן חלום'ט זיך איהם א געליעבטע
דערלאנגט ער איהר קושען אין חלום.

און קושט ער א לעבעדיג מיידעל,
דאן מוז ער שוין חתונה האָבען;
און ווערט ער א זיידע — און שטארבט ער
דאן וועט מען איהם זיכער בעגראָבען.

אזוי לעבט זיך דאָ אונזער אידעל.
גאנץ אנדערש דאָ לעבען פראנצויזען:
„א וואלד ליעד ביי זיי איז דאָס לעבען —
א גאָרטען פון בלוט רויטע רויזען...

זיי האָבען דאָ ריעזיגע קלויסטערס,
זיי האָבען דאָ זנות־הייזלעך קליינע;
בעזוכט ווערען הייזלאָך און קלויסטערס
פון מיידלאָך פראנצויזקעלאָך שעהנע...

זיי געהען פריהמאָרגענס אין קלויסטער
און זינגען דאָרט הייליגע ליעדער,
ביי נאכט אין די זנות הייזלאָך טאנצט מען
און זינגענדיג זינדיגט מען ווידער...

אין בעט פון דער ליעבע געניסט מען
דאָס רוישיגסטע גליק פונ'ם לעבען...
ביי גאָט פון דער ליעבע פערלאנגט מען
ער זאָל די עברות פערגעבען!...

מאנטריאל, יוני.

## א חלום

פריי נאָך היינע.

מיר חלום'ט זיך אז איך בין גאָטט
און וואוין מיר אין דער לופטען;
מלאכים זיצען ארום מיר
און לויבען מיינע שריפטען.

איך עסס מיר לעקאָך, טרינק מיר שנאַפּס
און טהו מיין מאָגען טובות:
איך טרינק א גלעזעל וויין צומאָל
און האב נישט קיין בעל־חובות.

דאָך איז עס פוסטער וויא אויף דר'ערד...
נעה רייד — נישטא צו וועמען!
א גליק וואָס איך בין גאָטט אליין! —
זאנסט וואלט דער רוח מיך גענומען!

„גבריאל מלאך, קום אהער!
דו הויבסט זיך אן צו ריהרען?
פליה שנעל אראָפּ און ברענג ארויף
מיין פריינד שלומי'ל צו פיהרען.

נאָר זוך איהם נישט אין לייברערי,
דו טרעפסט איהם ביי א בראוקער,
פערזעטצענדיג זיין וואטש־און־טשיין
צו האָבען אויף א פויקער".

גבריאל שפרייט די פליגעל אויס,
געשווינד וויא איך דערצעהל אייך,
און פליהט אראָפּ און ברענגט ארויף
מיין פ יינד פערקנאקט און פרעהלאָך.

„דרך ארץ, שנץ, איך בין גאָטט! —
נא, נעהם אביסעל וויין נאָך —
געדענקסט? כ'האב תמיד דיר געזאָגט,
פון מיר וועט עפּעס זיין נאָך!

און היינט די נסים וואָס איך טהו —
אך, פּשוט נאָר צום שטוינען!
אין דיין זכות וועל איך מיר יעצט
גאנץ איסט בראדוויי בעלוינען;

עס זאָל א יעדע גארבעדזש קען
באלד פול ווערען מיט טשיקען;
און ווער עס ווילל און ווער עס קען
זאָל מעגען דאָרט זיך קוויקען...

און וואקסען זאָלען ווארצלען חריין
אוואו מען וועט נאָר זיטצען;
און פון דעם קוואלל אין ראטגערס־סקוועער
זאָל טהעע מיט לעמאָן שפריצען.

דקל.

## קוראַרט־מאַטיוועז

אברהמיל.

1.

מיין שכנה האָט קיין קינדער ניט
און בענקט שטארק נאָך א „דור",
קיין „קארלס־באד" און „פראנצעס־באד"
ד'רום פאָהרט זי יעדעס יאָהר...

זי וויים אפילו, אז א „באד"
איז נוטצ־לאָז פאר איהר גאנץ,
זי וויים נור, אז איהר העלפען קען
א „קארל" צי א „פראנץ"...

2.

מיין דאָקטאָר הייסט מיר טרינקען מילך
און גיט צו מיר א זאָג:
— טרינקט „שפרודעל־וואסער" אין דער פּר[illegible]
און מילך טרינקט נור ביי טאָג...

א גויה טראָגט מיר טעגליך מילך,
„נור צו די מילך א קלאָג! —
כ'טרינק „שפרודעל־וואסער" אין דער פריה,
און טייך־וואסער ביי טאָג...

3.

געדענקסטו, ווי ביי'ם וואסער־מיהל
מיר האָבען זיך געקושט,
און ווי דער ראָד־גערויש ט'פערהילכט
די קושען — און פער'טושט?

געדענקסטו, ווי דער מיהל־גערויש
ט'אויף אונזער גליק צושטערט?
ווי מיר האָבען דיין טאטענס טריט
פון הינטען... ניט דערהערט?

געדענקסטו, ווי דער מיהל־גערויש
האָט אונז פערדרעהט די קעפּ?
און האָט פערהילכט און אויך פער'טושט
דיין טאטענס שווערע... קלעפּ?

קארלסבאַד, יוני.

## מענשען און מלאכים

פון משה ליעבערמאן.

מלאכים בעוואָהנען די הימלען
און מענשען בעזיצען די ערד,
מלאכים נאָר רייטען אויף כרובים
און מענשען גאָר פאָהרען אויף פערד.

מלאכים בלויז זיינען נשמות
און מענשען פערמעגען אויף לייב,
מלאכים ד'רום ליעבען דעם בורא
און מענשען גאָר ליעבען א ווייב...

July 19, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

העל־פען.

## ליעבע

— און האסטו דיין ליעבע דער'הרג'עט,
און זיינען די טעג דיינע טריעבע,
דאן שלעפ זיך פון שענקעל צו שענקעל
און טרינק „צו געזונד" פון דער ליעבע...

און דאן ווען עס ווערען אין מערב
די לעצטע פאר שטראהלען פערלאָשען
דאן זוך אין די קעשענעס דיינע
צוזאמען, די לעצטע פאר גראָשען,

און פאָרווערטס! וואָס וויינינגער טראכטען...
דאס לעבען וויל לוסטיג זיין, מונטער.
ארויף — מוז מען שלעפען דאס לעבען...
ווי לייכט אָבער געהט עס ארונטער...

ארונטער! בע־כע, מיין נשמה,
ניט שרעק זיך, ס'איז ניט אזוי העסליך...
פארהאנען נאָך מיידעלאך — רויזען
דאָרט אונטען טיעף, טיעף אין די געסלאך...

צו קענען די רויזען נאָך בליהען,
צו גאָר שוין פערוויאנעטע רויזען?
ווער ס'האָט ניט קיין קליין־געלד אויף נייע
געהט קויפען, געטראָגענע הויזען...

אָט ווינקט דיר שוין איינע דאָרט, זעהסטו?
א היבש שטיקעל שוועהרקייט... דארף וועגען
א צוויי הונדערט זיעבעציג, זיכער...
נו, שעהם זיך ניט, געה איהר אנטקעגען...

העי! הארציגער ביער־פעסעל מיינער!
וואָס קאָסט — זיך אין דיר צו פערליעבען?..
איך דארף ניט דיין ליעבע די ערשטע —
איך נעהם וואָס איז איבערגעבליבען...

זעה, זעה נאָר, ווי הארציג זי שמייכעלט,
כאָטש נעהם איהר ארום ווי א תורה
און שיק פאר דער דאָזיגער שעפּפונג
א לויב־ליעד ארויף צו דעם בורא...

בעצאָהל, און איהר ליעבע איז דיינע...
דיך עקעלט איהר שמינקע, איהר פודער?..
דו קענסט זי ניט קושען? וואָס דען זשע?
ווילסט שפייען — איז שפּיי, גוטער ברודער!

איהר פנים קען אלעס פערטראָגען.
נאָר שנעלער — די צייט איז איהר טייער.
עס וואַרט שוין נאָך דיר אויף איהר ליעבע
א ליעבסטער, א פרישער... א נייער...

## אין קאר

פון אברהמ'ל.

איך זיץ אין קאר, אנטקעגען מיר
א מיידעל זיצט זיך בלויז,
און האלט א שעהנעם הינטעלע
און ווארימט איהם אין שויס...

איך שעהם זיך ניט און זאג צו איהר:
— „ווי גוט וואלט מיר זיין, ווען —
איך וואלט יעצט אייער הינטעלע,
מיין פרייליין, כאָטש געווען!.. —

— „מיין הערר, מקנא זייט איהם ניט,
דעם הונד!" — זאגט זי מיט שרעק:
— „כ'פיהר איהם יעצט צום וועטרינאר,
אראבנעהמען דעם... עק..."

בערלין.

## אויפ'ן רוף

(מעשה'לע).

— מיידלעך, לאָמיר ארויפגעהן א ווײלע אויפ'ן רוף זיצען. דאָרטען איז פרייער און לופטיגער, — האט הערר̈י געמאכט א פאָרשלאג צו א גרופּע מיידלעך.

אלע מיידלעך האבען גלייך איינגעשטימט. נאר איינע, א פעני, איז געווען דאגעגען.

— וואס וועלען מיר טהאן אויפ'ן רוף?

— האט פעני צונישט געמאכט זיין פאָרשלאג — מיר וועלען זיך דאָרטען אויסשמירען ווי די רוחות. דאָרטען איז ניטא אפילו וואו צוזעצען זיך.

די איבעריגע מיידלעך האבען איינגעשטימט אויך מיט איהר. זיי געהען שוין ניט אויפ'ן רוף...

— דאן געה איך אליין, גוד־נייט! — האט הערר̈י געזאגט, און איז אוועק אויפ'ן רוף.

אין א צעהן מינוט ארום, האט הערר̈י דערהערט לייכטע טריט אויפ'ן רוף, און אין א ווײלע ארום, האט זיך באוויזען דער סילועט פון א פרוי.

דאס איז געווען — פעני, די מיידעל וואס איז געווען דאגעגען, אז מען זאל געהן אויפ'ן רוף.

ס. מאכלין.

## עפיגראם.

דיין הערץ איז איין עמוד
וואו איך בין מתפלל.
וועל איך דארטען תמיד
רק שטעהן זאגען הלל?

דק"ל.

מעפיסטא.

## איז טאקע ניט גוט!..

דיין צימער איז דונקעל בעלויכטען געווען,
אין פענסטער געבלויט האָט די נאכט;
מען האָט מיר געזאָגט אז דו באָדסט זיך אצונד,
נו, האָב איך געוואַרט און געטראכט.

און טראכטענדיג אלץ וועגען דיר, וועגען דיר,
האָב איך מיינע אויגען פערדעקט
און ס'האָט זיך פאר מיר אין איהר שטראהלע
רי
דיין נאקעטע שעהנקייט ענטפּלעקט:

עס ציטערט דיין ווייסעס, דיין שמעקענדעס לייב
דאָס וואסער איז דורכזיכטיג־קלאָר,
עס גליטשען זיך לייכט פון דיין קעפּעל אראָפּ
די שווארצע, די זיידענע האאר.

עס שווימען די האאר אזוי לייכט, אזוי שעהן
און רוהען זיך אָפּ אויף דיין ברוסט
און פלוצלונג פערדעקען די הענטעלעך דיין
דיין שעהנעם דיין נאקעטען ביוסט.

גלייך וואָלסטו זיך איצט פאר'ן וואסער פערש
צו גאָר פאר די נארישע ווענט,
נור אָבער דאָס וואסער — א שטיפער א יונג -
פער'גנב'עט זיך אונטער די הענד

און שפּיעלט זיך און קושט דיינע שנעע־ווייסע
און שפּרינגט אזש ארויף צו דיין האלדז,
צופּאטשסטו דעם בחור, עס געהט אזש א שוים
א שטיפער ערלויבט זיך עס אלץ.

אזוי האָב איך לאנג זיך אין וויעג־שטוהל גע
אלץ שארפער געמאָהלען דאָס בילד,
אלץ בולט'ער, שארף, ביז געוואָרען בין איך
אזוי פרעך, אזוי וואהנזיניג ווילד.

אין באד־צימער בין איך געוועזען נאכהער,
געווען איז דאָרט פינסטער און שווארץ
און כ'ווייס ניט, איך קען עס אליין ניט פערש
וואָס דעמאָלט געקוועלט האָט מיין הארץ.

אך, אפשר געאַרט האָט מיך דעמאָלט, מיין קי
וואָס דו ביסט שוין דאָרט ניט געווען?
צו אפשר פערדראָסען האָט מיך אויף די ווענט
וואָס האָבען דיך נאקעט געזעהן?

Aug 2, 1912



# וואו די מוזען קינדער ווײנען

אברהמיל.

## מיין ווייסער סוט

(געווידמעט „דעם לעבעדיגען“.)

געגומען האט דער זומער שטארק
מיך — ברענען מיט זיין גלותה,
האט גלייך מיין ווייב פאר מיר בעשטעלט
א ווייסען זומער־„סוט“...

אזוי האט מיך גערעטעוועט
פון היץ מיין טרייע ווייב,
איך האב מיין „סוט“ דעם גרינגען ניט
געפיהלט נאר אויף מיין לייב...

איך האב שפאצירט אין ווייסען „סוט“
אין גאס, אין פעלד, אין וואלד,
ביי שעהנע מיידלעך האט דער „סוט“
געמאכט פוראר — א גוואלד...

מיין ווייסער „סוט“ פערבלענדעט האט
די גאנצע פרויענוועלט,
דער ווייסער „סוט“ האט מיך געמאכט
פאר „א ראמאנען העלד“...

בעקאנטשאפטען, פערבינדונגען
מיין „סוט“ האט מיר פערשאפט
ביי אלע ליעבע־זוכענדע
פיעל־פרויען — סאמע־„זאפט“...

נאטירליך, האט געצויגען זיי
מיין „סוט“ ניט אן־פיר־זיך,
נור אויך—דער פאקט, וואס אין דעם „סוט“
געווען בין אויכעט, איך.

נור ענדליך האט מיין ווייסער „סוט“
פערראטען מיך, זיין הערר,
און האט פער׳מסר׳ט פאר מיין ווייב
מיך פלוצים זעהר — שווער...

איך־קום אמאהל אהיים פארנאכט
פון וואלד אין ווייסען „סוט“,
און וויל צום „סאפער“ „זעצען־זיך“
און ווארף אראב מיין הוט...

מיין ווייב האט פלוצים ווילד צו מיר
געגעבען־זיך א לאז...
בעמעריקענדיג, דאס „גרין“ — פערשמירט
מיין „סוט“ איז שטארק פון... גראז...

און נאהענט צו צוגעהען׳דיג צו מיר,
בעמערקט האט זי אויף קלאהר,
אז ס׳ליגען אויף די אקסלען מיין
א באנטש מיט שווארצע האר...

און נעהמענדיג דעם „לאמפ“ אין האנד,
בעמערקט האט אויף מיין שלאק:
א „שטעמפעלע“ פון ליפען־שמינק
ביי מיר אויף יעדער באק...

דעם גאנצען אונגליק אנגעמאכט
האט מיר מיין ווייסער „סוט“,
ועשטאנען בין איך, ווי צומישט,
געווען איז מיר... ניט — גוט...

דאס מויל געווען איז מיר — געלעהמט,
מיין „סוט“ האט מיך פערשעהמט,
און אין די באקען האט מיין ווייב
כסדר מיר... געפלעמט...

הכלל, מיין ווייב׳ס „מתנה“ האט
געקאסט גענוג מיך... „בלוט“,
אויף מארגען דורכ׳ן פענסטער ־־
געפלויגען איז מיין „סוט“...

העל־פען.

## איהר זינגערלאך...

איהר הארציגע אידישע זינגערלאך איהר —
פערשטעהט איהר דען ניט וואס איך זאג?
איהר שלאפט אפ א גאנצענע נאכט, און דערנאך
בעזינגט איהר די העלקייט פון טאג...

א ווינטעלע יאמערט, און איהר נעבאך האט
קיין ווארעמע אונטערוועש ניט.
דאך זינגען זיך, זינגט איהר „א שטורעם זיינ׳ מיר
מיר ליגען אין קייטען געשמיעדט“...

און גלויבט מען איך ניט — דאן בעקלאגט איהר די
וועלט
דערפאר וואס זי האט ניט קיין עק...
און לאכט מען — דאן כאפט איהר אין גראמען א פעלז
און הרג׳עט דעם לאכער אוועק...

אויך העלדען בעזינגט איהר, און אויכעט צום גראם.
איהר ארימע קארליקעס, איהר...
צי האט ווער פון אייך שוין צו עפנען געוואגט
א שוואכע פערקייטעלטע טיר?...

איהר ליעבט נאר וואס שעהן איז — און פיהלט ניט
ווי מיאוס
עס איז אייער קלענסטער פערלאנג...
איהר זינגט מיר פון ליידען, איהר זינגט מיר פון וועה
און וואסער איז אייער געטראנק...

אז אייך האט נאך קיינמאל די ליידענשאפט ניט
ביי נאכט צו א זונה פערפיהרט —
ווי קענט איהר דען פיהלען ווי שעהן ס׳איז דאס ווייב
וואס איז נאך פון קיינעם בעריהרט?...

איהר זינגט מיר פון רויזען — דאן צעהלט איהר וויפיעל
איהר האט שוין צוריסען אין צאהל.
צי האט איהר דאס הארץ פון א ליעבסטער, א רויז,
געפרואווט שוין צורייסען א מאל?...

א, הארציגע אידישע זינגערלאך, איהר.
ווי ברייט אייער וועלט איז... ווי גרויס...
מיך וואונדערט נאר איינס — אייער מוזע׳ס געדולד.
די ארמע — ווי האלט זי דאס אויס?...

פ. בערמאן.

## זיץ איך בלעטער דעם תנ

זיץ איך בלעטער דעם תנך׳ל
און איך לעז אין פיעלע ערטער,
יענע שלעכטע בעזע קללות,
יענע צארנדיגע ווערטער.

און ס׳פערדריסט מיר אויף דעם נביא
אונגעהייער, אזש איך ציטער —
אך, ווי רעדט מען אזוי גרויזאם!
אך, ווי שעלט מען אזוי ביטער!

נאר אט לעז איך דורך א פסוק,
און ס׳פערשווינדעט גלייך מיין צארן;
און איך קען מיר ניט ערקלעהרען
מיט א שכל מיט א קלאהרען:

„והחזיקו שבע נשים“... —
זיבען פרויען... גאט דו ליעבער!
איז דאס דען פאר זיי א קללה,
אום צו שרעקען זיך דעריבער?

אך, וואו נעהמט מען יענעם נביא,
וועמענס קול ט׳געשראקען וועלטען, —
ער זאל מיט דער זעלבער קללה
טאקע איצטער וויעדער שעלטען!

און געשעהן זאל טאקע אלעס,
אט ווי דארטען שטעהט געשריעבען! —
אך! אנשטאט, וואס כ׳האב קיין איינ[illegible]
וואלט געהאט איך גאנצע זיעבען!...

ס. מאכלין.

## עפיגראמען

פערברייננגט מיט איהר א בחור
א רגע׳ס דריי צו פיער,
דאן מוז שוין יענער זכר
פערליעבען זיך אין איהר...

און טאמער ניט — דאן ריכט ער
זיך אויס א סוף א שווארץ:
זי קלאגט איהם אן צום ריכטער
פאר ברעכען איהר דאס הארץ...

1911

Aug. 16, 1912



# וואו די מוזען קינדער וויינען

הער־פען:

## טרוים ניט

שטעה ניט מענשעל. טרוים ניט, טראכט ניט.
נעהם א צווייטען בעכער וויין.
נעהם ארום א ווייב, א מיידעל,
פלעכט אין טענצער־קראנץ זיך איין,
בויג זיך, דרעה זיך, ווילדער, שטארקער,
לוסטיג, וויל דאס לעבען זיין.

בלינד אין לעבען? וועמען ארט עס?
בלינדע טאנצען בלינדערהייט!
זעה אין גאס: א קאטערינקע,
שטעהט א בלינדער און ער דרעהט.
טאנצען קינדער פריי ווי פייגעל
זעה די קינדער — סארא פרייד!

2.

א, ווי האט איהר מיך דערעסען
קליינע תכלית־מענשלאך איהר.
אויסענווענינ צעהלט מען איבער
פיעל ס'עט קאסטען וויין מיט ביער
און ווי הינד און דיענער בלייבט מען
שטעהן אין דרויסען פאר דער טיהר.

דורך די פענסטער־שויבען קוקט מען
אין דעם העלען זאל אריין.
אויסגעהונגערט — שלינגט מען זשעדנע
האלבע פיעדעל־טענער איין.
דורשטיג קוקט מען ווי א צווייטער
טרינקט פון פולען בעכער וויין.

דורך די פענסטער־שויבען קוקט איהר
אויף די פארלעך אין דעם קראנץ
ריהרט אייך אן א ווייב'ס בעוועגונג,
קיצעלט אייך איהר פלינקער טאנץ,
לעבט איהר איבער האלבע זינדען
ווען א צווייטער נעהמט זיי גאנץ.

קומט אריין איהר ווערים־מענשלאך
היינט וויל איך צום צייט־פערטרייב
וויין און ביער אומזיסט אייך געבען
מארגען גיב איך אייך מיין ווייב
איבערמארגען — אויב אייך הונגערט,
גיב איך אייך מיין אייג'נעם לייב...

מעפיסטא.

## איסט־סיידאיזמען

1.

אוי וויפיעל דענקער האט דאס פאלק
און צעהנדליגע פארטייען,
און יעדער שרייבט, און יעדער רעדט,
עס ברויזט מיט רייסערייען.

און יעדער רופט דאס פאלק צום קאמפף
מיט ליעדער כל הסארטען,
דאס פאלק עס לאכט זיך אבער אויס
און בעט אויף גוטע קארטען.

2.

אה, פאלק, אה פאלק, דו אידעאל
פון דענקער און פון דיכטער!
ווי הערליך־שעהן מען זינגט פון דיר,
ווי גוט עס איז דיין ריכטער.

מען זאגט אז דו ביסט אזוי שעהן,
א לעבעדיגער גארטען,
טא וויין מיר אויף דיין שעהנקייט, פאלק,
פערדעק זי ניט מיט קארטען!..

## טרייע ליעבע

(איבער געניאוועט אין בענראמט).

פון משה גדליה רייצעס.

ווי ליעב איך האב דיר, יענטע!
מיין ווייבעלע, מיין קרוין,
איך ליעב דיר בנאמנות
נאך מעהר ווי זיך אליין.

און כ'הויב די הענד צום בורא
און בעט איהם אהן א שיעור
אז אלץ וואס דיר בעשערט איז
אה טרעפען זאל עס מיר,

און ווען אויך אן „אלמנה"
דיר בלייבען איז באשערט,
— דאן בעט איך איהם און ווינש זיך
אז זיין זאל עס פארקעהרט...

אז בעסער איך — אן „אלמן"...
— מיין ווייבעלע מיין קרוין —
דען כ'ליעב דיר בנאמנות
נאך מעהר ווי זיך אליין...

אברהם'על:

## מעלאנכאלישע מאמ[...]

ווען איך שטעה מיר אויף פריה־מארגענס
און איך וויל מיך טהון א קראץ...
כאפט מיך אן א ווילדער צארן
אויף דער וועלטיל, — אזש איך פלאץ...

אלץ איז שקר, בלאף און שווינדעל, —
ס'שטארבט אב ס'מענשליכע געשלעכט...
אויך א קינד א קליינס אין ווינדעל
אפט מאהל היינט איז גאר ניט „עכט"...

פראזען, זיפצען, לאכען, טרעהרען —
אלעס בלויז איז נאכגעמאכט,
מיינט ניט, אז אויך „עכטע־צייהנער"
שטעלט ארויס א מויד, וואס לאכט...

פאלש היינט זענען פרויענהערצער,
פאלש איז ליעבע, ווי א קאץ!... —
און פערביטערט, פול מיט צארן,
גיב כ'אין... פערינא א קראץ...

## צו דער „שווארצע[...]

דו האסט גערעדט צו מיר אויף טערקיש,
פערשטאנען האב איך ניט קיין „טאן"...
נור בלויז דיין שעהנעס, צארט־געזיכט א[...]
געווען פאר מיר א... לעקסיקאן...

דיין אויגען־שפראך האב איך פערשטאנען
מיין ווערטער־בוך איז זי געווען,
קוים האב איך דיר א קוש געגעבען, —
צוריק געגעבען האסטו מיר — צעהן...

קוים האב איך דיך ארומגענומען,
געדריקט מיך האסטו צו דיין ברוסט...
ווי איך דיין לשון וואלט פערשטאנען,
ווי איך דיין וואונש וואלט גוט געוואוסט

קוים זיינען מיר אליין געבליבען,
האט אונזער מימיק שוין גערעדט,
און, ווי א ברודער, גוט פערשטאנען,
האט דיך דיין ליעבענדער פאעט...

Jan 2, 1914.



# מיט פויקען

## צום נייעם יאָהר

פון חכם עתיק.

דאָס נייע יאָהר, דאָס אַלטע יאָהר..
צו וואָס זיך נאַרען, בלאָפען!
די באָבע צייט איז אייביג אַלט,
זי האַלט נור אין איין שלאָפען.

די צייט קיין אָנהויב האָט קיין סוף,
און האָט אויך ניט קיין מיטען:
אַ ברייטע פעלד בעדעקט מיט שנעע
און אין דעם שנעע אַ שליטען..

דער זעלבער נעכטען ווערט אַ היינט
און באַלד ווערט ער אַ מאָרגען;
דער זעלבער סאַפּער יעדער טאָג,
כאַטש נעהם און ווער דערוואָרגען.

אָט נעהם למשל מיינע שיך,
וואָס דאַרפט איהר קוקען העכער:
איהר שרייט דאָך ס'איז אַ נייער יאָהר,
ווארום זשע אַלטע לעכער?

צו נעהם למשל גאָר מיין ווייב;
איהר זאָגט דאָך, אַ געטרייע;
אַ יעדער שרייט אַ נייער יאָהר,
ווארום איז זי קיין נייע?

## אידישע פרנסות אין




אַ מקוה כשרה אין אַ

## ניי־יאָהר מוזיק

פון העל־פען.

1

די מוזיק שפּיעלט, דאָס לעבען לויפט
און יאָהר נאָך יאָהר פערגעהט;
דער איינער האָט אַ פידעל ליעב,
דער אַנדערער אַ פלייט;
דעם איינעם טהוט די מוזיק וועה,
דעם צווייטען מאַכט זי פרייד...

אַ קאַטערינקע שפּיעלט אין הויף,
עס טאַנצען קינדער פיעל;
דעם דיכטער אין זיין שטוב פערדריסט
דער קאַטערינקעס שפּיעל —
די קאַטערינקע האָט צושטערט
זיין שטימונג, זיין געפיהל.

אַ גרויסער קינסטלער גיט קאָנצערט,
דער עולם דריקט זי ווילד;
און באַלד איז אויך דער גרויסער זאַאל
געפּאַקט און איבערפילט.
און יעדער זיצט און הערט זיך איין,
ווי שעהן דער קינסטלער שפּיעלט.

אין דרויסען געהט פערביי אַ מענש,
דעם קאָפּ געניויגט צו דר'ערד;
דער גרויסער קינסטלער מיט זיין שפּיעל
האָט ניט פאַר איהם קיין ווערטה;
זיין הונגעריגער מאַגען שפּיעלט
פאַר איהם אַצינד קאָנצערט.

אין טאַנץ־זאַאל שפּיעלט די מוזיק אויף,
זי שפּיעלט אַ וואַלצער־טאַנץ;
דער טאַנץ־באָדען איז גלאַט און פיין,
און העל דער לאָמפּען־גלאַנץ.
און טויזענד פּאָרלאָך דרעהען זיך
אין בלענדענדיגען קראַנץ.

אין טאַנץ־זאַאל שפּיעלט די מוזיק אויף,
זי שפּיעלט דעם וואַלצער זיס.
און אויבען איבער'ן טאַנץ־זאַאל וואוינט
אַ מענש וואָס האָט קיין פיס.

ער ליגט אין בעט — דאָס וואַלצער־שפּיעל
מאַכט איהם זיין לעבען מיאוס.

אַ חתונה מאַכט מען
די שמחה איז גרויס —
מען שפּיעלט.
אַן'אַנדערען טראָגט מען
צום קבר ארויס —
מען שפּיעלט.

מען זיצט ביי אַ סעודה
אין מיטען דער נאַכט —
מען שפּיעלט.
עס געהען די זעלנער
ארויס אין דער שלאַכט —
מען שפּיעלט.

2

רב' חיים לאָזט זיין ווייב און קינד
און נעהמט אַ שיף און פאָהרט
אריבער אין דער גאָלד'נער לאַנד
און ווערט אַ בחור דאָרט.
און באַלד האָט זיך אַ מיידעלע
מיט איהם צונויפגעפּאָרט.

פון פּאָארען זיך מיט מיידעלאָך
קומט ניט קיין גוטס ארויס;
און איינמאָל ווען ער קומט צו איהר
און נעהמט זי אויף זיין שויס,
דאַן טוליעט זי זיך צו צו איהם
און זאָגט איהם אַלעס אויס.

רב' חיים זיצט און הערט זיך איין
און שטאַרבט פון וועהטאָג שיעור.
דאַן טהוט ער איהר אַ גלעט און פרעגט:
„וואָס קען איך טהון פאַר דיר?"
עס ענטפערט איהם דאָס מיידעלע:
„אַ חופּה שטעל מיט מיר".

עס העלפען ניט רב' חיים'ס רייד,
די זאַך איז אָפּגעטהאָן;
זי גיט איהם אַ צילינדער־הוט
און זאָגט איהם: „נעהם, טהו אָן".
דאַן נעהמט זי שנעל אַ קערעדזש, און
מען פאָהרט צום חופּה־טראָהן.



# מיט פייקען און טרומייטען

## אידישע פרנסות אין דער צוקונפט




א מקוה כשרה אין אן אויטאמאביל.

## ...ייעם יאהר

...חכם/עתיק.

...ר, דאס אלטע יאהר...
...ארען, בלאפען!
...איז אייביג אלט,
...זין איין שלאפען.

...אנהויב האט קיין סוף,
...ניט קיין מיטען:
...ד בעדעקט מיט שנעע
...שנעע א שליטען.

...עכטען ווערט א היינט
...ים ער א מארגען;
...אפער יעדער טאג,
און ווער דערוואָרגען.

...אל מיינע שיף,
איהר קוקען העכער:
...יאך ס'איז א נייער יאהר,
...לטע לעכער?

...ול גאר מיין ווייב;
...אך, א געטרייע;
...יט א נייער יאהר,
קיין נייע?

## ...יאהר מוזיק

...פון העל־פען.

1

...עלט, דאס לעבען לויפט
...נאך יאהר פערגעהט;
...האט א פיעדעל ליעב,
...רער א פלייט;
...טהוט די מוזיק וועה,
...טען מאכט זי פרייד...

...שפיעלט אין הויף,
...ען קינדער פיעל;
...אין זיין שטוב פערדריסט
...גרינקעם שפיעל —
...ע האט צושטערט
...ונג, זיין געפיהל.

...ינסטלער גיט קאנצערט,
...דריקט זי ווילד;
...ז אויף דער גרויסער זאאל
...און איבערפילט.
...צט און הערט זיך איין,
דער קינסטלער שפיעלט.

...געהט פערביי א מענש,
...גענויגט צו דר'ערד;
...קינסטלער מיט זיין שפיעל
...פאר איהם קיין ווערטה;
...ער מאגען שפיעלט
...ם אצינד קאנצערט.

...אל שפיעלט די מוזיק אויף,
...ט א וואלצער־טאנץ;
...אדען איז גלאט און פיין,
...דער לאמפען־גלאנץ.
...פארלאך דרעהען זיך
...רענדיגען קראנץ.

...אל שפיעלט די מוזיק אויף,
...ם דעם וואלצער זיס.
...איבער'ן טאנץ־זאאל וואוינט
...וואס האט קיין פיס.

ער ליגט אין בעט — דאס וואלצער־שפיעל
מאכט איהם זיין לעבען מיאוס.

א חתונה מאכט מען
די שמחה איז גרויס —
מען שפיעלט.
אן'אנדערען טראגט מען
צום קבר ארויס —
מען שפיעלט.

מען זיצט ביי א סעודה
אין מיטען דער נאכט —
מען שפיעלט.
עס געהען די זעלנער
ארויס אין דער שלאכט —
מען שפיעלט.

2

רב' חיים לאזט זיין ווייב און קינד
און נעהמט א שיף און פאהרט
אריבער אין דער גאלד'נער לאנד
און ווערט א בחור דארט.
און באלד האט זיך א מיידעלע
מיט איהם צונויפגעפארט.

פון פאארען זיך מיט מיידעלאך
קומט ניט קיין גוטס ארויס;
און איינמאל ווען ער קומט צו איהר
און נעהמט זי אויף זיין שויס,
דאן טוליעט זי זיך צו צו איהם
און זאגט איהם אלעס אויס.

רב' חיים זיצט און הערט זיך איין
און שטארבט פון וועהטאג שיעור.
דאן טהוט ער איהר א גלעט און פרעגט:
„וואס קען איך טהון פאר דיר?"
עס ענטפערט איהם דאס מיידעלע:
„א חופה שטעל מיט מיר".

עס העלפען ניט רב' חיים'ס רייד,
די זאך איז אפגעטהאן;
זי גיט איהם א צילינדער־הוט
און זאגט איהם: „נעהם, טהו אן".
דאן נעהמט זי שנעל א קערעדזש, און
מען פאהרט צום חופה־טראהן.

אט שטעלט מען שוין די חופה אויף.
נור — גאט! — וואס קען דאס זיין?
עס עפענט זיך די טיהר פון זאאל,
רב' חיים קוקט זיך איין —
עס קומט צוזאמען מיט זיין קינד
דאס אלטע ווייב ארײן.

עס ציטערט רב' חיים,
איהם קלאפען די צייהן —
מען שפיעלט.
דאס קינד זיינס שרייט „טאטע"!
עס שרייט מיט געוויין —
מען שפיעלט.

רב' חיים וואַרפט אויגען
צום טיהר, צו די טרעפ —
מען שפיעלט.
דאס ווייב און די כלה
דערלאנגען איהם קלעפ —
מען שפיעלט.

3

אויף דער ברוסט א גאלד'נע קייט
און רינגען אויף דער האנד,
זיצט יאסעלע אין נאכט־קאפע
מיט מיידלאך צוויי ביינאנד,
ער טרינקט מיט זיי און שטיפט מיט זיי
גאר פיין און עלעגאנט.

ער רופט זיי „מיינע פויגעלאך"
און רוקט זיך נעהנטער צו.
די איינע גלעט אויף איהם די האאר,
די צווייטע זאגט איהם „דו".
צופלאקערט זיך אין איהם זיין הארץ
און ער פערלירט די רוה.

די מוזיק אין קאפע־הויז שפיעלט אויף,
א טשארדאש שפיעלט זי אויף,
די זיסקייט פון דעם טשארדאש פאלט
אויף יאסעלם הארץ ארויף.
נו מאכט ער ביידע אויגען צו
און לעגט די הענד צונויף.

די מוזיק שפיעלט, די מוזיק שפיעלט
און יאסעל דרעמעלט איין.
צופליהען קומט א מלאך'ל
און ראמט איהם עפעס איין.

עס גלעט איהם זיס און זאגט צו איהם
„א נעהם מיך, איך בין דיין!"

און יאסעל שטרעקט די ארעמס אויס
און כאפט זיך אויף — אה, וועה!
דאס מלאך'ל איז מעהר נישטא —
נו ווענדט ער זיך צו זיי,
צו זיי די מיידלאך ביי זיין טיש,
די פויגעלאך די צוויי.

זיי זיינען אויך שוין מעהר נישטא...
פערחושך'ט איז זיין וועלט.
ער זוכט אין אלע קעשענעס
זיין בריעף־טאש מיט'ן געלד,
ער זוכט די רינגען און די קייט —
יא, אלעס, אלעס פעהלט!

„גנבה!" שרייט יאסעל
„א בראך איז צו מיר!" —
מען שפיעלט.
איהם ענטפערט דער קעלנער
„א שווינדלער זענט איהר!" —
מען שפיעלט.

און יאסעל שרייט „הילפע!
מיין אומגליק איז גרויס!" —
מען שפיעלט.
דער קעלנער וואַרפט יאסלען
פון פענסטער ארויס —
מען שפיעלט.

יא, אזוי איז די מוזיק, —
דאס לעבען אַרט איהר ניט.
וואו מען טהוט זיך נור א דרעה
איז מוזיק אין דער מיט.
מען זיפצט, מען וויינט, מען שרייט,
מען שרייט
די מוזיק שפיעלט איהר ליעד.

דער איינער האט א פיעדעל ליעב,
דער אנדערער א פלייט.
דעם איינעם טהוט די מוזיק וועה,
דעם צווייטען מאכט זי פרייד.
די מוזיק שפיעלט — דאס לעבען לויפט
און יאהר נאך יאהר פערגעהט...

Sept. 4, 1914



# מיט פויקען און טרומייטען

## לחמה פאנטאזיע

פון חזק'ס אייניקעל.

יש איז א בחור
שטעדטעלע קאווידלע ;
אגט קאסאקע אויגען
טעל פון א סטראשידלע.

שידלע פון א שמאטע
יטעל אויף א שטעקען ;
קלוגע פארמערס מאכען
נעס אפצושרעקען . . .

ן צייטונג נתן פיוויש :
ן טעגליך פון קאנאנען,
און פראנצויזשע מענער
שווערע מיליאנען . . .

סערביען און פון עסטרייך
ונגע שעהנע מענער ;
פאלען אונטער קלאנגען
אציאנאלע טענער . . .

ענגלאנד און פון רוסלאנד
אלע מחנות קלענער —
בלייבען איבער כלות
פאר דער צווייטער שעהנער.“

יוויש לעזט די צייטונג,
רגע ער פערטראכט זיך . . .
ן דמיון ווערט איהם ליכטיג,
פרייליך און איהם דאכט זיך :

מה איז פאריבער,
הערשט שוין איבער אלעם ;
ר ים, ער ברענגט צופיהרען
טאג א שיף מיט כלות . . .

, בלאנדע, דייטשע מיידלעך,
אבען בלויע אויגען ;
ווי בלויע קארען־בלימלעך
יט זילבער־טהוי בעצויגען . . .

ט שווימט א שיף מיט מיידלעך,
ראנצויזקעס אהן פראנצויזען ;
עך יונגע פול מיט תאוה —
צובליהטע רויטע רויזען . . .

א שיף מיט עסטרייך'ס טעכטער :
ק געוואקסען ווי די טאנען ;
בריסטען פול מיט פייער —
־שפייענדע וואולקאנען ! . . .

אט שווימט א שיף, א שווארצע,
יט פאניעס שעהנע טעכטער ;
באקען . . . וואסער־אויגען
אן אומעטיג געלעכטער . . .

א שיף מיט בעלגיענס טעכטער
ווי סטרונעס אויסגעצויגען ;
ע שווארצע צעפ ווי סאמעט
ווי סאמעט שווארצע אויגען . . .

א שיף — זי ברענגט פון ענגלאנד
ע, דארע, בלאסע מיידען ;
ע נעזלעך, גרויסע מיילער,
די מיילער — נור זיי ריידען . . .

טער קומט א גרויסער „סטימער“
מיט בליהענדע אלמנות ;
ען מילדע, פייכט פון טרערען —
ין אויף זיי א גאטס רחמנות !

ער טראכט ניט פון די ווייבלעך.
ז א גרויסער זול אויף מיידלעך —
אט קומען זיי אין מחנות,
סגעפוצט אין יום־טוב־קליידלעך

גלען אוהם ארומעט
זיי שרייען : „פיוויש ! נתן !
ט א שעהנער, ביזט א קלוגער !
מיין התן ! זיי מיין חתן ! . . .“

נתן פיוויש קוועלט פאר תענוג . . .
אין צום סוף זיך אויסגעקליבען
פון א יעדער לאנד נור א י נ ע —
אין סך הכל הייסט דאס זיבען . . .

וויפיעל טעג אין וואך ס'געפינט זיך :
זיבען טעג — איז זיבען מיידען —
זונטאג וועט ער ריידען דייטשיש,
מאנטאג וועט ער ענגליש ריידען.

## די אייביגע פראגע




אייניקעל (צום זיידען): זאג מיר, זיידע, צו וואס דארפען די מענשען הרג'ענען איינער דעם צווייטען ?!

## אונזערע „יונגע“

(ביים קאפעהויז־טיש)

פון העל־פען.

„אז איך האב קיין פערד ניט, מיין גאט,
ווי אזוי זאל איך רייטען ?“
ארויסגעזאגט האט דאס דער ערשטער גאר שטיל און פערטרויערט.
און זיי, די בעשעפער פון הפקר און ווינד און געזאנג,
זיי זיינען פערטרוימט געווארען ווי ער און פערזויערט,
און האבען געצעהלט אויף די פינגער דעם ריטהם, דעם קלאנג,
און מורא'דיג האבען זיי אלע דעם אומגליק בעדויערט :
אז איך האב קיין פערד ניט, מיין גאט,
ווי אזוי זאל איך רייטען ?

געהיימניספול אנגעשטעלט האט דאן יעדער זיין אויער,
געהיימניספול האבען זיך אלע צוזאמענגערוקט,
דאן האבען ביי יעדען געשטעלט זיינע האהר זיך קאפויער
און מיסטיש האט איינער דעם צווייטען אין פנים געקוקט —
„אך, גאט ! ס'ארא אימה עס ליגט אין דעם ליעד, ס'ארא טרויער !
אז איך האב קיין פערד ניט, מיין גאט,
ווי אזוי זאל איך רייטען ?“

און דאן האט קיין איינציגער מויל שוין קיין טהעע ניט געכלעפטשעט,
א מיסטישען שפרונג האבען אלע געטהאן מיט א מאל,
און ער, דער געוואלדיגער לעקיש, וואס האט אט דעם ליעדעל פערטראכט,
האט ווילד מיט די הענד אין דער לופט האקוס־פאקוס געמאכט ;
און וויינענדיג האט ער, מיט אויגען פערגלאצטע געשעפטשעט :
אז איך האב קיין פערד ניט, מיין גאט,
ווי אזוי זאל איך רייטען ?

און קיינער פון זיי האט שוין מעהר ניט געזונגען פון רויזען,
געכאפט האט זיך איינער ביים קאפ און געריסען די האהר,
געהאלטען א צווייטער האט זיך ביי די וויסטע פער'סוד'עטע הויזען,
און גרייליך ווי קעץ אין דער נאכט האבען אלע געמיאוקעט אין כאהר :
אז איך האב קיין פערד ניט, מיין גאט,
ווי אזוי זאל איך רייטען ?
אז איך האב קיין פערד ניי', מיין גאט,
ווי אזוי זאל איך רייטען ?

## זיעגס־טעלעגראמן

פון ליעב מיך.

פון דייטשלאנד קומט די זיסע נאכ
„מיר יאגען ווי א שטורעם־ווינד !
מיר ברענגען שטעדט, מיר רויבען ק
מיר שוינען ניט, ניט ווייב ניט ק
צוואר יאגט אונז הינטען נאך דער
און אויפ'ן ים איז גרויסע לייד –
דאך מעגט איהר זיכער זיין, אז א
נאך בעסער ווי געוואונשען געהט“

דער רוסע שרייבט בזה הלשון :
„מיר שטעהען אכט מיליאן אין
מיר האבען באיקאטירט די וואדק
און יעדער פויער איז א העלד.
צוואר מען גנב'עט פון אלע זייטען,
און פוילען איז צום אויפשטאנד ג
דאך מעגט איהר זיכער זיין אז
נאך בעסער ווי געוואונשען געה

פון פראנקרייך מעלדעט אונז דער
„מיר האבען זעלנער אן אנטיק
זיי קעמפפען מוטיג ווי די לייבע
און געהען זיעגרייך — אלץ צו
צוואר איז עס אמת, אז דער שו
גאנץ נאהענט פאר פאריז שוין ש
דאך מעגט איהר זיכער זיין, אז
נאך בעסער ווי געוואונשען געה

פון לאנדאן קומט די גוטע בשו
„עס לעבען אונ'זרע טאפפ'רע זי
זיי כאפען יעדען טאג א וואנע
און העלפען די פראנצויזען —
צוואר הערשט ביי אונז א שטיק
(די צעפעלינס ! א קלייניגקייט
דאך מעגט איהר זיכער זיין, אז
נאך בעסער ווי געוואונשען גע

איך לעז, אלס איד, די זיעג־דע
און וויים ניט—אוי, די נויט אי
איך בין א דייטש, איך בין א
איך בין א בריט און א פראנ
איך וויים ניט, זאל מיין הארץ
מיט דייטשלאנד'ס יונקער־העל
צו זאל איך טאנצען וויל דעם
נאך בעסער ווי געוואונשען ג

דאס איז א שרעקליכע פראבל
מיין איינציג טרייסט איז—ווע
וואס די דערמאהנטע זיעג־דע
ענטהאלטען ליגענס אהן א שיע
דער איינציג וואהרער העלד פ
וואס האט א רעכט צו האבע
דאס איז דער מלאך המות, ו
נאך בעסער ווי געוואונשען

## פון מיין ליעבסטער'ס

כ'האב דיר לאנג שוין ניט גע
האלסט אודאי אין איין קלע
וואס דיין גוטע, טרייע ליעב
לאזט קיין בריעף פון זיך ניט

גלויב מיר, טרייער, ליעבסטער
כ'האב א קאפ איצט א פערד
כ'וויים ניט, זאל איך אויף די
אדער נעהמען זיך א צווייט
מ.

יעדער טאג אן אנדער לשון :
דא: „איך האב עס“; דא: „אי
די פראנצויזקע אבער, זאגט
וועט ער האלטען נור אויף

Oct. 16, 1914

א נשמה וואס קען
נים לאכען, איז
וויא א זון, וואס
קען נים אויפגעהן

# דער גרויסער קיבעצער

א זשורנאל פאר הומאר, וויץ, סאטירע און קיבעץ.

ISSUED EVERY FRIDAY

א פאלק
מאר, אי
היים אהן
כעל פון

New York, October 16th, 1914 — No. 42



## שבת'דיגע דרשות פון היים'קע

### גענגסטערס.

רבותי, וואס ווערט איהר דא נתפעל פון די גענגסטערס?

ווען די גאנצע וועלט איז א גענגסטער־געזינדעל!

אט נעהמט, למשל, ווילהעלם'ן, ניקאלאיען און די איבריגע געקרוינטע פאסקודניאקעס און זאגט אליין: זיינען זיי נים קיין דאפי־בענים?

מיט וואס זיינען זיי בעסער פון אנדערע גענגסטערס?

און וואס איז א רעגיערונג, וואס קעמפפט איינע געגען דער צווייטער מיט מארד און פייער, אויב ניט איין גענג, וואס קעמפפט געגען דער צווייטער?

רבותי, איהר ווערט נתפעל, אז מען דינגט גענגסטערס צו אפראמען א שונא?

איך פרעג אייך: מיט וואס זיינען געדונגענע סאלדאטען העכער, בעסער און עדעלער ווי געדונגענע גענגסטערס?

און וואס זיינען אפילו די „בלויע רעק" אליין, אויב ניט געזעצליכע גענגסטער, אנגעשטעלט פון שטאאט צו בעשיצען דעם סאלון־קיפער און קלאפען דעם פעדלער?

ליידיעס און דזשענטעלמען! צו וואס זאלען מיר זיך נארען?

דער קולאק, איז ניט מאראלישער ווי דער הארמאט; דער גענגסטער ניט נידריגער ווי דער סאלדאט און א גענג־פייט — ניט מענשליכער ווי א מלחמה.

שבת'דיגע צוהערער מיינע, נעהמט שוין גאר מילער'ן אליין, דעם סאמע הייליגען פון אונזער גאס, און קוקט זיך צו איהם צו, אויב ער איז ניט דער גענגסטער פון אנשטענדיגקייט, דער גענגסטער פון געדרוקטען ווארט, און פרעגט איהם, אויב ער וועט ניט לאזען אויסקוילענען א וועלט צוליעב צירקולייש'ן?

גענגסטערס, גענגסטערס און גענגסטערס! ס'איז היינט א וועלט פון בעצאהל און דו קריגסט אלעס — פון א פרוי אויף א נאכט, ביז א קאפ פון א מענשען...

ליבינקע מיינע! אונזער גאנצע סיסטעם איז א „גאון־מען־סיסטעם", אונזער גאנצע ארדנונג איז „איך מאך דיר א בלויע אויג"־ארדנונג...

און ווען פייגענבוים וואלט עס ניט אויסגעכאפט ביי מיר, וואלט איך אויסגערופען: רבותי, צוברעכט די סיסטעם און דער גענגסטעריזם וועט ממילא פערשווינדען!

# איינער ניט בעסער פאר דעם צווייטען

(פורישקעוויטש האט געקושט א ספר תורה און מילער וויל אויסבעסערען די ארבייטער בעוועגונג)




פ ו ר י ש ק ע ו ו י ט ש: ווי ליעב איך האב אייך אידען, ווי ליעב איך האב אייער תורה נור — צו א פראגראמעלע קומט עס ניט.

מ י ל ע ר: ווי ליעב איך האב אייך ארבייטער, ווי ליעב איז מיר אייער בעוועגונג נור. — צו א מסירה'לע קומט עס ניט.

## פרעה זיך איד

פון העל־פען.

און רויט איז דאס בלוט און דאס פייער איז רויט,
און זינגען זיי ביידע דאס ליעד פונ'ם טויט —
איז—ברודער ניט שרעק זיך און שטארב ווי א העלד,
וואס קענסטו פערליערען וואס גיט דיר די וועלט?
אלץ־איינס איז עס, ברודער, צי פריעדען, צי קריעג,
פאר אונז האט דאס לעבען א סלופ מיט א שטריק.
טא קום־זשע, מיין ברודער, ארויף אויפ'ן פערד,
און פליה, אז דערציטערט זאל ווערען די ערד!
און פליה דורך דער וועלט מיט דער פאהן אין דער הויף,
אנטקעגען דעם שונא דורך בליי און דורך רויך.
און טרעפסטו א ברודער איז—האק מיט'ן שווערד,
סיי־ווי האט ווי דיינס אויך זיין לעבען קיין ווערטה.
ווי דו איז ער אויך נור א רינג פון דער קייט,
וואס ליגט איבער אלע זיעב'ן ימים צוזעהט.
און איז ער אויך בלוט פון דיין אייגענעם בלוט,
ניט שרעק זיך, מיין ברודער, דער'הרג'ע. האב מוטה.
וואס מעהר וועסט דער'הרג'ענען ברידער אין פעלד,
אלץ גרעסער וועט זיין דיין בעלוינונג אלס העלד.
א צלם בעקומסטו פון רוסישען צאר,
ביים דייטש קענסטו ווערען פעלדפעבעל דערפאר...

# אין אפים פון

דער קונסט

פון משן

— „זינד זי אי
בעג יור פארדאן?"

דאס זאגט א בחו
צעלעד, מיט גראהע,
און א זיס־זויערען,
איבער דעם מילכיגע
לעבען מיין דעסק אר
מיין פלויצע.

איך קוק זיך או
אין האנד א הילצע
שטויגעל שטעהט אוין
און אויסגעמוטשעט
ק ו ו א ד ע ר ד י

— וואס קען אי
— זי זינד דאך
גנאדען, דאנקע שעהן
אויף הויך־דייטש —
וואלט איהר זאלט או
געלכען — פליעז, אי

איך האב איהם
פלויצע" און געזאגט

— מיר זינגען
לעך... עס איז צו
דראשען!... צו

— אבער דאס
פויגעלטשוטשיקעל!
איזט כמעט א נאכט
זינגער זינגען יא פו

— איך האב פ
חזיר — זאג איך
משומד איז ביי מיר

דער בחור איז צ
און איז באלד צוריק
— א בלאנדע, מי
און מיט רויטע אוי

— וואס איז שו
איך איהם אויף.

— דאס איז מ
בעג יור פארדאן! -
אויף דעם שיקסעל

— א גאנץ וו
איך, הויב זיך אוי
צעל...

— ני־ניטע!
פליעז! — מאכט
אנשטענדיגעס שיקס
בלויז געוואלט איהר
א געדיכטען...

— מיר דיכטען
לעך, זאג איך — א
דער צו דער ערל'טע
נאליסט...

— טו קאמען
דער בחור, גיט א
ארבעל און ער איז

אין א צעהן מינ
דער דא — עפעס כ
אויס ווי א שמש
כעל...

— „דיעזער
אן אויף דעם שמש
(שלום או

Oct. 23, 1914



# מיט פויקען און טרומייטען

## רב בער

פון מ. ל. האלפערין

.1

ראנגלען מוז זיך שווער דער צדיק,
בעגען שטן צו בעשטעהן;
אויך ר׳ בער פלעגט אין דער פינסטער
אויף ניט גוטע וועגען געהן.

דאכט זיך, זעהסט א איד ביים דאוונען,
ווי ער הויבט און שטרעקט די הענד;
רופט ער אוים שמע ישראל,
פאלען שיעור ניט איין די ווענט.

זיצט ער אין דער היים ביים ספר,
קומסט אריין און ביזט א איד —
גיט ער דיר א גמלות־חסד
און קיין משכן נעהמט ער ניט.



דאכט זיך זעהסט א איד ביים דאוונען
ווי ער הויפט און שטרעקט די הענד,

קומט אריין צו איהם א טאכטער,
הערסטו ווי פערשעמט זי רעדט;
גלעט ר׳ בער זיין בארד די לאנגע
און ער גיט זיין קינד א גלעט.

קוקסטו אויף ר׳ בערען טראכסטו:
גוט צו לייט און גוט צו גאט;
קומט מען אבער און מען רוימט דיר
אין דיין אויער איין א סוד —

בלייבסטו שטעהן און קענסט ניט גלויבען,
דאס וואס יעדען איז בעוואוסט...
יא, ר׳ בער געהט אין דער פינסטער
פרעמדע אישות נאך און הוסט.



קומט מען אבער און מען רוימט דיר
אין דיין אויער איין א סוד.

טרעפט זיך, אז עס זעהט איהם עמיץ,
ערגעץ אין אזא מין צייט;
ווענדט מען אפ פון איהם די אויגען
און מען קעהרט זיך אויף א זייט.

און מען שווייגט. ווי אלע שווייגען
וועלכע ווייסען פון דעם הוד...
ווייל ביי ר׳ בער אין ביכעל
ליגט כמעט א האלבע שטאדט.

.2

טרעפט זיך איינמאל נאכטס צו סליחות
געהט ר׳ בער אין שוהל אריין,
קומט דער שטן און פערנארט איהם
מיט א פאלשען צויבער־שיין.

ער פערשטעלט זיך פאר א שיקסע,
איז די שיקסע וואונדער־שעהן;
ווינקט זי, לאכט זי צו ר׳ בער׳ן,
הויבט ער אן זי נאכצוגעהן.

זאגען אלע אידען סליחות
אין די שוהלען דא און דארט;
וואלגערט זיך ר׳ בער וואו־ערגעץ
אויף א וויסט־הולטייסקען ארט.

אין א ווארימען בעטעל ליגט ער,
ביי אן אישה־זונה וואו;
פרעסט די זינדיגע צוויי ליפען
צו זיין הויכען שטערען צו.

פאלט און הויבט זיין ברוסט זיך שטורמיג
און פון תענוג ציטערט ער,
ביז ער פאלט צוריק א מיעדער
און עס ווערט דער קאפ איהם שווער.

ליגט ער מיט צושפרייטע ארעמס,
ווי בערוישט פון שטארקען וויין;
שמייכעלט ער און שליעסט די אויגען,
שמייכעלט ער און דרעמעלט איין.

חלום׳ט איהם א נאכט פון סליחות:
דאכט זיך איהם, אז ס׳איז שוין שפעט,
וויל ער זיך די הענד אבגיעסען,
שטעהט קיין וואסער ניט ביים בעט.

שטרעקט זיך אוים א האנד פון הינטען
און א ליכטעל האלט די האנד;
און מען בעט איהם אנצוצינדען
און דאס קול איז איהם בעקאנט.

נעהמט ער פון דער האנד דאס ליכטעל,
פיהלט ער ווי זיין הארץ געהט אוים:
ס׳ציעהט די האנד זיך אזש פון אויבען
פון דער ווייבער־שוהל ארוים.

שרייט ער הויך שמע ישראל,
און מיט ביידע הענד ביים קאפ —
לאזט ער צו דער טהיר זיך לויפען,
שטעלט איהם ליב דער שמש אפ.

כאפט ער לייב׳ן און דערצעהלט איהם,
וואס עס איז מיט איהם געשעהן...
מיט פערכאפטען אטעם ציינט ער,
סארא האנד ער האט געזעהן.

איז די האנד געווען אזוי לאנג?
פרעגט איהם לייב און שטרעקט ארוים
פון זיין מויל א צונג, וואס ציעהט זיך
ביז צום ארון־קודש אוים.

שרייט ער ווידער שמע ישראל,
און מיט אויסגעשטרעקטע הענד —
לאזט ער זיך ארוים אין דרויסען,
ברעכט ער שיעור ניט רוק־און־לענד.

כאפט איהם אן ר׳ נחום סופר,
פרעגט איהם וואס עס איז געשעהן?
ציינט ער מיט פערכאפטען אטעם,
סארא צונג ער האט געזעהן.

איז די צונג געווען אזוי לאנג?
און ר׳ נחום ציעט ארוים
שלאנגען צוויי פון זיינע אויגען
דריי מאל ווי די צונג די גרוים.



ס׳ציהט די האנט זיך אזש פון אויבען פון דער ווייבער־שוהל ארוים.

כאפט ער, איילט ער זיך ביים אנטהאן,
און ער לויפט פון שטוב ארוים;
אבער וואס זיין שפאן ווערט גרעסער
ציהט דער וועג זיך לענגער אוים.

לויפט ער אב א שעה א גאנצע
לויפט ער אב א צווייטע שעה;
קומט ער צו דער שוהל ארונטער,
איז נאך קיינער דארט נישטא.

עפענט ער די טהיר, איז פינסטער,
בלייבט ער שטעהן און קוקט זיך אום:
דאכט זיך איהם געשטאלטען שווארצע,
קריכען אויף די ווענט ארום.

קלאפט אין איהם דאס הארץ פון אימה,
ווייסט ער ניט, וואס זאל ער טהאן;
טאפט ער זיך ארויף צום עמוד,
און א ליכטעל צינדט ער אן.

לעשט זיך צוויי מאל אוים דאס ליכטעל,
צינדט ער אן צום דריטען מאל:
קלאפט אין איהם דאס הארץ פון אימה,
זאגט ער תהילים אויפ׳ן קול.

לויפט ער ווייטער און איהם דאכט זיך,
אז ר׳איז וואהנזיניג פון שרעק;
זעהט ער ווי מיט הענד צושפרייטע,
שטעלט זיך איהם א מת אין וועג.

כאפט ער זיך ביים קאפ מיט פויסטען
און ער טהוט א שפרונג צוריק,
פאלט ער אין א טייך א גרויסען,
פיהלט ער ארום האלז א שטריק.

רייסט ער זיך מיט אלע כוחות,
ביז דער אטעם געהט איהם אוים;
פיהלט ער ווי זיין קאפ בלייבט ליגען
אין א ווייכען ווארימען שוים.

פיהלט ער ווי צוויי ווארימע הענטלאך,
לעגען זיך אויף איהם ארויף...
ווערט איהם בעסער, ווערט איהם לייכטער
עפענט ער די אויגען אויף.

ליגט ער אין דעם ווארימען בעטעל
ביי דער אישה־זונה דארט;
פרעסט זי זינדיגע צוויי ליפען
צו זיין שטערען, צו זיין בארד.

Nov 6, 1914

# מיט פויקען און טרומייטען

## א ליעד פון א טרעמפ

פון העל־פען.

א טרעמפ פון דער בוי'רי
א שיכור בין איך —
הוררייי!
א לאף אין די הויזען
א לאף אין די שיך —
הוררייי!
וואס ארט מיך מיין היטעל
וואס ארט מיך מיין פראק
אבי כ'האב צו קייען
אביסעל טאבאק
אבי כ'האב אניקעל —
די פלאש פיל איך אן
און בויגט זיך, איהר לומפען,
איך בין א באראן —
הוריי! הוריי! הוריי!

דער הונד האט זיין ביידעל
איהר לאף האט די מויז —
הוררייי!
און איך בין א שיכור
און האב ניט קיין הויז —
הוררייי!
ווער ארבייט, וואס ארבייט
וואס האט דאס א ווערטה?
דאס פאסט פאר נאראנים
פאר שקלאפען און פערד
דאך וואס האט א שיכור
מיט ארבייט צו טהאן?
הוריי — ציציליזם!
הוריי — רויטע פאהן!
הוריי! הוריי! הוריי!

א טרעמפ פון דער בוי'רי
קיין ווייב און קיין קינד —
הוררייי!
א הפקר־יונג בין איך
און פריי ווי דער ווינד
הוררייי!
היינט דו, מארגען יענע
צו מואס, צו שעהן
א יונגע — אן אלטע
איך צעהל ניט די ציין
וויל איינע ניט מיט געהן
איז ברודער — א פעלד
און נאכדעם אזוי־א
„פאד באקאם" אנעהם —
הוריי! הוריי! הוריי!

הוריי פאר דער בוי'רי
שרייט אלע הוריי —
הוררייי!
דער גאסען־לאמטערען
און איך זיינען צוויי
הוריי!
און ליג איך אין רינשטאק
און שפייסטו אויף מיר
איז כאפט מיר דער טייוועל
אינאיינעם מיט דיר
אבי כ'האב דאס פלעשעל
דאס פלעשעל ביי זיך —
א היגטישע שקורע
א שיכור בין איך —
הוריי! הוריי! הוריי!

## ווי דער פאסטוך פייפט אזוי מעקען די שעפעלעך




דר. זשיטלאווסקי: טרא־לא־לא! טרא־לא־לא! איך בין געגען דער וועלט־מלחמה, איך בין פאר דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו — טרא־לא!
צאן־קדשים: מע־ע! מיר זיינען אויך פאר דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו — מע־מע־ע־ע!

## מלחמה עפיגראמען

פון א. ראדוצקי.

### פעטיקאוטס פיר זעלנער
(פון די צייטונגען)

ס'קענען די זעלנער פון די פראנצויזען
צוליעב די וואונדען, ניט געהן אין הויזען.
ווערען געבעטען ווייבלעך, מיידלעך
די זעלנער שענקען אונטער־קליידלעך.
ווילט זיך מענער פראטעסטירען:
דען די קליידלעך קענען פיהרען,
נאך דער מלחמה'ס בלוט און טרעהרען,
מיר זאלען גאר פאר'„ווייבער'ט" ווערען.

### צו ווילהעלם

ברודער ווענלועל, אייל זיך אונטער,
ביז עס טרעט אריין דער ווינטער,
דען ניקאלעס בעסטע ארמעען,
זיינען זומפען, פרעסט מיט שנעען.
ס'האט נאפאליאן — אויך א כוואטעל —
אין א זומערדיג כאלאטעל,
ביז אין מאסקווע זיך פערקליבען,
און דער פראסט האט איהם פערטריבען...

### „נוצען" פון קריעג

עס זעטיגט זיך די ערד מיט בלוט,
איין ברודער שטעכט דעם צווייטען,
קריעג, מלחמה רופט מען דאס —
נו, מעג מען שלאגען טייטען.
און „נוצען", זאגט מען, ברייננגט דער קריעג
פאר די וואס בלייבען לעבען.
וואס מעהרער בלוט ס'קריגט די ערד —
מעהר תבואה וועט זי געבען.

# יט פויקען און טרומייטען

.2

יך איינמאל נאכטס צו סליחות
ר' בער אין שוהל אריין,
ר שטן און פערנארט איהם
ו פאלשען צוויבער־שיין.

שטעלט זיך פאר א שיקסע,
י שיקסע / וואונדער־שעהן;
י, לאכט זי צו ר' בער'ן,
ער אן זי נאכצוגעהן.

לע אידען סליחות
י שוהלען דא און דארט;
ו זיך ר' בער וואר־ערגעץ
א וויסט־הולטייסקען ארט.

אר'מען בעטעל ליגט ער,
ון אישה־זונה וואו;
די זינדיגע צוויי ליפען
ין הויכען שטערען צו.

און הויבט זיין ברוסט זיך שטורמיג
און תענוג ציטערט ער,
פאלט צוריק א מיעדער
נס ווערט דער קאפ איהם שווער.

מיט צושפרייטע ארעמס,
ערווישט פון שטארקען ווייך;
לט ער און שליעסט די אויגען,
בעלט ער און דרעמעלט איין.

איהם א נאכט פון סליחות:
ז זיך איהם, אז ס'איז שוין שפעט,
זיך די הענד אבגיעסען,
הט קיין וואסער ניט ביים בעט.

שטרעקט זיך אויס א האנד פון הינטען
און א ליכטעל האלט די האנד;
און מען בעט איהם אנצוצינדען
און דאס קול איז איהם בעקאנט.

נעהמט ער פון דער האנד דאס ליכטעל,
פיהלט ער ווי זיין הארץ געהט אויס:
ס'ציעהט די האנד זיך אזש פון אויבען
פון דער ווייבער־שוהל ארויס.

שרייט ער הויך שמע ישראל,
און מיט בײדע הענד ביים קאפ —
לאזט ער צו דער טהיר זיך לויפען,
שטעלט איהם לייב דער שמש אפ.

כאפט ער לייב'ן און דערצעהלט איהם,
וואס עס איז מיט איהם געשעהן...
מיט פערכאפטען אטעם צייגט ער,
סארא האנד ער האט געזעהן.

איז די האנד געוועזן אזוי לאנג?
פרעגט איהם לייב און שטרעקט ארויס
פון זיין מויל א צונג, וואס ציעהט זיך
ביז צום ארון־קודש אויס.

שרייט ער ווידער שמע ישראל,
און מיט אויסגעשטרעקטע הענד —
לאזט ער זיך ארויס אין דרויסען,
ברעכט ער שיעור ניט רוק־און־לענד.

כאפט איהם אן ר' נחום סופר,
פרעגט איהם וואס עס איז געשעהן?
צייגט ער מיט פערכאפטען אטעם,
סארא צונג ער האט געזעהן.

איז די צונג געוועזן אזוי לאנג?
און ר' נחום ציעט ארויס
שלאנגען צוויי פון זיינע אויגען
דריי מאל ווי די צונג די גרויס.



ס'ציהט די האנט זיך אזש פון אויבען פון דער ווייבער־שוהל ארויס.

ער, איילט ער זיך ביים אנטהאן,
ער לויפט פון שטוב ארויס;
וואס זיין שפאן ווערט גרעסער
ט דער וועג זיך לענגער אויס.

ער אב א שעה א גאנצע
ט ער אב א צווייטע שעה;
ער צו דער שוהל ארונטער,
נאך קיינער דארט נישטא.

ער די טהיר, איז פינסטער,
בט ער שטעהן און קוקט זיך אום:
זיך איהם געשטאלטען שווארצע,
בען אויף די ווענט ארום.

ז אין איהם דאס הארץ פון אימה,
בט ער ניט, וואס זאל ער טהאן;
ער זיך ארויף צום עמוד,
א ליכטעל צינדט ער אן.

זיך צוויי מאל אויס דאס ליכטעל,
דט ער אן צום דריטען מאל:
ז אין איהם דאס הארץ פון אימה,
ט ער תהילים אויפ'ן קול.

לויפט ער ווייטער און איהם דאכט זיך,
אז ר'איז וואהנזיניג פון שרעק;
זעהט ער ווי מיט הענד צושפרייטע,
שטעלט זיך איהם א מת אין וועג.

כאפט ער זיך ביים קאפ מיט פויסטען
און ער טהוט א שפרונג צוריק,
פאלט ער אין א טייך א גרויסען,
פיהלט ער ארום האלז א שטריק.

רייסט ער זיך מיט אלע כוחות,
ביז דער אטעם געהט איהם אויס;
פיהלט ער ווי זיין קאפ בלייבט ליגען
אין א ווייכען וואר'מען שויס.

פיהלט ער ווי צוויי וואר'מע הענטלאך,
לעגען זיך אויף איהם ארויף...
ווערט איהם בעסער, ווערט איהם לייכטער
עפענט ער די אויגען אויף.

ליגט ער אין דיעם וואר'מען בעטעל
ביי דער אישה־זונה דארט;
פרעסט זי זינדיגע צוויי ליפען
צו זיין שטערען, צו זיין בארד.

קושט זי איהם און לאכט און פרעגט איהם
וואס עס איז מיט איהם געשעהן?
ציטערט ער און גיט איהר איבער
אלעס, וואס ער האט געזעהן.

און ער דאנקט דעם ליעבען בורא
וואס דאס איז א חלום בלויז;
און זי לאזט איהם דאן בשלום
דורך דער הינטער טהיר ארויס.

.3

מעהרסטענס נאך אזא מין מעשה
לאזט זיך אויס א וויסטער סוף;
ס'הייסט אז אויף דעם בייזען זינדער,
קומט פון גאט א שווערע שטראף.

אפטמאל שטארבט ער נאך דריי טעג שוין,
אפטמאל ווערט ער ביטער קראנק;
און ער מוטשעט זיך און תשובה
טהוט ער דאן זיין לעבען לאנג.



ווינקט זי, לאכט זי צו רב בערען
הויבט ער אן זי נאכצוגעהן.

נאך דער מעשה האט ר' בער נאך,
אבגעלעבט ביז זיעבציג יאהר;
אויך האט איהם קיין קרענק, חלילה,
קיינמאל ניט געקרימט קיין האהר.

שטעהט דאך אבער אין דער תורה,
אז די זינד פון טאטען געהט —
ביז צום דריטען דור און פערטען
דורך די קינדער ווי א קייט.

זיעבען זיהן און פינעף טעכטער
האט געלאזען דא ר' בער...
און די פרומקייט פון דעם טאטען
לעבט אין זיי שוין לאנג ניט מעהר...



און זי לאזט איהם דאן בשלום
דורך דער הינטער־טהיר ארויס.

אבער ווי א ווילדע שרפה
לעבט אין זיי די לוסט צו זינד;
אלע יאהר האט יעדע טאכטער
מיט אן אנדער מאן א קינד.

און די זיהן — אויף וויסטע וועגען
ווי דער טאטע געהען זיי:
איין ווייב איז פאר זיי צו ווענינ,
זיי בעדארפען שטענדיג צוויי.

Nov 13, 1914

דער גרויסער קיבעצער

# מיט פויקען און טרומייטען

## באיקאט־ערקלעהרונג

פון עוזיאל פליישמאן.

הערט, איהר סוחרים, אונטערנעהמער,
דזשאבערס, דיעלערס און סתם קרעמער,
מיט געפאקטע סטאר און סטארקעס
איבעראל, ווי גרויס ניו יארק איז —
מיר ערקלערען, דורך דעם „קיב׳צער",
(וועלכער איז ביי אונז בעליעבט זעהר)
אונזער חרם, אונזער נדר,
אונזער באיקאט אויף די קליידער,
שיך און זאקען, קאפעליושען,
אי פון סאמעט אי פון פליושען,
אויף די אויבער־רעק און הויזען
און אויף אנד׳רע שאלעמויזען,
וואס מען דארף אום ווינטער ניצען
אום דעם קערפער צו בעשיצען...
אלע סחורות, פאבריצירטע,
וועלען בלייבען באיקאטירטע;
טשארזשעט טהייער, רעכענט ביליג,
וועט ניט זיין ביי אונז קיין חלוק.
ניין, מיר וועלען אויף קיין אופן
פאר קיין סענט ביי אייך ניט קויפען.
מעגען כאטש זיך קעהרען וועלטען,
מעגען זיין די גרעסטע קעלטען,
מעג עס שנעען, מעג עס פריהרען,
מעגען מיר פון פראסט קראפירען —
מעגט איהר, סטארקיפערס, פערקלאגטע,
שרייען, אז איהר בלייבט געשטאקטע
מיט׳ן סטאק ביז אויפ׳ן זומער —
האבען מיר דערפון קיין קומער...
אייזען־פעסט בלייבט אונזער חרם!
ס׳וועט ניט העלפען קיין דאקטוירים
אונז צו מאכען מילד און גנעדיג;
דען ווי לאנג נור פוסט און לעדיג,
אהן א סענט, איז אונזער פאקעט,
וועלען מיר שוין ווינטער׳ן — נאקעט...

* * *

אונטערצייכענט און בעקרעפטיגט
פון דער חברה — „אונבעשעפטיגט".

## דער רויטער האן

(לאנדאנען א מתנה)

פון העל־פען.

קראה־קראה! קראה־קראה! און ווידער איז צו אונז אראפ,
אין צייט פון וואהל־טאראם, די אלטע שווארצע ראב
ניט קוקט — האט זי געזאגט — וואס איך בין אלט און שווארץ,
איך בין א גאלדפויגעל און כ׳האב א גאלדען הארץ.
און דו, מיין פאלק, מיין „לעבען" ביזטו דאך... מיין „גאלד"...
און וואלט איך נור געקענט וויפיעל איך וואלט געוואלט
דיר גוטעס טהאן... פערלאז זיך אויף מיין עהרליכקייט...
ס׳איז וואהר: עס האבען בייזע לייט א קלאנג פערשפרייט,
אז איך, די פרומע ראב, וואס קומט פון מין די טויב,
אז איך בין שטארק פערליעבט אין גנבה און אין רויב.
„ער גנב׳עט ווי א ראב" — א פאלקס־ווארט איז דאס נור
דאך איך — ווייסט גאט אליין — ווי פרום איך בין און וואהר...
— אזוי איז אלע מאל אין וואהל־טאראם, די ראב,
די אלטע שווארצע ראב, צו אונז אין גאס אראפ,
און קעלט און נאכט און טויט, האט זי מיט זיך געבראכט,
און קראקענדיג, די וועלט תכריכים־ווייס געמאכט,
און קראקענדיג האט זי, אויף „משה׳ס" קאפ פערטויבט,
און „משה" האט געהערט און „משה" האט געגלויבט.

* * *

דאך אייביג דויערט ניט קיין ווינטער און קיין נאכט,
און ווידער האט די זון א פריהלינגס־גרוס געבראכט:
שטעהט אויף — האט זי געזאגט — דער ווינטער איז פארביי!
און שוין האט זיך צובליהט א שעהנער יונגער מאי,
אין „משה׳ס" אלטען קאפ. און אויך אין "משה׳ס" בלוט —
האט זיך צושטראהלט א זון מיט יונגער פריהלינגס־גלוט.
און אז עס צינדט זיך אן דאס בלוט אין „משה׳ס" הארץ,
דאן האסט ער בלוטיג אלץ, וואס אלט איז און וואס שווארץ;
ווייל דארט וואו שווארץ, איז נאכט. און דארט וואו נאכט, איז טויט!
און ווייל די שטארקסטע לעבענס־פארב איז רויט,
האט „משה" הויך א הויב געטהאן די רויטע פאהן,
און האט געשיקט א יונגען צאפעלדיגען האהן —
אין קאנגרעס־הויז, צו שטערען דארט די ראבען־מאכט,
וואס האלט דאס פאלק שוין יאהרען־לאנג אין שווארצער נאכט.
און זיכער מעגט איהר זיין — א יונגער רויטער האהן,
איז ניט קיין שווארצע ראב. קוים הויבט צו טאגען אן,
טהוט ער א שטרעק דעם קאפ און טהוט דעם האלז א ציה,
און הילכיג טראגט זיך דורך דער נאכט זיין קוק־רי־קי!
ס׳איז וואהר: דער אלטער באלעבאס פון קאנגרעס־הויז
וועט ליארעמען: „דו רויטער שייגעץ דו, ארויס!
צושטער מיר ניט די נאכט! לאז שלאפען מיך, גיב רוה!"
א האהן דאך שרעקט זיך ניט און הערט זיך גארניט צו.
איך שריי מיין קו־קו־רע־קי — זאגט ער — איך בין א האהן,
איך בין א רויטער האהן און כ׳וויים וואס כ׳האב צו טהאן!
און נאכאמאל טהוט ער דעם האלז א שטרעק, א ציה,
און הילכיג טראגט זיך דורך דער נאכט זיין קוק־רי־קי!

## די צוויי נייע וויצען שרייבער




אש: וואס מאכסטו ברודער רייזין און וואס וואינסטו עפעס?

רייזין: קאלעגא אש, איך מאך א לעבען פון וויצען און דערפאר וויין איך — און אויך דו וועסט דא דארפען שרייבען וויצען.

אש: וואיס איך וואס דו רעדסט! ווי קום איך דערצו? איך קען דען שרייבען וויצען?

רייזין: און איך קען דען?...

פון ...

דער טאג—און...
די שויבען —...
—וואס טהוכטו...
—איך לאטע ...

שוין שפעט אין...
ווי א בית עולם...
—וואס טהוסטו...
—איך פלאנטע...

שוין אנהויב טא...
ביים טויער ער...
—וואס גראבסט...

—איך מויער א...

## אנשט...

פו...

„די הימלען —...
און די ערד איז...
כ׳בין מוחל די...
כ׳וויל אויף דער...

דאך די ערד אי...
צווישען א וועלט...
טא וואו זשע ...
ז׳עס גאט דען פ...

האסט אויסגעבו...
און אין העכסט...
ארומגערינגעלט...
הערסטו דארט...

אבער ווען זאלס...
אויף דער ערד...
זעהען דעם גיהנ...
צי וואלסטו אויף...

## ער שטימט ...




לאנדסמאן: הע...
הערט, וואס רוזוועלט...
נען ארויין אין ניו...
יאסעל דער פע...
פערד. ס׳איז אזוי ג...
אמעריקא! געדענקס...
זיך אנגעליטען אייד...
גען דעם קעסיל־גארד...
דאך אויסגעהן פון...
נעהמען אויף דאברא...

Nov. 27, 1914.



# מיט פויקען און טר

## אַ דיכטער זאָל מען זיין

פון העל־פען.

האָב איך א בעקאַנטען דיכטער
וואָס האָט ווייבער גאָר ניט פיינט.
יאָ, נאָך גרעסער ווי דער דיכטער
איז אין איהם דער ווייבער־פריינד.

פאַר צוויי שעהנע פרויען־ליפלאך
גיט ער איך אַוועק די וועלט —
זאַק און פּאַק מיט אַלטע ליעדער
און מיט ראָטשילד'ס גאַנצען געלד.

ס'איז דער דיכטער שוין ניט יונג מעהר,
כאָטש ער איז נאָך גאָר ניט אַלט.
נאַקעט אָבער איז זיין קאָפּ שוין
ווי אַן אויסגעהאַקטער וואַלד.

און ניט נור דעם דיכטער'ס פּליכעל,
נור זיין פּנים אויך זאָגט אויס,
אַז ער ליגט ביים יצר הרע,
ווי א קינד אין מוטער־שויס . . .

אמת איז, אַז מ'האָט אַפּליכעל
איז מען טאַקע מעהר ניט שעהן;
אָבער אַז מען איז א דיכטער,
בלייבט מען קיינמאָל ניט אַליין —

ס'טרעפט זיך שוין א ווייב, א מיידעל,
וועלכע קוקט ניט אויפ'ן פּליך;
און צי טאַקע דאַרף מען לאָקען,
ווען עס גלוסט צו שפּיעלען זיך? . . .

## יעדער האָט זיין צייט



דער האָהן (צום אינדיק): קוקעריקו! יאָ, ברודער'ל, יום כפּור האָסטו געדאַנקט גאָט, וואָס דו ביזט ניט קיין האָהן, היינט דאַנק איך גאָט, וואָס איך בין ניט קיין אינדיק.

## אַפאָריזמען.

א פרוי האָט ליעב א פרעכען געליעבטען, אָבער א שטילען מאַן.

* * *

א פרוי וואָס וויל אימער געפעלען, איז שוין האַלב געפאַלען.

* * *

ווען דאָס וועטער איז שעהן, קען אפילו אַ מלמד זיין דער קעפּטיין פון א שיף.

## טהענקסגיווינג דע

(א מזמור לתודה פאַר אַרבייטער)

פון ל. קעסנער

איך דאַנק דיר, אַלמעכטיגער, הימלישער, האַר,
איך דאַנק דיר!
איך דאַנק דיר פאַר פרייד און איך דאַנק דיר פאַר צ
איך דאַנק דיר!
איך דאַנק דיר פאַר נעכטען, איך דאַנק דיר פאַר הי
איך דאַנק דיר פאַר פריינד און איך דאַנק דיר פ
איך דאַנק דיר!

דו האָסט מיך געבראַכט מיט דיין הימלישער האַ
איך דאַנק דיר!
אַריין אין קאָלומבוס'עס גאָלדענע לאַנד,
איך דאַנק דיר!
דו האָסט מיך אַוועקגעזעצט ביי א מאַשין,
צו הרעהען א רעדעל אַהער און אַהין —
איך דאַנק דיר!

דו האָסט מיך געבענשט מיט דער קראַפט פון א פ
איך דאַנק דיר!
צו שקלאַפען פאַר באָסעס און קייען די ערד,
איך דאַנק דיר!
דו וואַרפסט מיך אַרום צווישען „ביזי" און „סל
אַזוי געהט פאַמעלעך דאָס לעבען אַוועק —
איך דאַנק דיר!

דו האָסט מיר בעשאַפען אין העסטער־פאַרק בענק
איך דאַנק דיר!
צו כאַפּען א דרעמעל און עסען א קרענק,
איך דאַנק דיר!
דו האָסט מיך בעשאָטען מיט [illegible]־פאַפּיער,
מיט „שמירער" און „פיהרער", [illegible] איז צו מיך
איך דאַנק דיר!

דו האָסט מיר בעשאַפען א רוקען פון שטאָהל,
איך דאַנק דיר!
צו קענען פערטראָגען „פערזאָרגער" אָהן צאָהל,
איך דאַנק דיר!
חזנים, רבנים, דינים און „פריינד",
זיי עסען מיין פּראַצע, ווי ברידער פעראייניט,
איך דאַנק דיר!

דו האָסט מיך דערהויבען אַזש ביז אויף טאָפּ־פלאָ
איך דאַנק דיר!
און האָסט מיך פער'קנס'ט צו א פרוי, א שוואַרץ
איך דאַנק דיר!
א ליידיגע שטוב און א טרוקענע קיך,
די קינדערלאַך וואַקסען ווי קראַפּיווע גיך,
איך דאַנק דיר!

יאָ, הארציגער פאָטער, איך דאַנק דיר פאַר אַלץ,
איך דאַנק דיר!
איך דאַנק דיר פאַר הערינג, איך דאַנק דיר פאַר זאַ
איך דאַנק דיר!
איך בין אין קאָלומבוס'עס גאָלדענע לאַנד:
דאָ מוז מען היינט שרייען, כאָטש כאַפּט דיך א
איך דאַנק דיר!

## אין און אַרום די יוניאָנס

פון פיליפּ דעם ערשטען

### איך און זיעגמאַן

גלייך ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען צו טומ־
[...]ען אין די קלאָוק מייקערס יוניאָן, האָב איך
[...]עקעשט זיעגמאַן'ען שרייבענדיג אַן ערקלע־
[...]ונג פאַר'ן „פאָרווערטס". ער איז געזעסען
[...]יט א לאַנגען שטיק „טשאָק" אין האַנד און גע
[...]מאָלען בוכשטאַבען. אָהן צערעמאָניעס האָב
[...]יך אָנגעהויבען מיין געשפּרעך.

איך: וואָס דענקט איהר וועגען די רע־
[...]אָלוציאָן פון די קלאָוקמאַכער?

ער: גאָר נישט.

איך: וואָס הייסט?

ער: בלאָטע, קלאָוקמאַכער האָבען זיך ליעב
[...] טומלען. דער „פאָרווערטס" זאָגט „עס וועט
[...]ד אויספּרעסען."

איך: אָבער ס'פאָלק וויל ניט ליידען, מ'איז
[...]גען אייך, בעאמטע.

ער: ווייס איך וואָס! צום קאָנווענשאָן
[...]ז נאָך ווייט, א יאָהר און א האַלב, און איך
[...]ב אָבגעמאַכט מיט'ן דיסטריקט אַטאָרני'ס
[...]ים, פאַר אונזער נעקסטער קאָנווענשאָן זאָל
[...] מאַכען א נייע מאָרד־קלאַגע אויף מיר.

איך: זייט איהר הייסט עס שור מיט אייער
[...]זאַב?

ער: ניין, ניין, א יאָלד וועל איך זיין?

### [...]ט בען שלעזינגער און סידני הילמאַן.

[...]ורויסלויפענדיג פון אָפיס האָב איך זיך
[...]טשעפעט אָן בען שלעזינגער.

[א]יך: האַלאָ, בען!

[ע]ר: האַלאָ, פיליפּ.

[א]יך: וואָס הערט זיך מיט די קלאָוקמאַ־
[...]?

[ע]ר: סאַראַפ, סידאַן!

[א]יך האָב זיך אַוועקגעזעצט.

[א]יך (אין הוילע שרעק): קלאָוקמאַכער
[...]לען ניט קיין דיוס, געגען די בעאמטע,
[...] וועט זיין דער סוף?

[ע]ר: סאַראַפ, דו לעזט ניט די „נייע פאָסט"!

[א]יך: וואָס מיינט איהר?

[ע]ר: סאַראַפ, סידאַן — קיין וואָרט! ביזט
[...]קיין מעמבער, צאָהלסט ניט קיין דיוס,
[...] ניט די „פאָסט" און דו האָסט ניט קיין
[...].

### מיט סידני הילמאַן.

[...]ך האָב פאַררויכערט א סיגאַרעטעל, גע־
[...] א „נייע פאָסט" און זיך אַוועק־
[...]עזט אויף א „לוידיעס גאַרמענט וואָרקער"
[...]עם אָפיס פון די יונייטעד גאַרמענט וואָר־
[...]און אמעריקא. איך האָב געטראָפען סיד־
[...]למאַן שלאָפענדיג. שלאָסבערג איז געזע־
[...]און צוזאַמענגערעכענט דעם וואוט פון
[...] ל. פ.

[...]ך: געט אַפּ, סידני, וואָס שלאָפסטו?
[סי]דני. אָה, דער „גרויסער קיבעצער",
[...] ברודער. וואָס מאַכט מען? ס'איז
[...]ז מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענ־
[...]. . אַלע שוואַרצע כחות האָבען זיך פער־
[...]ט געגען אונז: סעם גאָמפּערס, סופרים
[...] דזשאָדזש דיוויס, ריקערט און די
[...] צוים". שלעכט ברודער, רעאַקציאָן

[...]: אָבער דער עיקר: פּיידע וועט זיין?
[...]: דערווייל, נור געוז פערלאָז זיך אויף
[...]ידער, זיי קענען נאָך חרטה האָבען....

Oct. 29, 1909.



# פאליטישער היפאדראם

הוירסט דער פוגאלא (פעלד גולם) פון היינטיגען קעמפיין...




א „פארווערטס"-לעזער, הערענדיג א קאמפיין-רעדע פון א סאציאליסטישען טראק, האט אזוי געזאגט: איך וויים נאך אלץ ניט, ווער עס לויפט פאר מעיר, צי הירסט אויפ'ן סאציאליסטישען טיקעט, אדער גיינאר אויפ'ן ס. ל. פ. טיקעט.

---

הענדריק: — געהערט א ביסעל, אז דר. זשיטלאווסקי האט געוואלט לעקטשורען אין פילאדעלפיא איבער'ן „פרייען געדאנק און פילאזאפישע אנזיכטען", האט איהם די פאליציי פערבאטען.

שמענדריק: —יע, יע, עס איז ניט מעהר ווי רעכט. ווער דען זאל פערהיטען דאס פאלק, ווען ניט די פאליציי?...

---

די ס. ל. פ. איז צוגע'משפט געווארען, אז זי טאהר ניט בענוצען דעם ווארט סאשעל, הייסט זי יעצט „ל י י ב א ר פארטיי". היינט די „פעדערײשאן אוו לייבאר" זאל זיי פערקלאגען פאר בענוצען לייבאר, וואלט זי זיך מוזען רופען „פארטיי", היינט ווען די פארטייען זאלען איהר פערקלאגען פאר בענוצען זייער נאמען, ווי וואלט זי דאן הייסען?



דאס זיינען די פאטאגראפיעס פון די 2 רוסישע שפיאנען, וואס געפינען זיך אין ניו יארק.

## פאליטיק אין באד.

מיט די וויבעטשעס די גרעסטע,
קראצענדיג פון זיך די בלאטע,
קריעגט זיך יאנקעלע מיט מאטע,
זיצענדיג אויף העכסטער שוויץ-באנק
„ווער וועט „מעאיר" זיין דער בעסטער"...

ביידע שעלטען זיך און שרייען,
ווילען זיך פאר כעס צערייסען,
און שטאט זיך אין דעם רוקען שמייסען —
שמייסט מען זיך אין די געזיכטער,
מיט די בעזעמער כלי-זין.

יאנקעלעס בעזעם מיט געפילדער,
פאלט אויף מאטע'ס קאפ דעם גלאטען:
„ס'זאל א רוח דיר אין דיין טאטען,
גלייכסטו „גוינאר" צו מיין „הויסטען"
שרייט ער היציג אויס, א ווילדער,

„הויסט" ער האט א קאפ א כוואטע,
ועסט א צווייטען קריגען שוועהרליך
וואס זאל זיין אזוי פיעל עהרליך"
„הער א חוצפה!" שרייט אויס מאטעל,
„הויסטעל איז די גרעסטע שמאטע

ס'האט מיין „גוינער" מעהר אין פיאטע
און איך שוועהר דיר הייליג טהייער
ער אליין וועט זיין דער „מעיאר",
ווייל דיין „הויסט" האט אנשטאט שכל
נאר א קאפ א פליעכעוואטע".

דא קען יאנקעל ניט מעהר שווייגען
און א שעפעל זודיג וואסער
זעצט אויף מאטעס קאפ מיט האס ער
כאפט איהם מאטע ביי דעם נארגעל
„ווארט דו הונד, איך וועל דיר צייגען"

קראך! — און יאנקעלע מיט מאטע
רייסענדיג זיך ווי די לייבען
קייקלען זיך אראפ פון אויבען — — — —
באדען אוים די ווייכע ערטער
אויף דער באד-בריק אין דער בלאטע.

העל—פען.

———:::———

## קעמפיין פייפלעך.

גליקליכער מעקערען! געשטארבען ווי א קדוש, נאך אפילו זיין וואוט ניט נעגעבען...

* * *

פערקויפען — דאס איז יעצט די טהעמא פון טאג.

קויפען — דאס איז יעצט די טהעמא פון שעה.

און פערקויפטע — דאס איז די טהעמא פון יאהר....

* * *

—וואס איז דער חילוק פון דעם „טאגעבלאט" און דעם „מארגען-זשורנאל" אין היינטיגען קאמפיין?

די „טאגעבלאט" זאגט: די רעפובליקאנער וועלען געווינען...

דער „מארגען-זשורנאל" זאגט: נעווינען אעלען די רעפובליקאנער...

July 1, 1910



# די צוהיצטע מוזע.

(שטארק געקוועטשט נאך יהואש'ן)

לאנגזאם האט דער דאלאר-זייגער
צוועלף א זייגער אפגעקלונגען....
רוהיג ליג איך אין מיין בעטעל
פון א זיסען שלאף בעצוואונגען.

אי, וועט איהר דאך וועלען פרעגען:
סטייטש, ווי קען א שלאפער הערען?
ענטפער איך: ס'איז מיינע ביזנעס!
און איהר דארפט שוין גאר ניט קעהרען.

ערגעץ וואו פון וויטען הערט זיך
מעלאנכאליש פיעדעל שפיעלען;
און איך שלאף מיר ווי א קייזער
און עס שלאפען די געפיהלען.

אי־זשע, וועט איהר וועלען פרעגען:
קען א שלאפער שפיעלען הערען?
ענטפער איך: א טשעפעט מיך ניט!
וויל עס קען נאך עפעס ווערען...

הערט! די שטערען פינקלען צערטליך,
ווינקען מיט נאיווע אויגען —
כאפ איך שנעל אין שלאף די הויזען
און ארויס אין גאס געפלויגען...

אי,זשע וועט איהר וועלען פרעגען:
וואס די גאס געהט אן מיך איצטער
ענטפער איך: א רעדט צום ספאדיק
זעהט, ער הענגט אנ'אפגעניצטער.

פון דער וויכער זומער-נאכט-לופט
פון דעם בלויען שטערן-שימער,
האלב פערצויגען מיט א נעבעל
קריכט ארויס א פרויען צימער...

העלא מיסעס!
וואו זייט איהר געווען —
אזא לאנגע צייט?

און זי שמייכעלט אזוי ביטער,
קוקט מיך אן — ווי הייסט עס — ברוגז
„אה דאס לעבען אהן א באָרדער —
גלויב עס, גלויב, צו גארנישט טויג עס!

כ'האב דערקענט זי — ס'איז די יוגענד
די פערוועלקטע, די פערבליהטע...
כ'האב דאס אלץ אין שלאף געזעהן
אך, מיין זיסע שרה-איטע!

לאנקזאם האט מיין דאלאר-זייגער
דריי א זייגער אויסגעקלונגען...
רוהיג שלאף איך מיר אין בעטעל —
פון א דאלאר-טרוים בעצוואונגען.

העל-נאדיר.

———:::———

## אויף וואס שטעהט די וועלט?

שמעריל: זאג מיר אויף וואס שטעחט די וועלט?

בעריל: אז דער פאטער נעהמט דאס קינד אויף די קניע און לאזט איהם אראב די הויזלעך און שמייסט איהם און די מו־טער שרייט: שמיס, שמיס, אויף וואס די וועלט שטעהט! — היינט אויף וואס שטעהט די וועלט?

# פון היטץ.

(מאנאלאג פון א צופארעטען ליטעראט)

1.

פון נאדיר־העלל.

...אייך הייס?

ווארפט זיך ארונטער אונטער א קאר און—שא! שווייגט... קיין ווארט! פוס־טער בעל־גאוה וואס איהר זייט! איהר מיינט טאקע אז חאשקע איז אין אייך פערליעבט! נאר! און אז מיין מיסעס האט זיך צושפיעליעט די „קימאנע" — איז ווערט אויך דערפון קעלטער, וואס?

קינדערליך מיינע, טייערע קינדערליך! ווינט ניט! האלט זיך אן אין דער אל־טער מאמען... מיט מיר קומט... זעהט איהר ווי עס בלישטשען די בערג מיט אייז? און ווי שטאהל־רויט עס איז די לופט... און דער פראסט — וואו־הא! ווי עס ברענט! רוקט אן די שאפקעס איבער דער נאז. אט אזוי. אויף די שלי־טענס! א קנאק מיט דער בייטש. אט אזוי. נאך עטליבע מאל... האלט זיך קינדערליך, האלט זיך.... דער 88טער גראד.... דער נארד־פאל איז ערדייכט...

סאדא־וואסער... פייער! פאלים! די קישקעס... איי, עס ברע־ע־נט! ראטע־וועט, אידישע קינדער... גיסט וואסער... א־ה! גוט... איצט צו דער פאעמא און ארונטער אין גאס. לייבטשע גנב, א רוח אין דיין טאטען אריין... בלאז אויף מיר! האררי־אפ! פער'שרפ'ט זאלסטו ווערען! גיס! גי־יעס! א־ה! רייב מיר איין ס'הארץ.

אלזא, צוזאמען חברים! די נעקסטע אויסגאבע פון'ם זשורנאל.... ליטעראטור מוז בעשטעהן מייסטענטהייל פון סקיצען.. א פולע סקיצען... א „האל־לאט..." אך, לייבטשע מאמעלע... געדענסט נאך דעם טייך קוס זיך איין! קוק אקארשט ווי די גאלדענע פישעלעך מאכען בלויזליך אויפ'ן וואסער. ווער ווייסט צו די פאסט איז שוין אנגעקומען? לאמיר נעהמען א לאד־קע. רבי, איהר ווילט באפען א פיש.... זאל איך אזוי לעבען ווי איך האב געזעהן א פולע פיש. דארט אונטען לעבען דער גרעבליע... געוואלד! געוואלד! פייער! וואסער! אידען! וויבער! האררי־אפ!... וואטערמעלאן... הו־הו!...

איך האוועקע, מיינע פריינדע!

2.

(א פלאפלעריי פון א גענאסע, וואס איז „געלעגען" געווארען פון היטץ).

צוגעהערט און פערצייכענט פון חיים'קע.

...אוי, אוי, אוי! מילוואקי!... איך וויל ניט ארבייטען... ס. ל. פ... מיין ווייב איז ענטלאפען... דער „מארגען זשורנאל" איז גאר ניט אזוי שלעכט... א פינאקל... לואי מיללער... כא, כא, כא... גיט מיר א גלאז קאפע!... א דזשענעראל סטרייק פון די קלאוקס... איין גדול איז ניט בעסער פון צווייטען... איך האב פער'משכנ'ט מיין וואטש און טשיין... מאיער לאנדאן... גיט מיר א טוט־פיק... קארל מארקס... דער „קיבעצער".. א יוניאן־דעלעגאט.. א פלייט שטשאוו... ווייטער, גיס מיר ניט אפ!.. רוזוועלט... איך האב אייך אלעמען אין דער ערד!... מיין מיסים איז גאר ניט אזוי אלט ווי איהר דענקט... דער „בינטעל בריעף... וואסער! וואסער!...

# שיקאגאער נאטיצען.

פון שמואל זאמד.

אויפ'ן פיק־ניק פון דער „איד. ארב. וועלט" האט דער בעריהמטער מילוואקי'ער מעיאר, גענ. זיידעל, אין זיין רעדע ער־קלעהרט: די ארבייטער דארפען ניט נעה־מען דעם סאציאליזם מיט קיין באמבעס, נאר מיט פריעדען.

דאס זעלבע טענה'ט דאך אויך אונזער „קוריער"... וואצו האט מען געדארפט שלעפען רעדנערס נאך פון פרעמדע שטעדט? פוי, אן אונזינן!

* * *

א היעגער טהעאטער־קריטיקער האט אין א געשפרעך מיט מייקעל מינץ גע־לויבט זעהר מאדאם ליפצין, און ער האט זי צוגעגליכען צום „האללי־קאמעט", וועל־כער איז קעניג איבער אלע „סטארס"...

מר. מינץ האט בלויז א שמייכעל גע־טהון און א קוועטש געטהון מיט די פלייי־צעס, ווי איינער רעדט: לצים, לצים, ווייסט איהר דען ניט, אז אהן מיר קען זי קיין „קאמעט" ניט זיין?...

אבי מען האט געמיינט, אז צו מאדאם ליפצינ'ס טאלאנט איז גאר קיין „עק" ניטא... ווייס'ך וואס!

* * *

די שיקאגא'ער בירגער זיינען שוין מעהר צופריעדען פון „האללי'ס קאמעט" ווי פון די „כאבאר־סקאנדאלען". ביים קא־מעט, זאגען זיי, האבען זיי כאטש געזעהען אן עק... און ביים כ א ב א ר איז גאר קיין עק ניטא...

ז. בארנעט קאמייקא איז א חתן גע־ווארען, און צוליעב דער שמחה האט ער ווידער אנגעפאנגען מיטצוארבייטען אין „קוריער".

די לעזער זיינען אויף איהם אויפגע־טראגען: מילא, ער איז א חתן געווארען — טענה'ן זיי — טא זאל ער זיך „פער־דרעהען" זיין קאפ. אבער צו וואס פער־דרעהט ער אונזערע קעפ מיט זיין שריי־בארײ?...


בריִדער מאקאב
קויפט אייערע דראגס
„איידיעל" דר
פון דעם בעריהמטען
יעקב גרינב
אין 19 ריווינג
קאר. קריסטי סט

!! איהר בעדארפט
דר. הענרי קי
האט יעצט זיין „דענ
אין 96 סעקאנד עווענױ.
זאגט עס אייערע פ

July 15, 1910



# פלעזשור, פיק־ניקס און גוד־טיימס

## אויפ'ן פיק־ניק פון דער „פרייער ארבייטער שטימע.“

רעפּאָרט פון העל־פען.

אריינגעקומען אין פּארק — איז גלייך צום באר־טיש. אריינכאפּען א ביסעל מוטה — א קליינינקייט „פרייע ליעבע“! — זינד זי פריינדליך מיין הערר, איין גלאז ביער. נאָך איינס. איך האבע דארשט זי מעגען מיר געבען נאָך איינס. מיין פריינד יאנאָווסקי ווירד שוין בעצאָהלען, ער האט דאָך איין שפּיציג בערדיל. וואָס זאָגען זי? איך זאָל בעצאָהלען, א קרענק וועל איך איהנען בעצאָהלען — ארעפּאָר־טער פון קיבעצער טרינקט אומזאָנסט! הערען זי! הורא פאר פרייער ליעבע! און ווער זאָל דען אייער ביער טרינקען ווען ניט איך מיט מיין פריינד יאנאָווסקי? שטיל זאָל זיין, זאָג איך אייך. שרייט ניט, און איבערהויפּט, ליעבער באר־טענדער, לאָזען מיר זיך ניכט קריגען. אָט זעהט, נאט אייך א גלעט אין אייער בעקיל. און זאָגט מיר זענען פאראן עפּעס אסך שעהנע מיידלעך? זאָגט מיר איך בעט אייך, איהר ווייסט דאָך, פרייע ליעבע חי־חי־חי. איהר זעהט ניט ווי איך האָב א נייעם קאלער?

נאָר כאָטש בעט זיך ווי א צימעס, דער גראָבער יונג וויל ניט ענטפערען. לויף איך שוין אריין אין טאנץ־זאל. רבונו של עולם! האסטו דאָס דיין אייגענס א טיר־גארטען! כאָטש פליק זיך אוים די אויגען אָדער שלעפּ אראָב די שיך און צופליק די סטאקען — קיין איין שעהן מיי־דעל... איך ווער אין כעס, זאָל איך אזוי לעבען און געזונט זיין, און יאנאָווסקי'ן אויף צוטראסקענעם זוך איך מיר אוים די עלטעסטע מויד. איך טהו זי א כאפּ, איין דרעה, נאָך א דרעה, נאָך א דרעה און נאָך א דרעה און דאן א טראסק מיט א־הה־ צו ד'ערד אז דער סילינג טרייסעלט זיך. געשעהן איז גאָט זיי דאנקען גאר ניט. בלויז איין פוס האָט זי צובראָכען און די ברוסטען האבען זיך איהר אביסעל פערד־היקט אן א זייט, צום גליק אָבער זיינען זיי נאָך ליגען געבליבען אונטע'ן יאקעל אויפ'ן פּלייצע. איצט אָבער איז צייט גע־ווען זיך אָפּטראָגען — ארוים אויף דעם אָרט וואָס איהר רופט „פּארק“ געטראָ־פען יאנאָווסקי'ן אליין ביי א טיש מיט א גלאז ביער אין האנד, בין איך צוגעלאָ־פען, אנגעכאפּט איהם ביים גארגעל: — איצט האָב איך אייך — האָב איך געשריי־גען אויסער זיך פאר כעס. איהר וועט שוין פון מיינע הענד קיין לעבעדיגער ניט ארוים! איהר האָט א בערדיל זאָגט איהר? איך שרעק זיך ניט. איך האָב לאָפּעס פון א בער. איין זאַך אָבער זאגט מיר, וואָס האָט איהר מיך אהער פארשלעפּט? זאָ־פּאָרט זאָלט איהר זיך מיט מיר צוזאמען אוועקלעגען אויף דעם אָרט וואָס איהר רופט גראָז. איהר הערט אָבער גלייך זאָלט איר זיך אָנטהון א קליידעל און ווע־רען מיין געליבטער — סיי ווי סיי זענט איהר שעהנער ווי אלע אייערע מוידען וואָס איהר האָט אהער געבראכט. איהר זאָלט אייך אָפּלאָזען ווילט איהר? איהר וועט מיך טריטען מיט א סענדוויטש זאָגט איהר? אָלל־רייט. גיט אהער דעם ניקעל איך וועל מיר שוין אליין קויפען....

ווי א פּערריקטער בין איך אריינגעלאָ־פען אין טאנץ זאל. ווייטער! א סענט־וויטש גיט מיר, שנעל איהר הערט! ווען ניט, צעריים איך אייך ווי א הערינג, צע־רייס איך אייך, איך בין בייז, שטארק בייז. וואָס איך וויל פון אייך? לומפּ וואָס איהר זיינט! איהר זייט דאָך ניט יאנאָוו־סקי, שרייט ניט זאָג איך אייך, שרייט ניט, איך דנערלאנג אייך גלייך נאָך א פלעם. וואו האָט איהר די יונגע מוידען בעהאלטען? זאָגט מיר וואו האָט איהר אהינגעטהון די יונגע מוידען? די יונגע מוידען גיט מיר ארוים גלייך, אויפ'ן שטעל, ווען ניט מאך איך אייך א טויט! געוואלד די פרייע ליעבע דערקוטשעט מיר, די פרייע ליעבע.

איך בין ארוים צום ים. וואָס איך האָב דאָרטען געזעהן, פאן רעדאקטאָר, דאָס וועט אייך מיין ליעד דערצעהלען. די בלום פון מיין הארצען, דער שעהנסטער

## ווי מען ענדזשאיעט זיך אויף א פיק




ספּעשעל־פּאליסמאן צו די 3 און א האלב פּיק־ניק־לייטע, וועלכע האָבען זיך צוליב געגוג שוין דאָ זיך צו ענדזשאָיען — מען דארף אנדערע אויך געבען א „טשאַנס“...

## נור אין קבר.

פון ציקל „פלעזשור“

די קאָפּ — זי פּלאצט מיר פון די היטצען,
עס שוויצט און שוויצט מיר יעדער אבר,
אָ, גאָט! ווי וואָלט איך וועלען שטארבען—
אַי, לופטיג איז יעצט נור אין קבר!...
דער בויך געשוואָלען פון די וואסער,
א וואנץ, א וואנץ — אויף יעדען אבר;
ווי וואָלט איך וועלען רוהיג ליעגען —
פון וואנצען ווייס מען ניט אין קבר...
ווי וואָלט איך וועלען יעצט ניט לעזען,
ניט וויסען גאר פון שווארצע פינטלאך;
אָ, גאָט! אָ, עפּען מיר דעם שארבען —
זאָל דאָרטען בלאָזען קיהלע ווינטלאָך.
אָ, גאָט! ווי גוט ס'איז יעצט צו שטארבען
און ניט א ריהר טהון מיט אן אבר:
גן־עדן — האָט דאָך ניט קיין שרייבער,
עס ווייס פון פייפערס ניט — דער קבר!

דער לעבעדיגער.

ראָמאנס וואָס איך האָב וועגס אויפגע־שריעבען. איהר מעגט עס מיר גלויבען אויפ'ן וואָרט. אמן.

עס בלאָנדזשעט אום א יונג ביים ברעג
און קוקט אריין אין וואסער
און וואָס ער קוקט אלץ מעהר אריין
דאָס ווערט ער אלץ מעהר בלאסער.

עס קוקט דער יונג, ווי אייגער זאגט:
„איך האָב ניט ליעב דאָס נאַסע“
עס איז דער יונג געוויס — קלעהר איך —
א העלד פון אונזער ראסע...

א האלד אפּ אין 180 סטענטאן סטריט. ווער עס קומט איינמאָל אין „פּייער
מוז קומען אלע מאָל, אפילו די פּאָליציי איז מאכטלאָז נעגען דעם, ווייל מ'קומט גערן צוליעב זייער גוטער און עהרליכער

# ליעבע פאוויליאן

July 15, 1910

## זיא וויל איהם בעדאנקען.



זי (נאכדעם ווי ער האט זי געראטעוועט פונ'ם וואסער): — מיין הארץ איז אי־בערפילט מיט דאנקבארקייט צו אייך, מיין טהייערער רעטער, כ'מוז אייך צוקושען!...

ער: — מוחל, מוחל!

## אויף'ן ברעג פון ים

ראמאנסען.

פון העל־פען.

.1

פאלט די זון אין ים אריין,
ווערען רויט די וואלען.
נעמט א רויטע בענקעניס
אלעמען בעפאלען.

פלאמט די זון, די וואלען אייך
און די הערצער פלאמען
מיידען, יונגע בחורים,
באדען זיך צוזאמען.

כאפט א יונג, א מיידעלע
לעגט זי אויף די וואלען.
שווימט די מויד און שרייט, געוואלד!
לאזט דער יונג זי פאלען.

.2

און מיט א שיקסע ליעגט ביים ברעג
אנ'איירישער געזונדטער.
אך! זי איז בלייך ווי ווייסע קרייד,
און ער איז רויט ווי צונטער.

נו, גלעט זי איהם די מארדיטשקע
און ער קוקט אויף איהר שערצעל...
יא, ער — די גרויס אנ'אייכען־בוים,
און זי — די גרויס א——וואנץ.

.3

די זון איז פערגאנגען אין מערב־זייט ים
דאס וואסער ווערט רגע־ווייז בלאסער
עס שטעהט זיך א מיידעל — א פעסעלע
שמאלץ
און פליסקעט זיך פרעהליך אין וואסער.

דאן קומט זיך א בחור און קיצעלט די מויד
און שמייכעלט אזוי נאר אויף „פראבע",
דערלאנגט איהם דאס מיידעל א כמאל
אין דער פרעס
דאן קומט איהם צו חלום זיין באבע...

.4

די זון איז שוין זייט לאנג אוועק
עס רוישט דער ים — גלייך שרייט ארויס

---

## די פערבלאנדזשעטע אין פארק

נייער מאדערנער ראמאן אין 5 טהיילען, מיט אן עפילאג און א מוסר.

ערשטער טהייל.

### זיי פערבלאנדזשען.

און זיי זיינען ביידע פערליעבטע גע־ווען, שטארק פערליעבטע, און זיי זיינען איינמאל אין א פערשוויצטען פאר־נאכט אין א פארק ארויסגעפאהרען און זיי האבען פערבלאנדזשעט. (וועלכע געליעבטע בלאנדזשען דאס ניט?)

צווייטער טהייל.

### זיי קעהרען ניט און קושען זיך.

און זיי האבען ניט געקעהרט (וועלכע פערליעבטע קעהרען דאס יע?) און זיי האבען זיך אונטער א שאטענדיגען בוים

דריטער טהייל.

### זי ווערט אונרוהיג און ער קושט.

און זיי זיינען זיך אזוי געזעסען אין דעם טיעפען גרינעם גראז און זיך געקושט ביז מערי (אזוי האט זי געהייסען) האט זיך פלוצלונג דערמאהנט און א פרעג גע־טהון:

— דזשעק! (אזוי האט ער געהייסען) ווייסט ניט וואו מיר זיינען?

— ווער ווייס! — האט דזשעק גע־ענטפערט — און האט זי ווידער געקושט (אלע פערליעבטע ווייסען ניט וואו זיי זיי־נען).

פיערטער טהייל.

### זי ווערט נאך אונרוהיגער און ער קושט ווייטער.

און עס זיינען פערשוואונדען א פאאר שטונדען, האט ווידער געזאגט מערי צו דזשעק'ן: — דזשעק! וואס וועט זיין? איך שרעק זיך...

האט דזשעק געענטפערט — וואס

פינפטער טהייל.

### זיי זיינען זיך ביידע מייאש און קושען זיך.

און די נאכט האט ארומגענומען מערי'ס און דזשעק'ס קאפ און האט געמאכט פון זיי איין קאפ. זי האט קוים געשעפטשעט:

— דזשעק... דזשעק, וואס וועט זיין?

נור דזשעק האט זיך אפנים אינגאנצען מייאש געווען און האט געהאלטען אין איין קושען.

---

### עפילאג.

אין 9 מאנאטען ארום האט מערי גע־האט א אינגעל, און דזשעק האט געמוזט מיט איהר חתונה האבען.

מ ו ס ר: יונגע מענשען! פאהרט נית אין פארק, און טאמער פאהרט איהר יע, בלאנדזשעט ניט. און טאמער, בלאנד־זשעט איהר יע, טא קושט זיך ניט. און טאמער קושט איהר זיך יע, טא קושט זיך אויף שנעל און זעהט געפינען דעם וועג. ווארום ווען ניט, זהט איהר דאך, צו וואס

# טהעאטער טע(מ)פּעל




## אונזערע מענענדזשערס טרויערען אויף טאָלסטאָי׳ען.

### וואס זיי קענען ניט דורך איהם איצט מאכען קיין געלד ווי די צייטונגס־ארויסגעבער און אנדערע ביזנעס־לייטע.

## אַן אָפּענער בריעף צו מאָריס ראָזענפעלד

ליעבער מאָררים!

היינט זונטאג, דעם 20טען נאוועמבער, האב איך איבערגעלייענט דיין פעליעטאן „בעריל דער פיסקאטער" אין „פארווערטס". יאנאווסקי זאגט אז דאס האסטו געמיינט „אונז" די „יונגע" איך אבער גלויב דאס ניט. נאר אפילו עס זאל יא אמת זיין אזוי, וואלט עס מיר אויך ניט געוואונדערט וייל — ווי זאגט דער עולם „אז עס בייסט קראצט מען זיך" וואס מיך אבער הארט איז א גאנץ אנדערע זאך. צווישען אונז גערעדט ברודער מאָררים,. מוז איך דיר אויסזאגען דעם ריינעם אמת. דיין פעליטאן טויג דאס מאל אויף ניין און נייינציג כפּרות. מיט א פּאר יאהר צוריק — יא ממזרוק איינער, דאמאלס האסטו געשריבען איצט אבער..... בע — איך רעד שוין ניט וועגען די לעצטע ליעדער דיינע. דו אליין וועסט דאך צוגעבען אז זיי טויגען ניט. נאר וואס דען, מען דארף דאך משה׳ן פערשטאפּען דעם פּיסק — גראמט מען: „פּרה׳ן מיט דארען" „משה׳ן מיט „גושן׳ אבי א ליער. הא?... אט דאכט זיך מיר, איך זעה ווי דו שמייכעלסט. אי דו גנב דו... ווי איך פערשטעה עס דיך גוט. „ליעדער־שמיעדער... ווייס איך וואס... געלד, געלד!" איא אזוי.... נאר זעהסטו מאָררים דאס קען מען דיר נאך ענטשולדיגען, דען וואס „ליעדער" איז שוין ניט פאר דיר. צו ליעדער דארף מען זיין „יונג" פערשטעהסט דאך וואס איך מיין.... אבער א פעליטאן... און דוקא א פּיסקאטען?... איך זאג דיר מאָררים עס האט מיר פּראסט א טשיאך געטהאן אין הארצען. אזוי ניט קענען מעהר... זאל דער אויבערשטער אויסהיטען. און יא אויף טשיקאוואשטש אין וואס איך האב זיך בשעת לייענען דערמאהנט

הא־הא־הא! מענסט עס הערען מאָררים. אין ווינער „וואורשטעל־פּראטער" איז עס געווען. א מעשה מיט א בלעכענעם פּאיאץ. אט זעה איך איהם נאך אזוי ווי איצט וואלט עס געווען — אויפ׳ן קאפּ א הויכען קאשקעט מיט גלעקלאך און פּרענזלאך. איבּנים א פּאר גרויסע ארויסגעשטאר־טשעטע אויגען, א ברייטען ווייט פאנאנדערגעעפענטען מויל און פּארענט אויפ׳ן בויך פּיער מעשענע קנעפּ. יעדער קנאפּ די גרוים פון א ׳גולדען" (דו׳ ווייסט דאך וואס א גולדען איז? דער־מאן זיך... גאליציען...) און יא, ביי יערען קנאפּ אויף דער זייט איז געווען אן אויפשריפט מיט דעם נאמען פון א חיה. א חזיר א הונד. אן עזעל און א שניידער.

אנו מאָררים, ווי געפעהלט דיר דער דאזינער פּארשוינדעל?... הא? גאר א וואויל פארשוינדעל אהה? — ווארט־זשע, וועסט עפּעס הערען. שטעה איך מיר אזוי און בעקוק דעם חברה־מאן און ווייס ניט וואס דאס איז. גלאט אזוי, ער געפעלט מיר. פּלוצלונג אבער — איך ווייס ניט פון וואנען — א חברה ארום מיר ווי פון דער ערד ארויס געוואקסען. בוכטשעס פון איינעם צום צווייטען פליעהען ווי רעוואלווער־קוילען. ׳איך דער ערשטער" טהוט איינער א געשריי: ניין איך דער ערשטער שרייט א צווייטער. ׳איך דער ערשטער" שרייען אלע צוזאמען איך טהו א קוק אויף דער חברה „שלעכט, מען דארף זיך אבטראגען" אבער דא האלט! איינער האלט מיך שוין ביים לאץ דער צווייטער ביי די ארעם דער דריטער ביים..... און אלע צוזאמען אזוי ווי מיט איין קול: „א גרייצער אבער א טויט" א גרייצער אדער — (דו ווייסט דאך מאָררים וואס א גרייצער איז׳ דער־מאן זיך, גאליציען....) אויב ניט מעהר טהו איך בשעת מעשה א קלעהר זייגען זיי דאך גרויסע בהמות. נאט אייך א גרייצער און פּטור פארטיג מיט אייך? הא? איא אזוי? זאגט אבער דער עולם „אז מען לאזט א הונד שפּרינגען אויף דער באנק, שפּרינגט ער אויפ׳ן טיש" א כלל, כ׳האב יעדערען בעזונדער געמוזט דערלאנגען א גרייצער און אלע צוזאמען האבען זיך א לאז געטהאן צו דעם בלעכענעם חברה־מאן. און ווידער דאס איינענע. די אייגענע בוכטשעס די אייגענע געשרייען. איך שטעה און ווייס נאך אלץ ניט וואס דא איז. אזוי לאנג אזוי ברייט ביז דער גרעסטער צווישען זיי האט א הויב געטהאן א האנד און איינער פון מיינע גרייצערס האט א קלונג געטהאן אין דעם פּיסק פון דעם בלעכענעם „דזשענטעלמען" און ראן א דרוק ביי דעם קנאפּ אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעשריבען „א חזיר" און דא איז

ווען איהר ווילט געלד שיקען, שיפסקארטען און באהן־קארטען קויפען אדער געלד אין יוראפּ איינקאסירען — געה אוערבאך און גאלדבערג פון 129 ריווינגטאן סט., וואו יעדער ווערט צופרידענגעשט

# טהעאטער טע(מ)פעל

טשערנאוו דער רוסישער אקטיאר וואס איז ארויסגעטראטען אין ליפצין טהעאטער אין „מעשטשאניע" האט גערעדט רוסיש.

איינער אלס וואס האט איהם געהערט האט בעמערקט „ נאך וואס רעדט טשערנאוו רוסייש, אז מען זאל דערקענען אז ער איז א איד, בעסער וואלט ער גערעדט אידיש וואלט מען געווים געדענקט אז ער איז א גוי.

---

בערנארד, א פראנצויזישער דראמאטורג האט אנגעשריבען א דראמא אין עספעראנטא.

גוים האבען דאס מזל! ניכאי וואלטען אונזערע דראמאטורגען אויך געשריבען אין עספעראנטא.

---

טהאמאשעפסקי. — שפיעלט צו זיין בענעפיט „הונגער".

הפנים ער דענקט מיט דעם צו שטילען דעם הונגער פון די קונסט־שמעקער אין זיין טהעאטער.

---

וואס„ א משומד" קען, פערכאפט די „קארטען" און אנטלאפען!

---

## פון א געשפרעך אין ליפצין טהעאטער.

ביי דער אויפפיהרונג פון „אשמדי".

ערשטע אינטעליגענטקע: וואס איז דאס פאר א פליי איך פערשטעה קייןווארט ניט!

צווייטע אינטעליגענטקע: אבער איך האב דיר געזאגט אז מיר זאלען ניט געהן צו א בענעפיט...




## אונזערע מענענדזשערס טרויערען אויף טאלסטאי'ען.

י קענען ניט דורך איהם איצט מאכען קיין געלד ווי די צייטונגס־ארויסגעבער און אנדערע ביזנעס־לייטע.

---

## ר בריעף
## ים ראזענפעל

דעם 20טען נאוועמבער, ־געלייענט דיין פעליעטאן. אטער" אין „פארווערטס". דאס האסטו געמיינט „אונז" ד גלויב דאס ניט. נאר אפילו ן אזוי, וואלט עס מיר אויך ייל — ווי זאגט דער עולם ט מען זיך" וואס מיך אבער אנדערע זאך. צווישען אונז רריס, מוז איך דיר אויסזאת. דיין פעליטאן טויג דאס ניינציג כפרות. מיט א פאר טמזרוק איינער, דאמאלס האבער.... בע — איך רעד לעצטע ליעדער דיינע. דו ונעבען אז זיי טויגען ניט. ארף דאך משה'ן פערשטעען ט מעז „פרה'ן מיט 'ארען" בי א ליער. הא?... אט דאכט י דו שמייכעלסט. אי דו גנב טעה עס דיך גוט. „ליעדער־ יך וואס... געלד, געלד!" איא מאררים דאס קען מען דיר

נאך ענטשולדיגען, דען וואס „ליעדער" איז שוין נים פאר דיר. צו ליעדער דארף מען זיין „יונג" פערשטעהסטט דאך וואס איך מיין.... אבער א פעליטאן... און דוקא א פיסקאטען?... איך זאג דיר מאררים עס האט מיר פראסט א טשיאך געטהאן אין הארצען. אזוי נים קענען מעהר... זאל דער אויבערשטער אויסהיטען. און יא אויף טשיקאוואשטש אין וואס איך האב זיך בשעת לייענען דערמאהנט

חא־חא־חא! מענסט עס הערען מאררים. אין ווינער „וואורשטעל־פראטער" איז עס געווען. א מעשה מיט א בלעכענעם פאיאץ. אט זעה איך איהם נאך אזוי ווי איצט וואלט עס געווען — אויפ'ן קאפ א הויכען קאשקעט מיט גלעקלאך און פרענזלאך. איזפנים א פאר גרויסע ארויסגעסטארטשעטע אויגען, א ברייטען וויט פאנאנדערגעעפענטען מויל און פארענט אויפ'ן בויך פיער מעשענע קנעפ. יעדער קנאפ די גרוים פון א 'גולדען" (דו ווייסט דאך וואס א גולדען איז? דערמאן זיך... גאליציען...) און יא, ביי יעדען קנאפ אויף דער זייט איז געווען אן אויפשריפט מיט דעם נאמען פון א חיה. א חזיר א הונד. אן עזעל און א שניידער.

אנו מאררים, ווי געפעהלט דיר דער דאזיגער פארשוינדעל?... הא? נאר א וואויל פארשוינדעל אה? — ווארט־זשע, וועסט עפעס הערען. שטעה איך מיר אזוי און בעקוק דעם חברה־מאן און וויים נים וואס דאס איז. גלאט אזוי, ער געפעלט מיר. פלוצלונג אבער — איך ווייס נים פון וואנען —

א חברה ארום מיר ווי פון דער ערד ארוים געוואקסען. בוכטשעס פון איינעם צום צווייטען פליהען ווי רעוואלווער־קוילען. 'איך דער ערשטער" טהוט איינער א געשריי: ניין איך דער ערשטער שריים א צווייטער. 'איך דער ערשטער" שרייען אלע צוזאמען איך טהו א קוק אויף דער חברה „שלעכט, מען דארף זיך אבטראגען" אבער דא האלט! איינער האלט מיך שוין ביים לאץ דער צווייטער ביי די ארעם דער דריטער ביים..... און אלע צוזאמען אזוי ווי מיט איין קול: „א גרייצער אבער א טויט" א גרייצער אדער — (דו ווייסט דאך מאררים וואס א גרייצער איז־ דערמאן זיך, גאליציען....) אויב נים מעהר טהו איך בשעת מעשה א קלעהר זיינען זיי דאך גרויסע בהמות. נאט אייך א גרייצער און פטור פארטיג מיט איך? הא? איא אזוי? זאגט אבער דער עולם „אז מען לאזט א הונד שפרינגען אויף דער באנק, שפרינגט ער אויפ'ן טיש" א כלל, כ'האב יעדערען בעזונדער געמוזט דערלאנגען א גרייצער און אלע צוזאמען האבען זיך א לאז געטהאן צו דעם בלעכענעם חברה־מאן. און ווידער דאס איינענע. די איינענע בוכטשעס די איינענע געשרייען. איך שטעה און ווייס נאך אלין ניט וואס דא איז. אזוי לאנג אזוי ברייט ביז דער גרעסטער צווישען זיי האט א הויב געטהאן א האנד און איינער פון מיינע גרייצערס האט א קלונג געטהאן אין דעם פיסק פון דעם בלעכענעם „דזשענטעלמען" און דאן א דרוק ביי דעם קנאפ אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעשריבען „א חזיר" און דא איז

עפעס געשעהן, ביי וואס איך בין פראסט פערגליווערט געווארען פון שטוינען. דער בלעכענער בחור האט זיך דערלאנגט אווארף צו דער ערד, זיך אנגעהויבען קייקלען אין בלאטע און קוויטשען— אבער איך זאג דיר מאררים פונקט ווי א חזיר, עס זאל פעהלען א האר, אזוי אמת'דיג חזיר'יש געקוויטשעט, פראסט ניט צו דערקענען, צו איז דאס א מאשין צו אן אמת'ער חזיר?

איין גרייצער נאכ'ן צווייטען זיינען אזוי אריינגעפלויגען צו דעם בלעכענעם אין פיסק אריין א דריק געטהאן האט מען ביי איינעם פון זיינע קנעפ און ער — געקוויטשעט ווי א חזיר. געבילט ווי א הונד. געשריען ווי אן עזעל און געלאכט ווי א שניידער....

איא מאררים דו האסט ליעב גרייצערס. איך האב ליעב די גרייצערס אקוראט אזוי ווי דו און אפשר נאך אביסעלע מעהרער.... נאר דאמאלס האב איך גאר קיין חרטה ניט געהאט אויף די גרייצערס... איא א וואויל פארשוינדעל מאדריס, דער בלעכענער פאיאץ? נאר א וואויל פארשווינדעל? הא?.... וואס זאל איך דיר זאגען איך בין שעיר ניט צופלאצט געווארען פון געלעכטער. ווי לאנג אבער איז דאס שיעור לאכען. אפגעלאכט אוועקגעגאנגען און אלל־רייט.... הא? כאפ'זשע נים. מיט א יאהר שפעטער קום איך מיר אזוי ארום אין דעם איינענעם „וואורשטעל־פראטער" (שוין אין גאנצען פערגעסען געהאט די מעשה) פלוצלונג איך דרעה זיך אום און וואס? איך גלויב

פארזעטצונג אויף פיידזש 15).

הרווילט געלד שיקען, שיפסקארטען און באהן־קארטען קויפען אדער געלד אין יוראפ איינקאסירען — געהט צו די בעקאנטע באנקירען
אורבאך און גאלדבערג פון 129 ריווינגטאן סט., וואו יעדער ווערט צופרידענגעשטעלט.

## או אפענער בריעף צו מאָריס ראָזענפעלד.

(פארזעטצונג פון פיירזש 10).

סיינע איינענע אויגען ניט: דער בלעכענער פּאַיאַץ נאָר, וועה איז מיר, ווי אזוי דער קערל זעהט דאָס אויס. דער פּנים פערקרומט צעראַפּעט די אַקסעל דער בויך צובויגען — די פיס — אוי גאָט מיין גאָט אין גאַנצען צוהרג'עט... נעבאך. ווער ווייס וויפיעל מאָל ער האָט זיך דאָס פאר א גרייצער געקייקעלט — אין דער בלאָטע. ארימער פּאַיאַץ! און פאר גרויס רחמנות נעהם איך ארויס א גרייצער (דו ווייסט דאָך מאָריס וואָס א גרייצער איז, דערמאָן זיך, גאליציען...) און זאָל ער זיך פרעהען... נאָר אויב שוין אריינגעווארפען א גרייצער מעג מען דאָך א דריק טהאָן ביי אַ קנאָפּ אויך. טהו איך א דריק ביי דעם חזיר און האָפּ! דער בלעכענער בחור טהוט זיך א ליינג אוועק און קייקעלט זיך „אבער אזוי לייטיש, נור קוויטשען — לא מיט אַ ספּאָדיק! וואָס איז דאָס? פרעג איך דעם באַלעבאָס זיינעם. דער מכור קוויטשעט דאָך ניט? „הם..." מאַכט ער און פערנייגט זיך מיט אַ שטייכעל: „הם...." איהר ווערט עגט — — ענטשולדיגען. די ספּראַנדושינע דיפערער הייסט דאָס אין ביי איהם פערזשאווערט געוואָרען.. אַזוי? די פעדער? און איך פיהל ווי מיין בלוט הויבט זיך אָן צו קאָכען אין מיר. אזא גוטע קלעהר איך. ביי זיין פּאַיאַץ די פעדער פערזשאווערט און ער נאַרט אויס די גרייצערס ביים עולם.... דאַ אבער פאַלט מיין בליק ווידער אויף דעם פּאַיאַץ און מעהר האָב איך ניט בעדאַרפט. איך האָב שוין פון מיין לאַכען פערשפּאַרט דעם אָטהעם צו כאַפּען.

נאָר איידער איך בין אוועקגעגאַנגען האָב איך נאָך דעם באַלעבאָס זיינעם איינגערעדט א סוד אין אויער אריין. הערט! זאָג איך צו איהם. איך בין א געטער איך פערלאַנג מיין גרייצער ניט צוריק נאָר אז איהר וועט אַנמעלדען אויף א בייזען אַמאָל וועט איהר שלאָגען פאַהרען... האָבזשע זאָל איך מהאָן פרעגט ער האָלב פערבלוטשט.

וואָס? תּשׁובֿה! אַ פּראָפעסיאָנעלער פּאַיאַץ פערקויפט כען אין אלטען אייזען אדער מ'וואַרפט איהם ארויס אויף א ריין אָרט... יאָ אַנטשולדיגען וואָס איך האָב דיר דאָס דערצעהלט. כאָטשיך? ניין... גלאָט אזוי זיך. בעת איך האָב דיין פּאַליטאַן געלייענט האָב איך זיך דערמאָהנט אין דער ראָזינער מעשה...

מיט פריינדליכען גערוס און דרך ארץ,
דיין

מ. ל. האַלפּערן.

נ. ב. אַ גרוס דיר פון אונזער קאַלעגע בליגקין.

---

זעהט נור וואָס פאר א ווערען מען מאַכט דאָס פון דעם טאָלסטאָי, ער איז דען געוועזן א איד?

(פון א אידענע'ס מענה־לשון).

---


נ יט קיין קיבעץ! ניט ק

א זעלטענע געלעגענהייט

דארפט איהר קויפען א פּיאַנאָ? שניידט אויס דיזען אדווערטייזמענט און געהט צו דער בע... רעיעלער פּיאַנאָ־פירמא פון א. וו. פּערלמאַן, פון 414 גרענד סטריט. קלייבט אויס א פּיאַנאָ... אַפּ־טו־דייט פּיאַנאָס, ציינט דעם אַדווערטייזמענט—און איהר וועט קריגען אַ רעדאַקשען 10% פון...

סיימאַן אַקערמאַן

דער בעוואוסטער קלאָדהיער

— פון —

49 קאַנעל סטריט, נויארק

לאדעט איין אלע לעזער און פריינדע פון „קיבעצער" צו בעזוכען זיין־סטאָר וואו ער האָט אנגעגרייט פאר זיי א רייכען, פראַכטפאָלען סטאָק פון ווינ־טער־סוטס און אָווערקאָוטס.

Simon Ackerman, 49 Canal Street

דר. ה. עליאַוויטש

דענטיסט.

301 איסט 101טע סטריט.

דער בעריהמטער

מאָקאָבייער דענטיסט.

A. PULLMAN

122 Delancey Street New York

טהעאטער איידזשענט

בעסטע מאַלענט גערפאַרנישט פיר

מאָזינג פּיקטשורס און וואָדעוויל.

ספּעשעל פיר קאָנצערטס

ווען איהר זוכט באַרגיינס

זוכט ניט פאר אייערע אויגע...

בילינע ברילען פון א באַרניין־סטאָר וועט אייך מיט... טהייערער, און אַ צונאָב וועט איהר האָבען שטענדיג... זעהען ווי עס דאַרף צו זיין...

מיינע פרייזען זיינען ס...

קיינע באַרגיינס

1.00 דאָלאר ברילען האָבען דאָס...

2.00 דאָלאר ברילען האָבען דאָס...

3.00 דאָלאר ברילען האָבען דאָס...

קיינע ברענטשעס

BECKER, Optometrist anp Optician

Tel. 2365 Orhcard



די בעסטע הויזען פאר

די בילינסטע פרייזען

קריענט איהר

געמאַכט צו אָרדער

— ביי —

דזשאַזעף סטערנפעלד,

42 קלינטאָן סטרים.

די סטייט...

אָפען יעדען אָב...

אויסער זונטאָ...

מאָקאָבייער

ערשטער קלאַס

מילכיגער

רעסטאָראַנט

און לאַנטש רום

אין דעם סאַמענדסטען און בעסטען פּלאַץ

אויף דער איסט־סייד.

L. SCHOENFELD

30 RIVINGTON ST.,

Near Forsyth St., New York

קויפט ביי די בעוואוסטע

יוניאָן קלאָדהיערס און טיילאָרס!

ליווי בראָס.

53 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק

פרייזען די בילליגסטע

לייטעסט סטיילס

Levy Bros., 53 Canal Street, N. Y.

דיא יוניאָן פאָטאָ־ענגרייווינג

111 נאַססאָו סט.

מאַכט אלע קאַטס פאר דעם

קיבעצער

ווי אונזער ארבייט קומט ארויס, קענט איהר זעהען מאַקע אין „קיבעצער". וואו מאַכט איהר אייער ארבייט?

UNION PHOTO-ENGRAVING

111 Nassou St., N. Y.

קיבעצען קען מען אויף יעדער פּיאַנאָ, אבער שפּיעלען מוז מען אויף א ריכטיגען אינסטרומענט, און דאָס קענט איהר געפינען אין דער איסט־סייד נור ביי דער בעריהמטער פירמא

ספּעקטאָר, 322 גרענד סט.

...יט די ביליגסטע פרייזען און לייכטעסטע אבצאָהלונגען.

J. SPECTOR, High Grade Ptanos and Fire Proof Safes, 322-324 Grand Street

Jan 13, 1911

# ליעבע פאוויליאן

א משוגעת"
וגעים פער־

סטער בלינ־
זעהען" און
ר ערגסטער
ואקע בלינד.

קענען קיין
וואלט גע־
ז די פרויען
א סוד —

ע מויד טאר
איך וואלט
אוס'ע מויד

## ס'העלפט ניט...



(א סצענע אין א דאקטאר'ס אפיס)

ז י : וואס טהוט מען, הערר דאקטאר? אלע יאהר, אלע יאהר האב איך א קינד... האט איהר ניט עפעס א מיטעל?

דאקטאר: דער זיכערסטער מיטעל איז ניט צו לעבען מיט אייער מאן.

ז י : איך האב שוין דאס אויך געפרואווט, נור ס'העלפט ניט.

ישראל אפרת.

## דו פרעגסט מיך.

(א סאפראדזשעטקע געווידמעט).

דו פרעגסט מיך טאכטער צו איך קען
א שעהנעם לעבען מאכען;
ניין, מיין קינד, דאס קען איך ניט,
איך טויג ניט צו די זאכען.

נור הער איך האב א גוטען פלאן,
און אויסנאהם, בנאמנות:
די ערשטע וואך מיר לעבען זיך,
אויף חתונה מתנות.

א בעט, א טיש, א זאלץ־ברעטעל
עס וועט מסתם ניט פעהלען;
א רייכע מוהמע האסטו דאך —
א פעטער אויך א געלען.

און שפעטער אויך, עס מאכט ניט אויס,
אבי א לעבען פיהרען;
דו וועסט צוריק צו ניע־פענטס געהן,
און איך וועל ראמאנסירען...

---

## ...אפער

פליישמאן.

איך בין דא אנומעלט,
ין סטריט,
עשלעפט ווי א שאטען,
, מיעד.

, ניט לאנג ערשט פער־
ינדליכען טאן; הייראטה
ויך היינט אויף „סאפער" —
אם באלד אן...

ערזעה באלד א ווייבעל,
רליך פריש.
יג־פרום א פאר בליקען,
שוין צו טיש.

רייצענדע ריחות,
: — עסט!

און ער — ציהט ארויס א פאפיער פון זיין בוזים,
און עפענט די ליפען און — לעזט...

איך עס אפעטיטליך, ער לעזט מיט התלהבות;
אקעגען א שעה איז אוועק.
איך בין שוין א זאטער, אויך ער האט געענדיגט;
דאן טהוט דאס פאר פאלק מיך א פרעג:

„נו ווי־זשע געפעהלט אייך — מיין קאכען — מיין שרייבען?
נור שעהמט אייך ניט, זאגט צו עס טויג!"
זי פרעגט מיט א מינע האלב שמייכעל, האלב ערנסט;
און ער — מיט א נייגיעריג אויג...

איך בלייב אויף איין רגע אזוי ווי צוטומעלט:
וואס ענטפערט מען דעם „אידיאט"?
דאך פאלט מיר אין קאפ אריין באלד א מחשבה,
און שטיל ראם איך איין איהם א סוד:

הנאה געהאט האט מיין גוף פון דער סעודה,
ווייל כ'הונגער שוין עטליכע טעג...
מיין גייסט אבער האט זיך היינט איבערגעזעטיגט,
איך קום ערשט פון ביבליאטהעק...

סהייק־מאזלי־עד־דין סאאדי.

## דער בויך

ווען מאכען וואלט זיך גאט א שפאס דעם בלויען הימעל—
מיט א שווארצען סמאלע־פלאסטער צו פערקלעפען:
דאן וואלטען מיינע אויגען ערגעץ אנדערש קוקען.
און וואלט אונז אונזער גאט די „מוזיק" ניט געגעבען;
מיין אויער קען אהן פיעדעל־שפיעל אויך לעבען.
עס וועט מיין נאז צו שבעה זיך ניט זעצען —
ווען ער וועט אויך קיין רויזען־דופט ניט שמעקען;
און נעהמט מען מיר אוועק די קישענס פון געלעגער,
עס קען דער הארטסטער שטיין מיין הארטען קאפ
ניט שרעקען
און שלאף איך איין, קען קיינער מיך פון שלאף ניט וועקען.
און וויל קיין איינציג מיידעל זיך צו מיר ניט לעגען
איז — הארציג מיינע איינ'נע הענד ארום גענומען.
נאר איינס: דער בויך! דער בויך! — א קלאג איז
צו מיין לעבען —
„פרעסען!" הערט ער גאנצע טעג ניט אויף, צו ברומען
„פרעסען!" הערסטו הונד! א טויט וועט אויף דיר קומען!"
פון פערזישען העל—פען.

---

נייע

אכט.

אום שטאר־
רייען, מיין
קאפע...
נען די באר־
זייערע סינ־
מה איז אן

רא אין מיר,
אפע־הויז איז
ויבט מיינע

טרוימען.

א, קאפע! ווי מואס זי איז מיר און ווי ליעב איך האב זי — מיין ליעבע, עס איז א קאלטע קאפע...

איך וויל ניט פון קיין צוקונפטיגע גליקען! צוקונפטיגע גליקען — הייסט זיך לעגען שלאפען אין דער צייט און מארגען געהן אין צייט צו דער ארבייט.

דאס איז טאקע דער אומגליק מיט, וואס איך ליעב ניט קיין ארבייט — איך בין די ארבייטס־לאזיגקייט אליין.

די קרוין פון מיין גליק איז — די שלאפלאזיגקייט...

נאכט: נור יעצט אנטלויפען די מע־נער פון זייערע פרויען...

נאכט! איך האב דיך ליעב, ביי דיר ערשיינען ניט קיין אידישע צייטונגען!

א, ווי איך האב ליעב די פינסטערניש און ווי איך האב פיינד די „זונען".

מיר האבען גענוג „זונען", וואס דרע־הען זיך אין פוסטער ברייטקייט.

מיר האבען גענוג „זונען", וואס לייכ־טען בלויז פאר די פינסטערלינגע.

אט אין דעם ליעגט דער סוד פון פאמפאדור'ס שנאה צו דער ליכטיגקייט.

א, די ליכט פערשפרייטער אין אונ־זער קווארטאל!

ליכט פערשפרייטען ביי אונז, הייסט בעלייכטען די טיעפענישען פון די פא־קעטס פון דער מאסע און ארויסציהען פון דארט די פענעס.

מיט סענסיישאן, מיט בלאף, מיט פויקען קלאפעריי טראגט זיך זייער ליכט פאר די מאסען.

א, ווי עס שילסען זיך מיינע אויגען פאר זייערע ליכט־אפאראטען.

קאלט איז מיר זייער ליכט, זיי וואר־מען בלויז זייערע אייגענע רומקעס, דע־רום איז מיר קאלט מיט זיי.

נאכט: יעצט פערטרויע איך מיינע ליידען דעם גענעץ, מיין גאנצע נשמה איז א פוילער גענעץ.

עס זיינען דא מענשען וואס ארביי־טען נאך יעצט אווער־טיים.

אויך מיין גייסט ארבייט שוין יעצט אווער־טיים.

אזוי האט געזונגען פאמפאדור.

דער לעבעדיגער.

Jun 27 1911



# ליעבע פּאַוויליאָן

## אַלט-מאָדישער הומאָר

בעריל. — וואָס מאַכסטו ?

שמעריל. — גאָר ניט.

בעריל. — גאָר ניט מאַכען איז דאָך שלעכט.

שמעריל. — עס איז ניט אזוי שלעכט. איך האָב שוין אין דער צייט חתונה געהאַט.

בעריל. — חתונה האָבען איז דאָך גוט.

שמעריל. — עס איז ניט אזוי גוט, דען איך האָב אָנגעטראָפען א ווייב א מרשעת.

בעריל. — אויב'אַ מרשעת איז דאָך שלעכט.

שמעריל. — עס איז ניט אַזוי שלעכט, דען זי האָט מיר געגעבען 500 דאָל. נדן.

500 דאָלאר נדן איז דאָך שוין וויע־דער גוט.

שמעריל. — עס איז ניט אזוי גוט, דען פאר די 500 דאָלאר האָב איך גע־קויפט א הויז, און עס איז פערברענט גע־וואָרען.

בעריל. — פארברענט געוואָרען, איז דאָך ווידער שלעכט.

שמעריל. — עס איז ניט אזוי שלעכט דען דאָס הויז איז געווען אינשורט, האָב איך צוריק געקראָגען מיין געלד.

בעריל. — צוריק געקראָגען דאָס געלד איז דאָך וויעדער גוט.

שמעריל. — עס איז ניט אזוי גוט, דען עס איז דאָרט געווען פאר 500 דאָל. חפצים, וואָס זיינען ניט געווען אינשורט.

בעריל. — איז דאָך וויעדער שלעכט.

שמעריל. — עס איז שוין גאָר ניט שלעכט, ווייל אין דער שרפה איז מיין ווייב אויך פערברענט געוואָרען.

ישראל אַקסעלראָד.

## א כלה פון שבועות.

דזשאָדזש: זינט ווען זיינט איהר ענגיידזשד ?

מיידעל: פון שבועות [illegible].

דזשאָדזש: וואָס איז דאָס אזוינס ?

מיידעל: שבועות איז ווען גאָט האָט געגעבען די תורה צו די אידען.

דזשאָדזש: און פון דאמאלס אָן זענט איהר חתן־כלה. און איהר האָט נאָך ניט חתונה געהאט ? !

## אַ נאַסע איפּנאהמע...



פרוי פון פערשוואונדענעם מאַן (וואַשענדיג וועש און וויינענדיג): הלואי וואָלט ער אַזוי פערשוואַרצט און פערפינסטערט געוואָרען ווי איך ביי די וועש. אַ קלאָג צו איהם!



פרוי פון פערשוואונדענעם מאַן (אַרומכאַפּענדיג איהר פלוצלונג ערשיענענעם מאַן): אַי בעריל! אַ געזונד אין דיר, מיין ליעבינקער, מיין טהייערער, אַוואו ביזטו געווען ! ! !

## ביים פענסטער

מיר זיצען ביים פענסטער — א קלאָהר־ווייסע וועלט
די וועלט איז מיין ליעבסטע פיעל קלאָהרער פון קלאָהר
זי שמייכעלט און נעהמט ביי מיר צו מיינע הענד
זי גלעט מיט מיין לינקער איהר לאָקיגעם האָהר,
עס ציטערט איהר קוש אויף מיין רעכטער
א קוש — און א הארציג געלעכטער

זי לאַכט, און די ציינדלאך איהרע, אוי גאָט,
עס ווערט מיר אין הארצען אזוי פיינליך און גרינג
נאָר פלוצים זי כאַפּט מיינס א פינגער און בייסט
און וואלט איהם ניט שיצען מיין גאָלדענער רינג
וואָלט זי מיט א ריינעם געוויסען
מיין ארימען פינגער צוביסען.

העל—פען.

וואָס טהוט מען ? וואו ווערט מען אנטרונען?
אָה, אלעס ער נעהמט זיך יעצט שעלטען
ניטא איז קיין וועג זיך צו רעטען
מאָ העלף מיר, אָ, פאטער פון וועלטען

א שטורם, אָ, גאָט, זאלסטו שיקען
און זאל ער די שיפען פערזינקען
און האָט איהר קיין מיתה געכאַפּט דאָרט
מאָ זאל איהר דער וואסער פערטרינקען.

און טאָמער איז שווער דיר שוין איצטער
פאר ווייבער די ים'ען צו שפאלטען
דאן בעט איך דיך, פאטער אין הימעל,
עס זאל איהר כאטש ווילואמס פערהאלטען

מיין אדרעס דו מאך איהר פערלירען
און אפשר גאר גיב איהר טראכאָמע
אבי ז'זאָל אָהער נאָר ניט קומען,
און דאָס, גאָט, וועט זיין מיין נחמה..

## צוויערליי צרות.

מ אָ ש ע: אַ רחמנות אויף מיר, איך האָב א יונגע שעהנע ווייב, איז זי כסדר קראַנק.

י אָ ש ע: אויף מיר איז דער רחמנות נאָך גרעסער. איך האָב אַן אַלטע מיאוס'ע ווייב, איז זי כסדר געזונד.

## תפילות

[...]ם ליעבערמאַן.

1.

[...]כלאנד א שטעדטיל,
[...]יבען פערבאָרגען,
[...] פון נסים,
[...] און בארגען;

[...]עדטיל מיט ווייבער
[...]„לעטערס" וואָס וואַרטען,
[...]לערס און לעבען
[...]ר א הארטען;

[...]עבען זיך אלע
[...]נעס און פייעס,
[...] איז א ציפּע,
[...]ט העזות —

[...]יענער לעבען ?"
[...]ע מיט צאָרן,
[...] פסח בשלום
[...]יועל איך פאהרען,

[...]ען מיט ליפען,
[...]ול פערבלייבען,—
[...]ערער ליפּע
[...]יוועל יעצט שרייבען.

[...]יעבען אזוי דאָרט:
[...] טייערער, גוטער,
[...] גענוג איך:
[...] פייענעם פוטער.

[...]ערט האָט ווייניג,
[...] אין קאַוטע,
[...]דיעט, געוואָרגען,
[...] וואָלטען ניט־גוטע,

[...]מוטה ניט פערלאָרען,—
[...] ניו יאָרק צו ליפען!
[...]ת מיר אזוי לאנג שוין"—
[...] מיט א כליפען.

[...] האָט בעטען
[...]טערע טרעהרען:
[...]יכען און ים'ען,
[...]טער זאלסט הערען!

[...] ניו יאָרק זאלסט ברענגען
[...]נטער בשלום,
[...]ירה געדונגען,
[...]ען אין חלום.

[...] זכות פון די אבות
[...]ן לעבען יעצט שענקען,
[...] מיך דאָרט זעהען,
[...]דאי פון בענקען!...

2.

[...]ט ליפע פון יאָהרען
[...]עהט ער „פער ארדער"
[...]עבען א פיינעם
[...]סטער א בארדער...

[...]זאלט ער א בריוועל:
[...] דיר מיר יעצט פאהרען",
[...]ריוועל האָט ציפּע
[...]ש שוין פערלאָרען!

[...]ועל א צווייטער:
[...]יין שיף אויס'ן וואסער"
[...]דונער דערשלאָגען
[...]ן איז בלאסער.

Feb. 10, 1911



# ליעבע פּאַוויליאָן

## דאָס אַלטע ליעד

ביידע האָבען מיר געזונגען,
וועגען ליעבע, אין די צייטען —
ווען מיר פלעגען—שטאָט מיט קללות
טעגליך זיך מיט קושען בייטען...

דאַמאָלס פלעג מיר ביידע זינגען
ביי דער ארבייט, ביי דער נידעל,
האָבען גאָלדענע חלומות
זיך געוועבט אין אונזער ליעדעל.

ביידע פלעג מיר געהען טאַנצען
קוים עס איז די נאַכט געקומען;
איך אין שוואַרצען שעהנעם סוט'ל,
זי אין דרעס מיט שעהנע בלומען.

אָ, איז דאָס געווען א לעבען,
געהן אויף בעלער, קוסען, בלומען!
ליעבע, ליעבע... ביז מיר האָבען
ענדליך ביידע רומס גענומען...

רומס גענומען;— נייע צייטען
נייע פויגעל — נייע ליעדער
היינע האָט אַזוי געזונגען
און איך זינג עס איצטער ווידער.

איצטער ליגט דער סוד פון אויבען
איך ווער אַלט און זי נאָך עלטער
וואָס מעהר געלד עס פעהלט אויף
קוילען,
ווערען אַלץ די הערצער קעלטער...

נייע צייטען — נייע ליעדער,
איך בין בייז און זי איז בייזיג;
ליעבע־שמיעבע — אַלטע פראַזען,
פינסטער איז אין שטוב און רויכיג.

איך בין אויך ניט דער פון דאַמאָלס
ניט דער גוטער, ניט דער ווייכער;
בעט זי געלד אויף עסען — זאָג איך:
געלד וואָס ווייניגער איז גלייכער...

זאָגט זי אַז זי וועט מיך קלאָגען,
איבער'ן וואַסער מיך פערשיקען; —
וויינט מיין הארץ און איך דערמאָהן
מיך
אין די אַלטע, אַלטע גליקען

ביידע האָבען מיר געזונגען,
ווע[illegible] אין די צייטען —
ווען מי[illegible]עגען — שטאָט מי[illegible]
טעגליך זיך מיט קוסען בייטען.

ר. גראַנ[illegible]

## ווען די סאַפּערדזשעטס וועלען געווינען...

וועט שוין א פריי־ליין ניט פערגיסען אַזוי פיעל טרערען זוכענדיג א חתן.... זי געהט זיך פריי צו א פושקאַרט צו און קלויבט זיך אויס — ווי איהר זעהט — וועלכען נאָר איהר הארץ גלוסט און — און גאָר־ניט... זי טראָגט איהם א היים...




# פערבאָטענע פרוכט.

(פריי נאָך לעסינג)

פון העל־פען.

פאַר־נאַכט — — —
און איידער די זון איז נאָך אונטערגענאַנגען
איז אונזערע אברעמעלע־גנב, — א יונג! —
אריין איז רב משה'עלעס סאַד שטילערהייט...
און גלייך אין דער נאָהענט, פון פאַרקאַן נישט וויית
א בוים מיט די עפּעל די גרעסטע... א שפּרונג!
און קוים מיט'ן אויג צו דערזעהן — ווי א קאַץ
קלעטערט אברעמעל ארויף אויפ'ן בוים.
און גאָר ניט געקלעהרט לאַנג ווער „מיין“ און וואָס „דיין“,
אַזוי ווי א רייכער ביי זיך אין פּאַלאַץ
פערטרוימט אין א טויזענד־איינאַכטיגען־טרוים —
אַזוי ווי אין וויעג־שטוהל אַן'אונשולדיג קינד,
אַזוי אויף דעם בוים זיצט אברעמעל אַצינד — — —

עס שמעקען די עפּעלאַך פיין!...

און חיים רב משה'עלעס איינציגער זוהן,
און רויזע אין שכנות, דעם שוחט'ס א קינד,
זיי ליעבען זיך ביידע א ליעבע אָהן זינד:
עס ווייסען די טאַטעס נאָך גאָר־ניט דאַפון.
זיי ליעבען זיך הערציג — אַנ'עדות איז גאָט:
דרום גנב'ענען ביידע אריין זיך אין סאַד,
און שטעלען זיך אונטער דעם איינענעם בוים
אויף וועלכען אברעמעלע זיצט,
און איבער די עפּעלאַך שוויצט...

דאָך קוים האָט אברעמעל זיי ביידען דערזעהן
א ציטער געטהאַן האָט ער נעבאַך פון שרעק...
ווער ווייסט וואָס מיט מיר וועט אַצינד דאַ געשעהן,
אָ, גאָט! ווי אַנטלויפט מען פון דאַנען אַוועק?
און ביטער צעוויינען האָט זיך איהם פערוואָלט
דאָך פּלוצים דערהערט ער „מיין קרוין־א מיין גאָלד“
ער הערט מיט פערהאַלטענעם אָטהעם זיך איין
„מיין ליעבסטע, מיין גליק, א דו גוטינקע מיין“
אָבי ניט פון עפּעל — און שוין איז דער שרעק
ווי א רוח פון אברעמעלע גנב אַוועק...
אויף גיך האָט ער ווידער אַז אַלעס פערגעסען
און גאָרניט געקלעהרט לאַנג ווער „מיין“ און וואָס „דיין“
ער זיצט אויפ'ן בוים ווי א מייזעלע שטיל
ער שטרעקט אויס א האַנד און ער רייסט מיט געפיהל
אַנ'עפּעל א צווייטען — און פלייסיג געגעסען —

עס שמעקען די עפּעלאַך פיין!...
און אונטער דעם בוים —
פערזונקען אין טרוים
נעהמט חיים'ל רייזלען, הארציג ארום
א גלעט און א קוש — אַזוי אונשולדיג פרום!
דאָס הארץ איז א פלאַם און דער אָטעם איז שוועהר
זיי בויגען זיך ביידע אַהין און אַהער
ביז מיער פאַלען ביידע אַנידער אין גראָז
אוי, חיים'ל! חיים... וואָס טוסטו מיר? וואָס?
אוי חיים'ל מיינער! איך בעט דיך, לאָז אָפּ.
איך שעם זיך. אין גראָז. עס איז פייכט, אוי מיין קאָפּ!
אוי, חיים! דו גוטער! אוי חיים'ל! דו!...
דו — — — — — — — —

וואָס חיים מיט רויזעלע האָבען צוזאַמען
אין גראָז צווישען זיך נאָך געפּלאַפּעלט —
איך ווייס ניט — איך וויל עס ניט וויסען.
ווען ביידע זיך האָבען פון גראָז אויפגעהויבען
געווען איז ביי רויזעלען נעבאַך
דאָס אונטערשטע ליפּעל צעביסען...

„אַזוי, מיין געליעבטער! דאָס הייסט ביי דיר „[illegible]
האָט רויזעלע הויך זיך צעוויינט:
איהר מענער, איהר קומט אונז דאָס לעבען פערזי[illegible]
איהר קענט אַזוי שעהן אונז די קעפּלאַך פערדרי[illegible]
ווי גרויזאַם מיר מוזען דערפאַר אָבער ליידען,
איך האָב עס אַזוי ניט געמיינט...
און דאַן, ווען חלילה כ'וועל אונגליקליך ווערען;
עס וועט עס דער טאַטע די מאַמע דערהערען,
און מיך און מיין קינד? אָ, ווער וועט אונז ערנ[illegible]

„דערווייל האָב איך גאָר קיין מזומן“, זאָגט חי[illegible]
ס'איז מעגליך די צייט זאָל בעווייזען א קונץ;
אויב ניט, וועט דיין קינד אויך, פון הונגער ניט
פערלאָז זיך אויף דעם, וועלכער זיצט איבער א[illegible]

„אויף דעם, וועלכער זיצט איבער אונז!“ האָט [illegible]
אברעמעלע גנב. — נו זיצט ער און קלעהרט,
ער מיינט, דאָס איך בין איהם א פרייער, דער [illegible]
זיין קינד צו ערנעהרען זאָל זיין מיר בעשערט [illegible]
איך האָב שוין קיין אַנדערע צרות ניט מעהר...
„א ניין!“ קלינגט זיין קול פונ'ם בוים פול מיט [illegible]
איך בין נאָך ביז היינט ניט משוגע געוואָרען!“

און חיים און רויזע — דערהערט דאָס פון אוי[illegible]
די פיס אויף די פּלייצעס. האַלב־טויטע פון שר[illegible]
אַזוי ווי א ווינד זיינען ביידע אַוועק...

אברעמעלע אויבען — ער פּלאַצט פון געלעכטער
און דאַן ווען די טאַשען ער אָנגעפּילט האָט
מיט עפּעל מיט גרויסע... אראָפּ פונ'ם בוים.
און רוהיג פערלאָזען דעם סאַד...

March 10, 1911



# ריכטיג דרייצעהן...



די באָבע: (צום מאַן פון דער געווינערין) „מזל־טוב! מזל־טוב! א ריילינג! א דריילינג!“
דער גליקליכער טאַטע: (פאַלענדיג אָהנמעכטיג אין טשער) „אוי, אוי, אוי, ריכטיג דרייצעהן! אַט זעהט,ערשט געקויפט צעהן פּאָאר שיכלע
אוי, קבצן קבצן!“...

## איסט־בראָדוויי.

(עלעגיע).

פון העל־פּען.

צוועלף א זייגער שוין —
די גאס שלאָפט איין, און רגע'ווייס די לופט ווערט לייכטער, ריינער.
איך געה ארום אליין, און אויף די גלאַטע פלאסטער־שטיינער
וויל מיין עדלער דיכטער־טראָט, ניט אויפהערען צו קלינגען.
הארץ, מיין הארץ — עס הערט ניט אויף פון האָפענונג צו זינגען...
כ'זעה, א מיידעל געהט, איך געה איהר נאָך — נאָר, אָך און וועה!
א גאַנצען אבענד געה און זוך א פנים וואס איז עדעל.
א גאַנצען אבענד זוכען — און קיין איינציג שעהנעם מיידעל.
זאָל דיך שוין דער טייוועל נעמען, דו מיין איסט־בראָדוויי!
אזוי איז נאַכט אויף נאַכט.
א שאָטען איילט א דורך די גאַס. נאָך איהם א מענש. פערשוואונדען...
קוק איך אויף די לאָמפּען, דוכט זיך מיר, זיי זעהען אויס ווי וואונדען —
וואונדען אויף א ריעזען־לייב פון שלאַנגען־צונגען ווילד צעביסען —
אָך! הויב אויף א פויסט. א פּאָך אין לופט, וועט בלוט זיך גיעסען!
הויבסט אויף א פויסט, און ס'פאַלט ארונטער א געלעהמטע האַנד...
וואונדען! יא — ניט לאַנג, איך האָב געליי'נט אז וואונדען זיינען רויזען.
וואונדען — רויזען?! וועה! דאַן האָב אַנשטאַט לעבער אין די הויזען
רויטע רויזען... אוּן מיין הארץ — עס איז דער שעהנסטער רויזען־גאָרטען
און דער פעדלער וועלכער שרייט אין „קאַפּע“, „טוטפּיקס אלע סאָרטען“
איז ער ניט א בלאַנדזשענדיגעס רויטעס רויזען־לאַנד?!
און דו מיין איסט־בראָדוויי!
ווען וואונדען וואָלטען רויזען זיין — פון דיינע שטיינער, וואָלטען רויזען
פריש ארויסגעשפּראָצט! און, אויב ס'איז וואהר אז וואונדען זיינען רויזען
גאָט! דאַן שוועהר איך: „שווארצע קוימען־רייהרען זיינען ווייסע גאַטקיע
פּאָרעשוועס פון קאָזאַקען־שטיוועל זיינען מצה־לאַטקעס!
און מאָרים ראָזענפעלד איז שטענדיג א פּאָעט געוועזן!
אָך טפוי! שוין ווידער ראָזענפעלד! קיין וואונדער! אָך, אין צרות
שלאָגט א איד כפרות, אויך מיט אָפּגעשלאָגענע כפרות!...
א גאַנצע נאַכט אליין אויף איסט־בראָדוויי ארומגעגאַנגען
דער מאָגען לעהר און פוסט. אין האַרץ א בענקענדיג פערלאַנגען!
מיידלאָך, מיידלאָך! זאָגט, וואו זיינט איהר, לאָזט מיך ניט אליין —
א גאָט! איך האַלט ניט אויס —
דאָך ניין! ניט איסט־בראָדוויי — אליין וועל איך מיין הארץ צעפליקען!
„איסט־בראָדוויי, איך פייף אויף דיר! איך פייף אויף דיינע גליקען!
און זאָלען אינגלאַך־טפשים זיך נאָך דיינע מיידלאָך יאָגען!“
גאָט! — איך זאָג: „איך פייף“, דאָך שטענדיג בלייב איך נאָר ביים זאָגע
פייף, אז ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו פייפען — ווי דאָס קוועהלט!
מיין גאַנצער גאַנצער רייכטהום איז א האַרץ מיט פוסטע טרוימען.
געבענשט איז דער וואָס האָט א שאַפּ, און ס'האָט זיין שאַפּ א קוימען!
טאָג און נאַכט איז איהם ערלויבט צו פייפען אויף דער וועלט!

# ליעבע פּאוויליאָן

## צוויי פערלאַנגען.

(א געשפּרעך צווישען אן אויסגעלאַ־
זענער און אן אנשטענדיגער פרוי).

אויסגע'גנב'ט פון פּוילישען פון דעם
פּוילישען ליטוואק.

אן אנשטענדיגע פרוי האָט זיך
אמאָל בעגעגענט מיט א גאסען־פרוי
און זי האָט צו איהר געזאָגט:

— עס טהוט מיר זעהר הנאה וואס
איך האָב אייך בעגעגענט. איך האָב
מיט דעם מינדעסטען בעגריעף ווי אייך
לעבט זיך, און איך וויל דאָס זעהר
וויסען. זאגט מיר, איך בעט אייך,
וואס זיינען אייערע פערלאַנגען? די
הייסעסטע פערלאַנגען? זייט פאר מיר
אפענהערציג, איך בעט אייך, איהר
זאגט מיר זאגען דעם גאנצען אמת,
עס הערט אונז דאָ קיינער ניט, עס
זעהט אונז קיינער ניט...

— די הייסעסטע פערלאַנגען? —
האָט די אויסגעלאסענע פרוי איבער־
געפרעגט — איהר רעדט זעהר שעהן,
איהר רעדט צו מיר אזוי ווי מען רעדט
צו אן עהרליכע, אנשטענדיגע פרוי,
און איהר ווייסט דאך אז איך בין ניט
קיין אנשטענדיגע. וואס ווייס אזא ווי
איך וועגען פערלאַנגען, וועגען הייסעס־
טע פערלאַנגען? איך פערשטעה ניט
וואס איהר מיינט, ערקלעהרט עס מיר
דייטליכער.

— מיט פערגעניגען. איך וועל עס
דיר דייטליכער ערקלעהרען, און דו
זאג מיר דעם אמת, זיי אפענהערציג
צו מיר, אזוי אפענהערציג, אזוי ווי דו
וואלסט רעדען צו דיינע א חבר'טע,
אזא ווי דו ביסט.. אלזא וואס ווינשסטו
אז עס זאל דיר אמאָל פערווירקליכט
ווערען, פערשטעהסט, איך מיין, וואס
איז דיין הייסעסטער וואונש?

— וועט איהר מיר אויך זאגען,
וואס עס איז אייער הייסעסטער
וואונש? וואס פערלאנגט איהר, אז עס
זאל זיך אייך פערווירקליכען? זייט
איהר אויך צו מיר אפענהערציג, פונקט
אזוי ווי איהר וואלט רעדען מיט אייע־
רע א פריינדין, אזא אנשטענדיגע ווי
איהר.

— איך וועל אייך זאגען
— איך גלויב אייך ניט.
— איהר גלויבט מיר ניט? און ווי
אזוי איבערצייגט מען אייך?

די שטראסען־פרוי האָט זיך א וויי־
לע פערטראכט און נאכהער זיך אפגע־

OooO

## חנה'לע

א ליעד מיט מוזיק צום זינגען. שלח־מנות פאר אלע אונזערע לעזער.




איך מיט חנה'לען אליין
חנה'לע איז יונג און שעהן

„חנה'לע — א קוש מיר גיב"
קושען — זאגט זי — כ'האָב ניט ליעב.

האָב איך זיך געשטעלט אין קאַן
און כ'האָב איהר א קוש געטאָן.

ציינט זי מיר איהר כלה־רינג
גלעט איך איהר די האָהר און זינג:

חנה'לע דו מיין קינד
קושען איז ניט קיין זינד
בלימעלאך בליה'ן אין פעלד
פריי פאר דער גאנצער וועלט
חנה'לעך יונג און שעהן
קושען הייסט גאָט אליין.
ווייס אבער איין זאך בלויז:
נעם און זאג קיינעם ניט אויס.

האלב פערטרוימט און האלב פערטראכט
שטעהט מיין חנה'לע און לאכט.

לאכט זי—קלעהר איך—ס'יז דאך שעהן
מיט א חנה'לע אליין.

הויבט איהר שעהנעם קאָפּ זי אויף
לעגט איהם אויף מיין ברוסט ארויף

גיב איך איהר א קוש — עס קלינגט.
גלעט זי מיר די האָהר און זינגט:

(רעפריין) חנה'לע דו מיין — — —

איך מיט חנה'לען אליין
חנה'לע איז יונג און שעהן

הויבט זי אויף איהר בליק צו מיר
גלאַנצט א טרער אין אויג ביי איהר

בויג איך זיך צו איהר אראָפּ
בוינט זי אָן איהר שעהנעם קאָפּ —

ליגט ער אויף מיין ברוסט ווי פריה'ר.
און צוזאמען זינגען מיר:

(רעפריין) חנה'לע דו מיין — — —

העל—פען.

OooO

— געהט עס—האָט די אנשטענדי־
גע דאמע נאכדענקענדיג געזאגט —
מיר וועלען ביידע רעדען אין איין און
מיר שעצען, רעספּעקטירען, און אז וועל־
גען דעם זאלען אלע וויסען...
— און מיין הייסעסטער פערלאַנג

## זיי שעהמען זיך פאר לייטען.

1.

און בלייבען מיר ווען ביידע,
מיר ביידע גאנץ אליין,
באמערקט זי דאן, מיין ליעבסטע,
ווי געטליך איך בין שעהן...
דאן נעהמט זיך מיר ארומעט,
און קושט מיך, פיעל זי גלוסט...
דאן דריקט זי מיר און טוליעט
אלץ שטארקער צו איהר ברוסט...
— — — — — — — — —
זי שעהמט זיך נור, מיין ליעבסטע...
זי שעהמט זיך נור פאר לייט...
און בלייבען מיר אליין נור,
— דאן נוצט זי אוים די צייט...

2.

און בלייבען מיר ווען ביידע,
מיר ביידע גאנץ אליין,
דאן הויבט גלייך אן, מיין יענטע,
די יאָהרען מיר דערגעהן...
דאן פלוכט זי און בעשיט מיך,
מיט קללות גאר א פּאַק...
דאן ווייס איך, וואס בעדייט עס,
א ווייבעלע א שלאק...
— — — — — — — — — —
זי שעהמט זיך נור מיין יענטע,
זי שעהמט זיך נור פאר לייט...
און בלייבען מיר אליין נור,
דאן נוצט זי אוים די צייט...

משה גדליה רייצעס

## קליינע לירִיקס.

פון ליטווישען.

א.

ניט וויין, מיין פריינד, ניט וויין
עס לוינט זיך ניט, אָ, ניין
זי איז אוועק, נו וואס?
איז ווערט דאָס דיין פערדראָס?
א מיידעל האָט קיין וויל
די ליעבע איז א שפּיעל
און דו ביזט א געצייג
ד'רום ברודער מאך א שווייג.

ב.

געקושט האָט זי מיך ווארים
מיט ליעבע, מיט געפיהל
—„זאג, וועמען האָסטו ליעבער?
געפרעגט האָב איך איהר שטיל;
„דיין מאַן — צו מיך — דיין
ליעבסטען"
„איך ליעב דיך... ער איז רייך...
נו, רוימט זי מיר אין אויער
איך האָב אייך... ביידען גלייך..."

הענדריק: דיך אארט גאר נישט, וו
דיין געליעבטע געהט הייראטען מיט ד

March 24, 1911



# אַ פריהלינגס טרוים פון אַ דיכטער...



1.

רויכענדיג א פאפיראסעל
אין זיין צימערל א שטומער,
געהט ארום דער דיכטער וויינשטאק,
טיעף פערזונקען אין זיין קומער:

יא... ערוואכען ווערט א מארגען.
ווען דער פריהלינג ווידער קומען,
וועלען יונגע אינגלאך, מיידלאך,
אין די גארטענס רייסען בלומען:

בלומען רייסען... זיך אומארמען...
ליעבעס שמייכלען... הערצער זינגען...
קוצי־מוצע, גיב די ליפלאך...
און די קושען — וו זיי קלינגען...

אך! דו גוטער שעהנער פריהלינג,
יעדען גיסטו נאך בענעהרען!
מיר אליין נאר, גיסטו גאר־נישט —
אך! ס'יז וואהנזיניג צו ווערען...

2.

אט אזוי געהט אום אין צימער,
דיכטער וויינשטאק. ביז א מיעדער —
פאלט ער אויף זיין איינציג בענקעל,
שטום און טרויעריג אנידער.

זיצט ער. מאכט ער צו די אויגען,
שלאפט ער. זינקט זיין קאפ ארונטער
טרוימט זיך איהם א גארטען... פריהלינג...
זונען־שטראהלען... לוסטיג... מונטער...

דריקט ער אויף א קנאפ... עס קלינגעלט...
ברענגט אריין די גאווערנאנטען,
פרישע ליעב־וועש... פראק... צעלינדער...
רינג, בעזעצטע מיט ברילינאנטען...

„ווינשט פיעלייכט הערר גראף נאך עטוואס ?"
פרעגט די גאווערנאנטען עדעל...
„ניין" קלינגט אפ זיין ערלעך ענטפער.
„ניין, מיין ליעבעס, שעהנעס מיידעל".

אדער... ווארט א וויילע... א רגע...
יא... דעם קוטשער... איהם, איוואנען.
זאג, ער זאל די ווייסע פערדלאך
צום שפאצירען־פאהרען שפאנען —

— אדער... ווארט א ווייל' מיין שעהנע...
הם... דעם קוטשער — זאג איהם גאר־ניט.
וון אין דרויסען — איז שוין גלייכער
געהן אין גארטען... ניין, איך פאהר ניט — — —

3.

פרישע ליעב־וועש... פראק... צעלינדער.
און אין טרוים, א שטאלצער געהט זיך
וויינשטאק, דאן ארויס אין גארטען,
און זיין דיכטער־הארץ, עס פרעהט זיך —

טיא! איז דאס א שעהנער מארגען.
פויגעל זינגען... ביהנען זשומען...
אין „אלעע" אויף ביידע זייטען
בליהען יונגע, פרישע בלומען

בלומען? ניט קיין בלומען בליהען...
ס'בליהען יונגע מיידלאך־קעפלאך...
מיידלאך־קעפלאך שווארצע, בלאנדע...
בלאנדע צעפלאך... שווארצע צעפלאך...

אלע בויגען זיך פאר „וויינשטאק"
אלע בעטען „עדלער זינגער!
רייס אונז, דריק אונז צו דיין הארצען
וועל'מיר קושען דיינע פינגער..."

„איך בין אינגער!" שרייט א קעפעל
רייס מיך פריהער אויס פון אלע
שרייט א צווייטעס „איך בין שעהנער
רייס מיך אויס, כ'וועל זיין דיין כלה"...

שטארק צוטומעלט... אונזער דיכטער — — —
מיט א שמייכעל, צארט און עדעל,
רייסט ער אויס א קעפעל — פלוצלונג —
ניט קיין קעפעל... נאר א מיידעל —

יא, עס שטעהט פאר איהם א מיידעל,
לאקען חנ'עוודיג צעשויבערט,
שטעהט אנטקעגען איהם און שמייכעלט,
ווי א מלאך'ל פערצויבערט...

שטרעקט ער אויס א האנד ווי שכור,
רייסט ער איינע און נאך איינע.
און שוין שטעהט ער אין דער מיטען
צווישען טויזענד מיידלאך שעהנע...

שעהנע ווי די זומער־פויגלען...
פלעכטען זיי ארום אין קראנצען
איהם, דעם יונגען דיכטער וויינשטאק
און זיי פליהען און זיי טאנצען...

און זיי פאלען אויף זיין נאקען
קושען איהם אין האלז אין אויגען...
אט, האט מיט א קוש „א קליינטשיקס"
איהם דאס הארץ ארויסגעצויגען.

גיכער עפענט זי דאס הארץ אויף.
יא, זי וויל זיך דארט בעהאלטען...
לאכט ער הויך! דער דיכטער וויינשטאק
קען פון פרייד זיך ניט מעהר האלטען...

קושט ער... קושט ער... ווילדער, הייסער...
נעמען זיי איהם שטארקער דריקען...
פיהלט ער, זיינע קניע זיך בויגען...
פיהלט ער אין זיין האלז א שטיקען...

שטרעקט ער אויס די האנד און — פלוצלונג
פאר די אויגען ברענען פלאמען —
טראך! !!! און בענקעל... דיכטער... ביידע
קייקלען זיך אויף דר'ערד צוזאמען.

העל—פע

---

**אויפמערקזאם:** מר. איזידאר וואייט, מענעדזשער פון „קיבעצער", האט אונז פערלאזען (צוליעב אייגענע ביזנעס). מיר ז[...]
קען איהם אויס אונזער פולען צוטרויען, און מיר ווינשען איהם ערפאלג אין זיינע נייע ביזנעס.
אונזער נייער מענעדזשער פון יעצט אן איז מר. אליהו זאנענשיין. אלע זיינע פריינד און בעקאנטע זיינען געבעטען דאס צו נעהמ[...]
אין אכט.

א מענש עסט, א חיה עסט.
א מענש לאכט, א חיה קען נים לאכען.

טו זייט־זשע נים קיין חיות און לאכט מיט אונז מיט. דער קיבעצער.




ערנסט! ערנסט! א פוסטער געשריי.

זאל נור דער מענש א גוטער קיבעצער זיין, וועט דער ערנסט ממילא קומען.

— איבסען.

פיערטער יאהרגאנג. נומער 5.
VOL. IV, No. .5 Friday, APRIL 7, 1911 פרייטאג, דעם 7טען אפריל, 1911.

# הספד

## אויף די באסעס פון די טרייענגעל ווייסט קאמפאני.

און זיי זיינען געבליעבען לעבען.
ון איך זיץ און דריק די שלייפען מיי־
ע און האב אויף זיי רחמנות.
זיי זיינען געבליעבען לעבען. און
ייער געוויסען וועט זיי פלאגען, ברע־
ען, בראטען, וועט זיי עסען טאג און
אכט, און פערוואנדלען זייער לעבען
וין א מארג.
און איך האב אויף זיי רחמנות.
הונדערט און עטליכע און פיערציג
זיידלאך (נים קיין לעבעדיגע) וועלען
עזוכען זייערע וואוינונגען יעדען מי־
זען נאכט, און פאדערען ביי זיי די
פיידע" פאר זייערע יונגע צושטער־
זע לעבענס, פאר זייערע פאר דער
זייט פערשניטענע ליידען, און זייערע
אסעס־רוה וועט געשטערט ווערען
זויף אייביג, און איך האב אויף זיי
חמנות. צוטרייסעלט וועלען זיי ווע־
ען, די באסעס, און וויינען וועלען זיי,
ייסען די האר פון זייערע פערציפער־
טע קעפ, שלאגען קאפ אן וואנד, ווייל
רוים וועט זיין דער וועהטאג און נים
עשטילט קען ווערען אזא וועהטאג.
און זיי זיינען געבליעבען לעבען.
און איך טראכט: נים אנדערש, דער
טייפעל האט מיט זיי א שפאס גע־
מאכט, און זיי דאס לעבען געשענקט.
און איך קלעהר: ווען זיי וואלטען צו־
זאמען מיט די הונדערט און עטליכע
און פיערציג קרבנות פערברענט געווא־
רען, וואלטען זיי דאך אויף זייע־
רע קברים אן עהרליכע טרעהר דער־
פיהלט.
און איך האב אויף זיי רחמנות.
ס'הערט זיך, אז עס ארט זיי דער גאנ־
צער אומגליק ווי דער וואנד, זיי הא־
בען שוין אן אנדער פלאטץ פאר א
פייער־פאסטקע געגומען...

חיים'קע.

---

שטענדיגע לעזער פון „הדרור" אויפמערקזאם!
דיעזע וואך אין דער „הדרור" נים ערשיענען.

---

**אין נעקסטען נומער „קיבעצער" קומט די בילד פון דעם בעוואוס־טען אידישען שרייבער י. ל. פרץ**

# זי כשר'ט איהר מאן אויף פסח.



(יונגע ווייבלעך קענען דאס נעהמען אלס סאמפעל).

# ליל־שימורים.

עס ברענען די ליכטלאך. דער טאטע א מלך
די מאמע א מלכה. עס פינקעלט דער וויין.
און דו מיין פרינצעסין ביסט לוסטיג און פרעהלאך
און זעהסט נים, א פרינץ קוקט אין פענסטער אריין,
א פרינץ אין א מאנטעל א שווארצען — — — —
מיין קעניגרייך טראג איך אין הארצען...

מיין קעניגרייך, טאכטער—א הארץ פול מיט לעבען,
דער קומענדער דור וואוינט אין הארצען ביי מיר;
מיין קעניגרייך טאכטער, איך וויל עס דיר געבען.
נו שטעה איך ביים פענסטער. איך ציטער און פריהר...
דיין טאטע ווינקט שטיל צו דיין מאמען...
אויף דיר קוקען ביידע צוזאמען...

זיי קוקען אויף דיר און זיי ווינקען זיך איבער.
א גאלדענער שטערען ביסטו, יא ביסט שעהן.
א גאלדענער שטערען, נאר נעהם זיך נים איבער
דען איידער א קיילעכיג יאהר וועט פערגעהן —
קען זיין אז געבוירען זאל ווערען,
נאך איינער א גאלדענער שטערען... העל—פען.



**אידען וואס טהוט מען?**
ווען מיר האבען געשלאסען די פיידזשעס האבען מיר זיך געכאפט, אז אין אונזער כשר־לפסח־נומער האט זיך אריינגעכאפט א שטיקעל חמין. אידען, וואס טהוט מען?

# קניידלאך.

פאר צייטען האט אונז א משר[...] אויסגעלעזט פון גלות, היינטיג[...] „משה'ס" האלטען אויף דעם גלות.

פסח: א יום־טוב פון קניידלען און מרור, פון ערשטען געניסט דע[...] גביר, פון צווייטען — דער קבצן.

דם: דאס האבען די ארבייטע[...] גאנץ ווענ[י]ג.

ואש: דאס מעג קומען אויף דע[...] היינטיגער ארדנונג.

ותימרות עשן: וועלען דעם ארביי[...] טער'ס צרות פערשווינדען ווי מיט[...] רויך.

פסח, מצה ומרור: ווען אויף פס[...] פעהלט מיט וואס מצה צו קויפע[...] איז — ביטער.

במתי מעט: אויף מענשען הפני[...] איז אימער איין דוחק געווען.

פסח: דער סימבאל פון ארויסגי[...] צויגענהייט. אמאל זיינען די איד[...] ארויסגעצויגען געווארען פון מצרי[...] היינט ווערען זיי דאס וואו נור זיי ג[...] פינען זיך.

משה יאסעל דער אפעריטא[ר].

# טהעאטער חרעמזלאך.

מר. מאגולעסקו, מיר פערזיכער[...] אייך, אז אייער טאכטער, בעסי, מ[...] געהן אויפ'ן סטיידזש, — נור א[...] הויזען...

---

מר. ג. רובין איז נים נור א קינס[...] לער, נור אויך א גוטער „קיבעצער[...] שפיעלענדיג אין די „עמיגראנטען" צ[...] זאמען מיט בעסי מאגולעסקו, האט [...] אויסגעשריען צום העלד „פייטעל", [...] קענדיג צום פובליקום: „אי איז זי [...] סייגעץ, אי איז זי א מעסומעד, א ר[...] זאל איהם א כאפ טהון:"...

---

רודאלף שילדקרויט וועט אין [...] כען אויפפיהרען דא אין אמעריקא ד[...] פינסקי'ס „גאברי און די פרויען".

אפנים די וועלט איז גערעכט וו[...] זי זאגט: „יעדער שמחה מוז זיך ענ[...] גען מיט א טרויער"...

א. אריזאנער.

---

מה נשתנה קלעפאק'ס רעסטאראנט אין 237 א. בראדוויי, פון אלע רעסטאראנטס? — ווייל ביי איהם קענט איהר בעקומען אי חמץ אי מצה

April 21, 1911



# וואו די „מוזען-קינדער" וואוינען...

ע ל—פ ע ן.

## אַ פריהלינגס-טראַגעדיע

לעזען פערבאָטען (פון דער רעדאַקציע).

ין פריהלינג קומט אימער דער מלאך פון ליעבע
געקליידט אין א העמדעל וואָס גרייכט ביז צום פופיק.
יט פייל און מיט בויגען... מיט לוסטיגע אויגען
יט גאָלד-בלאָנדע לאָקען, צעשויבערט און שטרופיק.

ער מלאך פון ליעבע — ער ציעלט זיינע פיילען...
ציעלט און ער טרעפט כאָטש מען זאָגט: „ר'יז
א בלינדער...
שפיעלט זיך מיט אינגלאך. ער שפיעלט זיך מיט
מיידלאך
זוי ווי מיט שוועבעלאך שפיעלען זיך קינדער.

ציעלט — און זאל זיין אז דיין הארץ איז א שטיוועל,
טרעפט דיך זיין פייל, און דיין הארץ וועט זיך צאַפּלען.
י טאָג וועסטו בלאָנדזשען אין גאַס ווי א גולם
י נאכט ווי א שיכור אין טרוים וועסטו פלאַפּלען...

ון שלמה'לע האָט זיך מיט חנה'ן בעגעגענט — — —
פייל פונ'ם מלאך. געציעלט און געטראָפען...
ען האָט זיך בעשטעלט „זייגער אכט זאָל מען קומען,
ון יא — זייגער זיעבען שוין... איז מען געלאָפען...

גקומען אין גאָרטען — דערזעהן זיך פון ווייטען
יז שלמה'לע חנה'ען אנטקעגען געשפרונגען —
ון חנה פאלט מאַכטלאָז צו שלמה'ען אין ד'ארעמס —
יין ליעד האָט דאָס הארץ פון זיי ביידע געזונגען —

קוש — ס'יז דער קלאַנג פונ'ם קוש אזוי הילכיג
ז אויבען אין הימעל טהוט גאָט אזש א ציטער,
שפרינגט פון זיין טראָהן אויף, און גיך לאָזט ער רופען
עם שר המלחמה — זיין עדעלסטען ריטער:

עי דו, לאַפּאַצאָן! — שרייט דער אלטער מיט גבורה —
ה נאָך אין די פולווער-געביידען, וואָס גיכער!
פלאַצט האָט א באָמבע! וואו ערגעץ ניט ווייט דאָ —
שנעלער הויב פיסלאך! הויב פליעגעל, דו קריכער!"

ו דיענסטען מיין הארר!" זאָגט דער שר און פער-
בויגט זיך —
ך קוים נאָר עס זעצט זיך דער בורא — דערהערט ער

שוין ווידער א קנאַק — ווי דער הילך פון א דונער
א קנאַק און א צווייטער, א דריטער, א פערטער — — — —

און מחנות מלאכים — צעטומעלט צעשראָקען —
זיי פליהען פון קאַמער צו קאַמער און שפּרינגען...
און אונטען אין גאָרטען האַלט שלמה'עלע חנה'ען
זיי קושען זיך ווילד און די קושען זיי דרינגען —

אַריין ביז אין הימעל און צינדען דאָרט אונטער
די פולווער-געביידען פון ליעבע און ריינקייט...
פערבראָכען די הענד לויפט ארום אונזער בורא
און מחנות מלאכים בעוויינען די שעהנקייט.

די שעהנקייט פון איהר — פון דער פולווער-געביידע.
שוין זעצען ארויס דורך די פענסטער די פלאַמען...
און אונטען אין גאָרטען — יא, אונטער א בוימעל
פאלט שלמה מיט חנה'ען אנידער צוזאַמען...

עס קנאַקען די באָמבעס... און אויבען אין הימעל
צעפלאַקערט דאָס פייער זיך לוסטיג און מונטער
מען זוכט נאָך דער סיבה. און קיינער פערשטעהט ניט
צו כאַפּען א קוק דאָרט אין גאָרטען ארונטער

צו שלמה'ען וואָס ליעבט דאָרט אצינדער זיין חנה'ען
אַזוי ווי א טאַטע וואָס האָט ליעב א מאַמען — — — —
נאָר שוין לעשט אין הימעל זיך לאַנגזאַם דאָס פייער,
א הויפען פון אש לאָזען איבער די פלאַמען...

און אונטען... יא חנה'עלע כליפּעט שוין נעבאָך
און שלמה'עלע שעהמט זיך, איהר קוקען אין ד' אויגען
און עמעץ אין גאָרטען זינגט טרויריג א ליעדעל
פון עפּעס וואָס איז „זשיך אוועקעט" געפלויגען...

און אויבען אין הימעל — דער שר המלחמה
מיט אויגען פערוויינטע, פערלאָשענע טריעבע.
ער שטעהט פאַר'ן טראָהן און ער מעלדעט צום בורא:
„געפלאַצט איז דאָס פולווער-געביידע פון ליעבע!"

— — — — — — — — — — — — — — —

דער מלאך פון ליעבע — ער ציעלט זיינע פיילען...
ער ציעלט און ער טרעפט כאָטש מען זאגט: ר'יז
א בלינדער
ער שפיעלט זיך מיט אינגלאך — ער שפיעלט זיך מיט
מיידלאך —
אזוי ווי מיט שוועבעלאך שפיעלען זיך קינדער...

— — — — — — — — — — — — — —

## אויפ'ן ברי

(נויאָרקער ראָמאַנ

ווען דאָס וועטער איז נור
„וואָקען" געה איך אויפ'ן
קיינמאָל, קיינמאָל, ניט א
נור מיט איהר, מיין פרייד

איך בעזעץ זי אויף א בע
און איך דריק זי צו זיך ד
און דערצעהל איהם כלומר
ווער געמאַכט האָט דיעזען

ווי ער האַלט זיך דאָס דער
און אויף וועלכע וואונדער
ווי טיעף ס'פלעכטען זיך ד
אין דעם ים מיט צויבער-ש

איך דערצעהל איהר כלומר
קוש פאַמעליך זי און דריק
און עס טרייסעלט זיך איה
ווי עס טרייסעלט זיך דער

דער לע

—()::::()—

## קליינע ליר

ווינטער געהט אוועק
פריהלינג קומט צוגעה
דיכטער זינג א ליעד,
נור ניט קיין געוויין.
אָנגעקלאָגט גענוג
ווינטער האָסטו זיך
פריהלינג-לעב איז גוט
דארפסט דאָך ניט קיין
ניט משוגע-ווילד,
דעקאַדענטיש שווער!
און דיין „בילדער-שפ
גראַמען זאָל וואָס מע
„אימפּרעסיאָניסט"
גראַמט מיט „פוסט און
און א „יונג-פּאָעט"
מיט א „רום טאָ לעט".
ווינטער געהט אוועק
פריהלינג קומט צוגעהן
דיכטער זינג א ליעד,
„סיידי" זאָל פערשטעה
א ליט

## דער רוף פון פריהלינג אויפ'ן „רוף"



די גרעסטע אטלעטען עסען קלעפּאַק'ס קאָטלעטען אין וועגעטאַריאַנער רעסטאָראַנט, 237 איסט בראָדוויי.

April 21, 1911



# ווילט איהר זיין אין גן-עדן?

## יע? טאָ קומט אין העררי גרינבערג'ס רעסטאָראַנט, אין 286 ברום ס



# מבינים

אויף א גוטען טרונק זיינען געלאדען צו קומען אליין אדער מיט זייערע פאמיליען, עס מאכט נים אוים, צו וואס פאר א קלאסע זיי בעלאנגען. גרינבערגים נייער פלאטץ איז גענוג בעקוועם פאר 150 מענשען, א חוץ דעם שעהנעם

— ראטהים קעללער. —

וועלכער איז אויסגעשטאטעט מיט א וועלטענעם געשמאק. די בעסטע גלעזעל משקה, דער געשמאק־סטער ביסען און די שעהנסטע מיוזיק.

**אויך איז דער אלטער פלאטץ אין 113 פאָרסייטה סטריט**

בראכטפאל אויסגעפיקסט אלס דער שעהנסטער

**מילכיגער רעסטאָראַנט.**

## אַללע סאָרטען וויינען אין 286 ברום סטריט

---

## זאָקען.*)

(פאָרזעטצונג פון פיידזש 5).

פערריכט, און געגעבען אנצוטהאן — ווייסט איהר־ וועמען?

אוי, נאטעניו, הלואי וואלטען מיר געווען סערפוילט געווארען אין קאמאד, איידער מען האט אונז געגעבען אנצוטהאן אט־א־דער־א... איהר זעהט. דארט זיצט זי אין ווינקעל און שמריקט. די אלטע באבעטשקע... אזוי ווי נאר זי האט אונז אנגעטהאן, האבען מיר שוין דער־פיהלט אונזער בראך... חנה'לעס פיסלאך פלע־גען מיט אונז לויפען, טאנצען, שפרינגען, פלעגט א יונגער מאן אריינקומען אין שטוב, פלעגט ער אונז פון מאל צו מאל צו־ווארפען אן אויגעל... א חנ'דעל... זי אבער, די אלטע — מיט איהרע פיס האט זי אונז ארומגעשלעפט איבער'ן שטוב, אזוי צוקראכען און פויל, אז נים איינמאל זיינען מיר געווען נאהענט צו חלשות... אדער גלאט זי האט זיך מיט אונז אוועקגעזעצט אט אזוי ווי זי זיצט איצטער — האלבע טעג לאנג... איהר שטעלט זיך נאר פאר אונזער ביטערע לאגע. טאג נאך טאג האבען מיר געזעהען אונזערע חבר'טעס אויף חנה'לעס פיסלאך, נאכט אויף נאכט האבען מיר געזעהען דעם יונגען מאן, וואס איז געקומען נעהמען חנה'לען אין פארק אריין... דאס אלעס אבער וואלטען מיר נאך אריבערגעטראגען, ווען אבער איינמאל האבען מיר דערזעהן ווי חנה'על'ע הויבט אויף איהר פיסעל, שטעלט עס ארויף אויף א בענקעל, און ביי איהם, ביים יונגען־מאן בעט זי זיך, ער זאל איהר דעם שוך צושניערען, און ער — פונקט אזוי ווי אמאל אויף אונז, פאלט ער ארויף מיט די הענד און מיט די ליפען אויף די אנדערע זאקען, מיט דעם זעל־בען נארישען שמייכעלע, וואס מיר האבען גע־האט אזוי ליעב און מיט דעם זעלבען פייער'ל אין די אויגען!

ניין! דאס איז שוין ניט מעהר געווען צום אויסהאלטען, און אויך דער באבעס פיס הא־בען מיר זיך גענומען ראנגלען מיט זיך אליין. מיר האבען זיך אין שטיקער צוריסען, אט ווי איהר זעהט אונז דא. גענוג! — האבען מיר זיך געזאגט — גענוג געליטען!

אזוי האבען די זאקען זייער ערצעהלונג גע־ענדיגט, און איך בין א פערטרוימטער אוועק אהיים...

---

## אויפ'ן פיש־מארקעט.

איך בין פערבייגעגאנגען וויליאמס־בורג ברידזש און בעטראכט דעם פיש־מארקעט. צו איין פיש־פעדלער, זעה איך, געהט צו א פרוי און זאגט מיט א שמייכעל אויפ'ן פנים: מיסטער לע־בען, גיט מיר היינטיגס מאל דעם בעס־טען און ניט אנדערש וויל איך ער זאל זיין א לעבעדיגער, ווייל ביי מיר אין הויז, האט זי צוגעגעבען, איז היינט ביי־נאכט א פאדי. דער פעדלער האט איהר געציינט אויף א גרויסע פיש אין א באקס. די פרוי איז צוגעגאנגען, בע־טראכט און א דרעה געטהון מיט'ן נאז. ער איז דאך טויט! — האט זי אויס־געשריען מיט פערדרוס. — ניין, מי־סעס לעבען, ער איז ניט טויט, — דאס שלאפט ער... — האט געענטפערט אין שפאס דער פעדלער. — פאר־וואס'זשע הערט זיך פון איהם? האט די פרוי ווייטער געפרעגט. דער פעדלער האט זיך אנגעצונדען. — עס הערט זיך פון איהם, זאגט איהר? — האט ער אויס־געשריען — נו, און איהר, מיסעס, אז איהר שלאפט, הערט זיך ניט פון אייך?...

---

# פּראָפ. דייגאַס'
# דעזיינינג אַקאַדעמי

איז די בעסטע און די לייכטעסטע סיסטעם צו ערלערנען דעזיינינג אין אלע צווייגען פון שניידער־טרייד.

## 111 דילענסי סט.

---

זאַקס און שטיינפעלד

# יוניאָן דרוקעריי

12 דזשעפערסאָן סטריט.

ארבייט ווערט געמאכט גוט און ביליג.

נייעסטע פאוער־מאשינען און די בעסטע שריפטען.

May 5, 1911



# ליעבע פּאַוויליאָן

הערל—פּען.

## ראמאַנסען

.1

אנ'איינזאמער געה איך ארום אין מיין שטוב
איך קען דיך מיין קינד ניט פערגעסען
אמאָל פלעג איך זוכען א טרייסט אין א שיר
היינט האָט מיך דאָס אויך שוין דערעסען...

אמאָל פלעג איך זוכען א טרייסט אין א שיר
היינט ארט מיך דער שיר ניט דער שעהנסטער
היינט בלאָנדזשעט ארום מיין נשמה און וויינט
ביי טאָג און ביי נאכט פאר דיין פענסטער.

זי גנב'עט אריין זיך צו דיר אין דער שטיל
ווען עמעץ לאָזט אָפען די טירען
זי ליגט נעבען דיר און זי היט זיך דאביי
דעם זוים פון דיין קלייד צו בעריהרען...

דו זעהסט זי. עס קוקט אזוי רוהיג דיין אויג
עס טהוט זיך צומאָל ניט קיין פּינטעל...
און זי מיין נשמה ליגט שטיל נעבען דיר
א קליינטשיג א ציטערדיג הינטעל...

א הינטעל... און מיר האָט א פריילין דערצעהלט
אז זי האָט א הינטעל א זכר
זי האָט אויך א „ליעבסטען", דאָך ליעבט זי איהר הינטעל
פיעל מעהר ווי איהר ליעבסטען דעם בחור...

.2

און דענק איך פון דיר, פון דיין שעהנקייט מיין קינד
ווערט שטיל אין מיין הארץ די נקמה.
כ'פערדעק מיינע שלאָפלאָזע אויגען, און וויין—
עס וויינט ווי א קינד — מיין נשמה...

מיר דוכט זיך אָט בין איך א אינגעלע נאָך
מיין באָבע פערדרעהט מיר די פּייקעס.
און לאנגזאם דערצעהלט זי א מעשה'לע מיר
פון איינער א פרומער צדוקת.

„א פרומע צדוקת און שעהן ווי די וועלט.
פון וועלט און פון מענשען דערווייטערט...
דער הימעל פערוואָלקענט — א בליק פון איהר אויג
און ס'האָט זיך דער הימעל געלייטערט..."

אָט ערשט איז דער הימעל פערוואָלקענט געווען
שוין שפּיעגעלט זיך זון אין די שויבען
האָסטו ניט, מיין טהייערע דיינעם א בליק
צום הימעל אצונד אויפגעהויבען?

יא, קינדס מיינס, איך זעה דיך ביים פענסטער'ל שטעהן
רוהיג... כמעט אונבעוועגליך...
דאָס בענקסטו, דאָס בענקסטו נאָך מיר איצט אזוי.
יא גאָט מיינער, אלעס איז מעגליך.

יא מעגליך — ס'איז מעגליך דו שטעהסט איצטער גאָר
דאנעבען א פייער פון שפּענדלאָך
און קאָכסט אין א פּענדעל א מילכיגע זופּ
און בענקסט נאָך געבראָטענע הענדלאָך...

.3

די נאכט פאלט ארונטער. שוין טהוסטו זיך אויס.
אָט דרימעלסטו איין שוין, פּאמעלאָך —
דיין שעהנקייט — דו שענקסט זי אין האלב־טרוים אוועק
צו איינעם א יונגען בן־מלך...

דו שענקסט זיך אוועק צו א גוי'עשען פּרינץ —
שוין שליעסטו די אויגעלאָך דיינע.
עס פליהט דיין נשמה אין הימעל ארויף —
ביים טיר פון דיין חדר ליגט מיינע...

.4

עס ליגט מיין נשמה ביים שוועל פון דיין טיר.
ווי איך אין מיין איינזאמען חדר;
איך ליג און איך טראכט פון דער וועלט און פון גאָט
שוין עטליכע וואָכען כסדר.

איך טראכט פון דער וועלט און פון גאָט און פון דיר — —
יא, גאָט וויל זיין וועלט ניט פערשפּיעלען;
דרום האָט ער בעשאפען די נאכט, אז זי זאָל
דיין נאקעטע שעהנקייט פערהילען...

.5

יא, אפּגעדעקט זעה איך דיך, נאקעט מיין קינד
דו שלאָפסט און עס טאנצען ווי קינדער
די בריסטעלאָך דיינע צום טאקט פון מיין הארץ,
וואס זינגט צו דיין שעהנקייט אצינדער...

ביזט שעהן. יא, איך גלויב אז דער טייוועל אליין,
דער שונא פון גאָט און פון מענשען;
ווען ער וואלט אצינדער דיין שעהנקייט דערזעהן,
דאן וואָלט ער דיך זיכערליך בענשען...

## פריהלינגס־ליעדער.

זינגט מיין מאָגען מיר א ליעדעל
„עסען, עסען גיב!"
קלינגט דאָס ליעד פון הארצען, העכער:
„פריהלינג! מיידעל ליעב!"
און דער דיכטער שטופּט מיך, שטופּט מיך:
„שרייב א פריהלינגס־ליעד!"
און איך געה ארום פער'דאגה'ט
עפּיס ציעהט מיך עפּיס ציעהט —
עסען. מיידעל. פריהלינגס־ליעד!
אלץ איז גוט און אלץ איז שעהן
אלץ וויל איך—נאָר ס'וויל ניט געהן...
יא איך וויל — נאָר ס'געהט מיר ניט...

.2

אבענדס געה איך מיט מיין מיידעל
אום אין סענטראל־פּארק
און מיר שמועסען פון ליעבע —
זי — צוניסט זיך שטארק.
יא, דער ערשטער פריהלינגס־ווינטעל
האָט געטהאָן א בלאָז,
האָט ער גלייך צו איהר פערטראָגען
א „קאטאר" אין נאָז...
און צו מיר אויך האָט געבראכט ער
אין דער זעלבער צייט
א „פערקיהלונג"... יא, עס שטעכט מיך
אין דער לינקער זייט...

י. ש. ב. ר.

## פריהלינג מעשה'לע

פון סיראם נאָמרעבי

.1

צעהן אוהר אבענד.
עס חנ.דלען זיך די שטערען
איינער צום צווייטען און עס חנ'ד
אונטען סעם און ראזי.
עס קושען זיך די וועלכלעך:
ריווער און ביים ברעג פון דיע
קושען זיך סעם און ראזי.
עס רייסט זיך אב א שטערען
און ווערט ערגיץ פערלארען און
רייסט זיך ארויס פון ראזי'ן.
וואס איז דיר, טהייערע ראזי,
מיט שרעק.
— איך האב זיך דערמאהנט א
פערט ראזי, אז פאר א יאהרען
צייט בין איך דא געזעסען מיט
אזא ווא.ילער מענש געווען!
— עס,נארישקייטען — ענטפער
בין שוין דא מיט צעהנדלינגער מ
סען און אלע אזוינע וואוילע און
געווען.....

.2

אינפלוענציע.

וויל גאט שטראפען א גביר, ג
גאר ניט קיין קינדער, וויל
שטראפען א קבצן, דאן גיעט ער
א סך און טאקי דוקא מיידלעך.
און דעם גרעסטען שטראף ד
גרונם דער קאססימער פעדלער:
לעך איינע אונטער דער אנדערל
איז אבער אנגעקומען דער
יונגע לייט האבען אנגעהויבען פ
מיידלעך אויף אויסצופאהרען א
נעקוואלען פון נחת.
איינינע מאנאטען שפעטער
צעהן מיידלעך גלייכצייטיג זיי
פערלארען...
דער פריהלינג האט קענטי
שארט...
און גרונם איז אויסער זיך
גרונם אבער האט געזאגט א
האסט ניט וואס צו זארגען. ד
אז אלע זיינען קראנק, מסתמא
נאר אן איבערגאנג. אינפלוענ
ניש־קשה, עס וועט איבערגעהן...

די הארעם־סקויר

א דירעקטאָר פון א פ
טהעאטער האָט פערבאָטע
צו בעזוכען דעם טהעאטער
רעם־סקוירט, און ער האָט
גען פאָלגענדען פלאקאט:
„די האָכגעשעצטע פ
העפליכסט געבעטען, איידי
אריין אין סטיידזש־רום, ז
לאָזען אין דרעסינג־רום".

מר. וועלער: יעס, ד
היינטיגע צייטען א ביזנע
קלארא: וויפיעל דא
וועסטען צו ווערען א פאר

אינשורט אייער מאָגען (אָהן א פּענע) ביי קלעפּאַק, אין וועגעטאַריאַנער רעסטאָראַנט, 237 איסט בראָדוויי.

May 19, 1911



# וואו די „מוזען-קינדער" וואוינען...

## אַ פריהלינג־טראַגעדיע.

פון העל־פען.

פריהלינג. אין גאָרטען זיצט ראָזי אליין,
קאָפּ צו דער ערד אָנגעבויגען;
ויימט פון איהר ליעבסטען, זי האָלט איהם אין טרוים
וקט איהם אריי אין די אויגען.

קט איהם אריין אין די אויגען אזוי:
וואָלט זי ביי איהם עפּעס פרעגען...
הט איהם צו זיך און זי שטרעקט איהם אין טרוים,
אזיגע ליפּלאַך אנטקעגען.

שט איהם. זי פלאַפּעלט און שמייכעלט אין טרוים
לוסטיג דאָס הארץ... אזוי פרעהלאַך...
הארץ ווערט פערמאַטערט פון גליקען אין טרוים
וימט און זי דרימעלט פּאַמעלאַך.

ימעלט און טרוימט פון א חתונה־נאַכט —
ערט ניט דעם זשומענדען נגון...
— פליהענדיג דרעהען זיך שנעל ארום איהר
שעהנע, צוויי גאָלדענע פליגען.

יא פליהענדיג דרעהען זיך שנעל ארום איהר
צוויי פליגען — א יונג און א פריילין;
דאָס פריילין פאָראויס, און פון הינטען דער יונג
אזוי ווי צוויי בליץ־שנעלע פיילען...

דאָס פליגעלע־פריילין, עס שרעקט זיך און זוכט —
עס וויל פאר דעם יונג זיך בעהאַלטען;
דערזעהט עס די בלוזקע פון ראָזע׳ן און פליהט
אריין דורך די אָפענע פאַלדען.

עס פליהט דאָרט אריין און בעהאַלט זיך ביים הארץ
אַט וויל עס שוין דאנקען דעם בורא;
דער יונג אָבער האָט — ווי עס פּאַסט פאר א יונג —
בעוויעזען די אייגענע תורה —

אריין, און געשווינד אויף דער פריילין, ארויף —
זשום־זשום און זשום־זשום און זשום־זשומע...
עס קיצעלט... דאָס קושט דער געליעבטער דאָס הארץ
אזוי טרוימט איצט „ראָזי" מסתמא...

דאָס קושט דער געליעבטער דאָס הארץ... זי ערוואַכט...
זי האָט מיט איין קלאַפּ א געאיבטען
צוויי פליגען־פערליבטע געטויט... און מיט זיי
דעם טרוים פון איהר איינציג־געליעבטען...

## מיידל

זי איז אזוי פרום און בעשי
זי איז אזא הייליגער שאַץ;
אַה, גאָט, נעהם זי צו אין
ווייל דאָ איז פאר איהר ני

.2

צו די אויגען טיעף און בלו
צו די בעקלעך ראָזען צוויי
צו די ליפּען רויטער וויין
און די לאָקען לאַנג און שוו
וואָלסטו האָבען נאָך א האר
אַך, ווי ליעב וואָלסטו דאן

.4

אַ פּנים — צו שטאַרבען,
מיט פרישטשעס און קאַרבע
און אַלט — ניט צו לייגען
נאָר שעהנער צום שווייגען
מזומן — קיין גראָשען, —
און זוכט נאָך א חתן!...

.5

אַלט — דרייסיג צוויי,
מיאוס, אי וועה!...
שווארץ ווי די ערד,
קלוג ווי א פערד...
שלאָגט זיך און שעלט,
האָט אָבער געלד!...

ו

און דיעזע „אַסאַבע"
איז אַלט ווי מיין באָבע...
און שעהן — מיינע שונאים
נאָר ווינש איך, איהר פּנים
צוקראַכען און זויער.
און וואָרט — אויף „א לויע

אין נעקסטען נומער קיבעצער קומט דאָס בילד
פון דעם בעריהמטען אידישען דראַמאַטורג
יעקב גאָרדין

קומט און נעהמ
פּרעמיומ

## דער רב מיט'ן אַפּיקורס

(באַלאַדע).

דאס גאנצע שטעטיל
שווערער הורבן:
אַנ פונקט צו אבענדס
ער רב געשטארבען.

רב צוזאמען
אכט די אויגען —
אן אפּיקורס
יך אויסגעצויגען...

ן צוויי נשמות
ם הימעלי'ס טוירען:
—לוסטיג, מונטער...
—שטום, פערלוירען...

ן צוויי נשמות
איז דא צו ריידען;
פליהט צום גיהנם...
צום גן ערן...

עם רב'ס נשמה
הויבט זיך אן צו איילען,
ווייל זי ווייסט: פאר שבת
טאָר מען זיך ניט ווייליען...

קוים עס וועט א שטערען
זונזער וועלט בעגריעסען —
וועלען זיך אין הימעל
אלע טויערען שליסען...

ס'איז א טויר נאָך אָפען,
זעהט זי פון דער ווייטענס;
„גאָט זיי דאנק, געקומען
־ין איך נאָך בייצייטענס..."

פלוצים אבער—זעה נאָר,
וואס איז דאס פאר איינע?..
ביי דעם טויער פון הימעל
שטעהט א פלוי א קליינע.

יא, א פלוי, אַה, כלעבען
און די פלוי זי כעס'ט זיך
מיט די פיסלעך קלאַפּט זי
און איהר קול עס רייסט זיך:

„שטעה, דו האלעדריגע!
וואַרט, דו גאָט'ס נשמה!
נעהמען וויל איך איצטער
פאר מיין טויט נקמה!...

וואס'זשע גלאָצסטו, זאָג מיר,
האסט מיך ניט פערשטאַנען?
זאָל איך מיט א קאנטשעק
אפשר דיך דערמאָנען?...

דו, ביים ספר כלומרשט
ווי פערטיעפט אין קלעהרען...
מיר, דריי פלוי־חברים,
זיצען אויף דיין שטערען

פלוצים שטרעקט דיין האנד זיך
ויינען צוויי אנטלאָפען,
האבען דיינע פינגער
מיך אליין געטראָפען.

גנאַק! איך ליעג א טויטע
טויט אויף דיין מזבח;
זאָג פארוואָס דו מערדער!
זאָג פארוואס רוצח!"

און די פלוי זי כעס'ט זיך
באַפּט ארוים א שווערדעל
און דעם רב'ס נשמה
כאַפּט זי אַן ביים בערדיל.

און—(לאָזט אָפּ דעם רב איצט
און דער פלוי'ס נקמה)
קומט צום אפּיקורס
און צו זיין נשמה.

זיין נשמה געבאָך,
יאָ, זי האָט פערשטאַנען:
אַז צו דעם גן־עדן —
טאָר זי גאָר ניט שפּאַנען...

„ווי ביים לעבען האָב איך
מיר א וועג געקליעבען;
יענער וועג צום גיהנום
איז פאר מיר פערבליעבען..."

פליהט זי שנעל. פאר שבת
וויל זיך איהר נאָך קומען:
פלוצים האָט א מורא
איהר ארום גענומען.

שמייכעלט די נשמה
שעהנע מיידעל־פיסלאַך
זעהט זי זיך בעוועגען,
נעהנטער קומט דאס מיידעל
שטרעקט די הענד אנטקעגען.

„ווייסט איהר ליבסטער מיינער
איך בין אייך וואס שולדיג...
איהר האָט שוין פערגעסען
הערט'זשע אויס געדולדיג

„זיץ איך אין א שיפעל,
אין א טרוים פערזונקען,
קעהרט זיך אום דאס שיפעל
בין איך שיעור דערטרונקען.

„אט איהר דאס דערזעהען
קומט איהר שנעל געשוואומען,
און פון טייכעל האָט איהר
מיך ארויסגענומען...

יא מיין ליבסטער, זעהט איהר
כ'האָב דאס גוט אין זינען;
קומט מיט מיר אצינדער
קומט און לאָזט אייך דיענען...

און זי לאָזט
מיידעל און
ביידע נעהן

פאַלט די זון
שבת ווערט
האָט פערמאַכ
אַלע זיינע מ

בלייבען שטה
אפּיקורס... ט
וויינט ער—
און זי קושט

און ביים טר
דאָרטען... יאַ
ראַנגעלט זיך
מיט דעם רב

פאָהרן
קאָנטרי
מיט דעם

־קניידלאך איז גוט, אָבער וועגעטאַריאַנער קאָטלעטען איז נאָך בעסער. אין קלעפּאַק'ס רעסטאָראַן, 237 א. בראָדוויי, בעקומט

June 2, 1911



# וואו די „מוזען-קינדער“ וואוינען...

פען.

## אקדמות.

מות... אקדמות...
קינדישעס הארץ פלעגט זיך וויעגען און וויעגען.
איך האב געזונגען, גע'חזר'ט דעם נגון.
לאקשען-ברעט בין איך געשטאנען... געזונגען...
האב מיט די אויגען דאס טייגאכץ געשלונגען...
לונגען דעם צוקער, די קעז און די פוטער
ס'הארץ האט געטאנצט ווי א בייזער ניט-גוטער...
זאמע מאכט בלינטשעס. א בלינטשע, א צווייטע.
יינע, א שמאלע, א לאנגע, א ברייטע.
חזר אקדמות און ווארף מיט אנ'אויגעל
טיקעלע קעז ליעגט דאנעבען א טייגעל...
פ און א שלונג! און דאן וויטער געזונגען:
מות", „אקדמות". מיין קול האט געקלונגען
ער דער שטוב אזוי לוסטיג און פרעהלאך
בועות. א צווייטער. אזוי איז פאמעלאך
שבעות... מיין גליקליכער יוגענד פערשוואונדען...
ז איבערגעבליעבען א הארץ פול מיט וואונדען.
היינט עס איך בלינטשעס, כ'האב יום-טוב טאגטעגליך
אלעס איז דא, אין אמעריקא, מעגליך)
עס אין א רעסט'ראנט א שעהנעס, א ריינעם
אלע גרויסארטיגע פריצים אינ'איינעם
לינטשעס — מען קען זיך חלילה ניט סמ'ען —
פונקט ווי אמאל אין דער היים ביי דער מאמען.
עפעס איז דארט נאך פארהאנען וואס בעסערם
וויקען דאס הארץ פון די ארימע עסערם
האנען צוויי מיידלאך, צוויי יונגע, צוויי שעהנע...
אשע" א הויכע. א „דוואשע" א קליינע...
די קליינע א שווארצע. א בלאנדע די הויכע
געבענשט איז דער איד, וואס צו האבען איז זוכה
אזעלכע צוויי טהייערע יונגע נשמות
יא, ווער איז מיר „בלינטשעס" און וואס מיר „אקדמות"
דעם גאנצען „אקדמות" — איך שווער ביי מיין לעבען —
פאר „סאשע'ן" אליין גאר, וויל איך איהם אייך געבען...
די „בלינטשעס" — איך שענק זיי אייך אלע פון הארצען
פאר „דוואשע'ן", דעם קליינינקען קעצעל, דעם שווארצען.
יא, קינדער — עס בייטען די צייטען דעם נגון
דאס הארץ זוכט א יום-טוב מיט נייעם פערגניגען...

## מיין מיידעל.

פון פינטשע.

...און שעהן איז מיין מיידעל — אן עכטע בת-מלכה
ניטא גאר, איך זאג אייך, קיין גלייכען צו איהר;
מיר דוכט איך וואלט קיינמאל ניט מיעד ווערען קוקען
אויף איהר אהן אן אויפהער, אויף איהר אהן א שיעור.

און קלוג איז מיין מיידעל —א וואהרע חכמה,
און רעדט זי, וואס ווייסט איהר, א פערל א ווארט;
מיר דוכט איך וואלט אימער געזעסען געהערט איהר,
געשמיעדט, דוכט מיר, וואלט איך געוועזען צום ארט.

און גוט איז מיין מיידעל — א רעגעלער מלאך,
א סימבאל פון ליעבע, די גוטסקייט אליין;
מיר דוכט איך וואלט אימער לעם איהר זיך געפינען....
איהר גוטסקייט.... עס איז דאך א חיות און שוין!

און..... וואס זאל איך זאגען, א, טאטעניו זיסער!
א וועזען א גוטעס, א קלוגעס, א שעהנס!
— נו, נו, גוטער ברידער — וואס נוקעט איהר פעטער,
דאס מיין איך דאך טאקי, וואו נעהמט מען אזוינס....

מעפיסטא.

## אוי, מתן תור...

„ויאמר אל העם
ושלשה ימים אל
אשה. יתר...

און טראכט איך פון יום-טוב
דאן לעגט זיך מיר שווער אוי...
ווי קומט עס, א פאלק פון חכ...
זאל זיין אזוי נאריש, זייט מ...

איך מאהל מיר: דהיינו, למש...
עס וואלט צו מיר קומען דער...
די קעשענעס פול מיט פאפיע...
זיין נייע, זיין היילגע תורה...

און וואלט צו מיר זאגען געל...
איך בין זיך אזוי אלץ משעו...
„הערט, איידער איהר נעהמ...

געהט וואשט זיך און זייט זיך...

און האט איהר א ווייב צו א...
פערלאזט זיי און קומט צו...

איך ווער מן הסתם א צוקא...
און זאג איהם: מיין גאט,

פערלאזען מיין מיידעל—ווא...

איהר זייט דאך, מיר דוכט...
ווי קענט אזעלכעס פערלא...
פון מיר א בן אדם א בחור...

און ער וואלט געזאגט מיט א...
„3 טעג נור, פערשטעהסט,...
און איך וואלט ארויס דאן...
פערשטעהענדיג גוט זיין כ...

—העי, פעטער, מען קען ש...

מען ווייסט שוין די געטלי...
„דריי טעג נור" און נאכהע...
איך קען אייך שוין בורא'ס...

און וואלט ער גענומען מין...
„לויתן, גן עדן מיט בלומען...
רבותי, עס וואלט ניט געה...
איך וואלט ניט זיין תורה ג...

## א שבועות מעשה'לע.

פון יוסף ראלניק.

און אסתר ביידע קינדער
ן צו דעם טייך געלאפען,
'ן וועג ביים ערשטען בריקעל,
זיך חנ'קע אנגעטראפען.

ן מיר שוין אין קאמפאניע:
און ביידע מיידלעך קליינע,
דער מאנסביל געה אין מיטען,
ער זייט צו מיידלעך איינע.

גות איז'ס געווען נאכמיטאג
די קאווע מיט די זעמעל,
ר געהט אזוי מיט ליידיג,
ע טראגט א גאנצע קרעמעל.

איהר זומערדיגען מאנטעל'ס
גענעהטע, ברייטע טאשען
גט זי: פירעזשקעס און מאנדלען,
און צוקערליך צום נאשען.

זי מיר א הייפעל ניסלעך,
א פיריזשקע צו אסתר,
דען ביי אסתר'ן א מאכל
איז א פיריזשקע דער בעסטער.

קנאק איך איינם נאך איינם די ניסלעך,
מיט געזונדע, יונגע צייהנער,
אלע יאדעריגע ניסלעך,
און א ווארים—כאטש-בי איינער!

נור א סיבה'לע א קליינע,
האט מיט אסתר'קען געטראפען,
פון דער פירעזשקע דער האניג
איז פערביי איהר מויל געלאפען.

זיינען אויף די בלייכע בעקלעך,
אויסגעוואקסען רויטע ווענצלעך,
זיסע, ליעבע האניג ווענצלעך,
ווי ביי שלח-מנות מענשלעך.

לאכט זיך חנ'קע הויך פארנאנדער!—
נור אויף אסתר'ס לאנגע ברעמען
הענגען טרעהרען ווי די פערל,
בלייכע אסתר טהוט זיך שעהמען.

אזוי געהענדיג געקומען
זיינען מיר צום קליינעם טייכעל,
נעהמט זיך אסתר'ל אבווישען,
איהר פערשמירטע באק און מיילכיל.

קוקען מיר אזוי אין וואסער,
איך און ביידע קליינע מיידלעך,
זעהען זיך דארט אינ'ם וואסער,
די צוויי מיידלעכ'ס ווייסע קליידלעך.

און מיר שטעהען דארט זיך אלע
מיט די קעפ אראב צום אונטען,
און דער הימעל און די וואלקענס
שפרייטען זיך ווי טיעפע גרונטען.

קוק איך ווייטער: שיכלעך, זעקלעך,
ברענען, פלאמען מיינע אויגען...
אך דו לידאק!.... כאפט זיך חנ'קע,
און מיר זיינען זיך צופלויגען.

(לעזונג פון דער רעטעניש).



## גאר א וויכטיגע איבערא...
## אונזערע לעזער...

דעם עפילאג פון אונזע...
רייכען ראמאן וועט שרייב...
אנדערער ווי דער בעווא...
צעהלער ב. באטווויניק.
מאאוד, איינער פון אונזע...
טע סטעף-ארטיסטען מא...
סטרא צייכנונג צום של...
ראמאן.

June 2, 1911



# די אַלטע וועלט




## נאָך דער חופּה . . .

א זילבערנע נאכט. אזוי שעהן, אזוי גרינג.
א שעה נאָך דער חופּה. א רגע צום גליק.
עס שפּיעלען די כלי־זמר. עס פלעכט זיך א רינג.
עס טאנצען א „פרעהלאכס" אינאיינעם
קינדער, און ווייבער און זקנים.

עס שפּיעלען די כלי־זמר. מען טאנצט און מען לאכט:
„דער חתן די כלה — צוויי קינדער — איין הארץ.
געבענשט איז דאס הארץ... און געבענשט איז די נאכט..."
עס טאנצען און פרעהען זיך אלע —
פאַרשווינדען דער חתן, די כלה...

און שטיל. אין איהר חדר די כלה... אליין..
דער חתן פון זיידען און טאטען בעגלייט.
בעגלייט פון א פּליט, פון א פידעל־געוויין —
עס וויינט און עס ציהט זיך דער נגון,
דער כלה'ס געוויין צו פערוויגען...

א טאן פון א פידעל. א טאן פון א פּליט.
א שעה נאָך דער חופּה... א רגע צום גליק...
א רגע — א רינג אין דער גאלדענער קייט..
די כלה וויינט שטיל — איהרע טרערען
פאלען ווי גאלדענע שטערען...

העל־פּען.

June 16, 1911



# וואו די „מוזען-קינדער" וואוינען...

## אַן אַלטע לעגענדע.

ער אין א זיידענער לאנגער קאַפּאָטע
און זי אין א ציצענעם קליידעל;
זי'איז געווען אזוי בלאַס, אזוי קרענקליך
און ער איז געווען אזוי איידעל.

צונויפקומען פּלעגען זיך ביידע אין אבענד.
עס האָט אָבער לאנג ניט געדויערט;
ביי איהר איז דאָס קליידעלע ענגליך געוואָרען...
און ער איז געוואָרען פערטרויערט...

געשפּילט האָבען ביידע אן'אמת'ע ליעבע
די שפּיעל האָט דער שטן פערדאָרבען...
זי האָט זיך פון בושה דאָס לעבען גענומען
און ער איז פון וועהטאָג געשטאָרבען...

פון איהם איז געבליעבען די לאנגע קאַפּאָטע,
פון איהר — א צעריסענעס קליידעל...
דאָס קליידעל, מען האָט עס פעררי כט און געשאָנקען
אַנ'אנדערער אָרימער מיידעל.

א בחור'ל האָט זיין קאַפּאָטע בעקומען,
און איידער א יאָהר איז אנטלאָפען —
האָט זיך מיט דעם בחור און מיידעלע נעבאך
די אייגענע מעשה געטראָפען...

העל־פען.

## צו אַ שפּיעלמאַן.

איך פערשטעה דיך, ליעבעס קינד,
כ'קען דיין שמייכעל,
דיר געפעהלט פון הערצער־שפּיעל
בלויז דער שכל.

שענקסט דא יא, דאָ שענקסטו ניט
ס'בליק דיין ריינעם,
גאנגען האָסטו אלערליי,
איך — נאָר איינעם.

און אויך דעם פערשפּיעל איך באַלד,
כ'בליב אין מיטען;
כ'זעה א צווייטען שפּיעלען שוין,
כ'זעה א דריטען.

אלע הערצער אין דיין האנד,
אָבגעוואונען...
זוכסטו צום שפּיעלען נאָך א הארץ
און געפונען...

דאָס איז נאָר דיין מיין, איך וויים
דיינע ציעלען...
היט זיך דאָך — דו וועסט אמאָל
אויך פערשפּיעלען!...

א. שפּיעלמאַן.

## זי לאַכט.

(אסתר'קען מיט הארצוועהטאָג ג[...]
ווידמעט).

פון מאַטווייקע.

אַ שפּאַס אהין, א שפּאַס אהער —
אין אמת'ען איז שרעקליך שווער
צו לעבען אויף דער וועלט:

שוין דאכט זיך גוט! — דו לאכסט[...]
מען לא[...]
פון דיינ'ס א שפּאַס און ניט געמא[...]
און דאָך, — עס יאָגט א קעלט!

אָט שטעלט זיך פאָר: איך ווידמ[...]
א[...]
אַ ליעדעל — שווארץ אויף וויס[...]
פּאַפּי[...]
נאַ, זעה מיין אמת הערץ!

איך ברענג עס איהר, זי לעזט עס [...]
מיר דאכט — דאָס אלץ, וואס א[...]
געברויך[...]
נו, פּראָסט גערעדט: קאָמעדיע!

אומזיסט, מיין פריינד, אומזיסט[...]
געוו[...]
אַליין זיך האָסטו אָבגענארט:
זי לאַכט: „איהר שטיפט, איה[...]
שפּאַסט[...]

איך שריי: אָ, קינד, ניט רייד א[...]
דו טהוסט מיר לייד, דו טהוסט מ[...]
וועָ[...]
ניט אימער לאַכען פּאַסט!

איך רייד מיט הארץ, איך רייד מ[...]

איך פיהל מיר דרעהט דער קאָפּ[...]
איך [...]
„נו, גלויב דאָך, ליעבסטע, נאַ!"

און זי, — זי קייכט, זי זיצט קוים[...]
דעם קאָפּ פערטיעפט אין שוים א[...]
„איהר שפּאַסט!... כאַ, כאַ, כאַ,

## בריעף פון אַ פאַרמער
פון באַנקיער־פאַן־יאָסעלדאָרף.

דעם צוועלפטען. ליעבער שלמה! כ'האָב
דיין שעהנעם בריעף ערהאלטען.
מיך האָט געפרעהט צו הערען פון
א גוטען פריינד אן אלטען.

דאָס ערשטע קומע איך דיר צו
בענאכריכטען מיין שלמה
איך בין געזונד, נור קראנק איז יעצט
מיין ווייב און די בהמה.

יאָ, טרעגסטו מיר, פון וואס איז מיר
מיין ווייב יעצט קראנק געוואָרען?
אין זאָג איך דיר, מיין שלמה, אז
זי קרענקט מיר אלע יאָהרען.

און מיט די קוה איז טרויעריג, —
זי ליידעט אויפ'ן אייטער,
אין דאָס וואלט מיך גיט אארען, נור,
הער צו די מעשה ווייטער.

איך בין אוועק נאָך כאַצקעלטאָן
א קראַנקער, א פערצאָגטער,
אַ דאָקטאָר ברענגען פאר מיין ווייב
און פאר מיין קוה א דאָקטאָר.

איין דאָקטאָר האָט מיין ווייב בעטראַכט,
איהר אויסגעהארכט דאָס לעבען
און דאָן פאר איהר א צעטעלע
פאר מעדיצין געגעבען.

דער צווייטער האָט מיין קוה בעטראַכט
און מיר געזאָגט: „מיין ליעבער,
די קוה איז יעצט געפעהרליך. נעהט
אין שטעדטיל שוין אריבער

און ברענגט אָט דיעזען מעדיצין
און גיט'ס צו די בהמה
א קוואַרט פון דעם. נור מאַכט עס שנעל!" —
וואס פרעגסטו מיר וואָס שלמה!?

איך האָב געבראַכט, נור ס'איז דער קאָפּ
צוטומעלט מיר געוועזען
און ס'אָנגעשריבענע קען איך
צום אונגליק נאָך ניט לעזען...

נו, האָב איך די רעצעפּטען צוויי
אין גאנצען גאָר פערביטען...
אוי גאָט זאָל מיר און דיר פון דעם
בעוואָהרען און בעהיטען.

איך האָב מיין ווייב פון „קוה־רעצעפּט"
א קוואָרט אריינגעגאָסען
אין האלז. און זי האָט גלייך נאָך דעם
בעקומען קיהיש לשון...

ז'האָט „מוה" גענומען שרייען און
פון בעט אראָבגעקראָכען
אויף אלע פיער, און מיט די רעטס
און העט־פינס מיר געשטאָכען...

און מיט די פראָנט־פוס האָט זי מיר
גלייך אין די צייהן געגעבען,
אז כ'האָב פערזאָגט ניט האָבען מעהר
צו טהאָן מיט קיה אין לעבען.

דאָס שטיקעל גליק איז וואס זי קען
דאָס מענשליך שפּראך ניט רעדען
און צוליעב דעם איז אין מיין הויז
אן אמת'ער גן־עדן...

הער ווייטער איצט. די קוה האָב איך
די פּיללען איינגעגעבען,
(וואס האָט געזאָלט זיין פאר מיין ווי[יב]
און ז'האָט בעקומען לעבען.

ז'איז גלייך קאָקעטיש פונ'ם שטאָהל
מיט כעס ארויסגעשפּרונגען
בלויז אויף די פיס די הינטערסטע,
און האָט זיך דאָן צוזונגען:

„די וועלט איז שלעכט און אונגערעכ[ט]
„די מענער זיינען שלעכטע.
„מיר, סאפרעדזשעטען פאָדערן
„גערעכטע פרויען־רעכטע!"

דאָן האָט זי, ווי אמאָל מיין ווייב,
מיך אזוי שטאַרק צושלאָגען,
אז כ'האָב פאר פרויען די מינוט
גאָר גרויס רעספּעקט געקראָגע[ן]

נו, זיי געזונד. ס'איז זעהר שלעכט
מיין ליעבער חבר שלמה, —
יעצט האָב איך ניט קיין ווייב און ב[...]
קיין נוץ פון די בהמה.

ווילט איהר זיין אַ מאָדערנער מענש, געהט קויפען אלע אייערע דזשענטס פאָרנישינג אין' שאַפּירא בראָס. סטאָר, 137 קלינטאָן סטריט.

June 30, 1911

# דער קיבעצער.



העל־פען.

## „נייע פייגעל—נייע ליעדער.

דער איינער מיט אויגען ווי זון־שיין אין פריהלינג,
מיט שוועבענדע טאנצענדע טריט ווי א ווינד.
דער צווייטער, אזוי ווי א ווינטער־טאג בלאס
דער נאקען געבויגען, די אויגען האלב־בלינד.
מיר האבען זיךביידע בעגעגענט אין גאס
דער אייבינקייטס אייביגער צווילינג.

און לייכט מיט א רוהיגען שמייכעל א שטילען
דערלאנגט מיר דער זקן זיין ציטריגע האנד
און ציטערדיג פרעגט זיך דער זקן ביי מיר —
ער פרעגט און ער ציטערט און פרעגט נאכאנאנד:
„וואס מאכסטו מיין זוהן? און וואס הערט זיך ביי דיר?
און אידישקייט? ציצית און תפלין?"

יא תפלין?... עס בייטען די צייטען דעם נגון...
עס וואקסט אויף דעם ארט פון די תפלין קיין גראז.
מיין ליעבסטע קומט טעגליך צו מיר אין דער פריה
און פונקט ביים של־יד קומט זי אן צום פערדראס
זי קושט מיר מיין שטערען און שפארט מיר די מיה...
של־ראש בלייבט אין זעקעלע ליעגען.

מעפיסטא.

## ראמאנסען.

.1

אז דו ביזט פערליעבט אין מיר,
דיינע אויגען זאגען,
מורמלען דיינע ליפען „ניין",
ווער איך שוין צוטראגען.

זיץ איך תמיד און איך טראכט, —
א רעטעניש א שווערער!
אבער, קינד, איך בלייב ביי מיינס:
אויגען וויסען מעהרער...

.2

דאס מעשה'לע האט מיר מיין באבע דערצעהלט:
„א מאהל איז א מלך געוועזען,
געהאט האט ער אוצרות פון זילבער און גאלד" —
זי האט'ס אין א ספר געלעזען.

דאס מעשה'לע איז אזוי שעהן, אזוי שעהן,
ניט ווילענדיג ווינט מען מיט טרעהרען!
איך וועל דיר דערצעהלען, נור גיעב מיר א קוש,
איך זאג דיר, ס'איז וואונדער צו הערען.

אזוי... א... דו ביזט אזא גוטע, מיין קינד,
כ'וועל אייביג דיר מעשה'לעך שענקען,
נור איצטער... פערגעסען... א שאד... אזוי שעהן...
דיין קוש אבער וועל איך געדענקען.

.3

כ'בין א שאטען פון א מענשען
וואס האט ווען אמאל געלעבט;
ברייטע פליגעל האט געהאט ער
און אין הימלען נור געשוועבט.

זיין נשמה רוהט שוין ערגיץ
אין א וויסטען מדבר טהאל
און איך בין בלויז נור א צייכען
אז ער האט געלעבט אמאל.

קומט ווען איצט צו מיר זיין ליעבסטע
לינדערען זיין טיעפען שמארץ,
צו זי שיסט מיט ליעבעס־פיילען
אין מיין טויטען שאטען הארץ, —

בלאין איך דעמאלט פון געלעכטער
גלייך ווי ס'וואלט מיך קיצלען ווער.
ער איז לאנג, שוין לאנג געשטארבען
און זי מיינט אז איך בין ע ר...

## איך ליעב דיך ..

(געווידמעט מיין בעסטען פריינד —
זיך אליין).

.1

איך ליעב דיך ווי עס ליעבט דיר קיינער
איך ליעב דיך טריי ביז גאר...
איך ליעב דיך ליעבער, שעהנער מלאך,
שוין איין און צוואנציג יאהר...

איך האב דערקוויקט דיך מיט מיין
ליעבע, —
געהאלפען דיר מיט געלד
איך האב געמאכט אז א גן־עדן,
זאל זיין פאר דיר די וועלט...

און אייביג, אייביג, וועל איך ליעבען
דיך אזוי היים און שעהן; —
איך ליעב דיך ווי עס ליעבט דיך קיינער
מיין פריינד — מיך זעלבסט אליין...

.2

איך ליעב דיך ווייל ס'שמעקט פון דיר
א פעטער, זיסער ריח...
איך ליעב דיך ווייל ס'קומט מיר צו
פון דיר אי בלוט אי כח...

איך ליעב דיך, ווייל ביסט גוט
און שטיל
ווייל גיסט זיך שטום מיר איבער...
און שטענדיג וועל איך ליעבען דיך —
דו שבת־קוגעל ליעבער...

ס. מאכלין.

מ. ווײמאן.

## פון דער זוייבערשער שו

(אידעאלען)

יענקי דודל אידעאל.

זיין מוז ער פון לעצטען פעשאן
זאנסט בין איך צו הויז ניטא.
ער דארף קענען פלוירטען ,מע
ער מוז זיין א ספארט, יו נאו.

ער דארף זינגען „יענקי דודי"
געבען קאמפלימענטען מיר;
שפרינגען, טאנצען, ווי א פודע
קושען לאסטשען אהן א שיעור

ברייננגען דארף מיר דיעזער דע
גאנצע באקסעס מיט פערפיום,
גרויסע בעקסעס פול מיט קענ
פלאווערס כאטש א פולע רום.

זיין דארף ער א פיעל געניטער
אין דער גרויסער ספארטינג־וו
און אויף בעלער אין טעאטער
מוז ער ספענדען גאר זיין געל

שם'ען דארף זיין גרויסער נא
פול מיט עהרע איבעראל,
צו אזוינעם שטרעבט מיין זע
א, דאס איז מיין אידעאל!

— — — — — — — — —

דאך בין איך קיין איינגעשפאר
כ'זאג עס אייך נאר אין דער
קוים נאר האט ער די ממתקינ
מעג ער זיין זיך ווער ער וויל

### ביזנעס אידעאל.

זיין מוז ער א רייכער מאן,
רייכער נאך פון ראקפעלער;
דען איך האב א גרויסען וועל
צו אלצדינג וואס איז פאראן.
איך מוז וואהנען אין פאלאצען
עסען נאר פון גאלדענע טאצען
איך מוז פאהרען אין קארעטען
מיט באדינער און שטאפעטען.
מען מוז קלינגען אין די גלאקע
וואו איך בין מיט חן מיט זא
איך בין שעהנער דאך פון קי
און מיין ניים, יו נאו, איז סי
און איך בין א ביזנעס ליידי
איך פערקויף דאך רויטע זאקע
און דערפאר קומט מיר דאס א

ווילט איהר זיין א מאדערנער מענש. געהט קויפען אלע אייערע דזשענטס פארנישינג אין' שאפירא בראס. סטאר, 137 קלינטאן סטריט

July 14, 1911



# ליעבע פּאַוויליאָן



די זון שטעהט אין מיטען פון הימעל.
אין בוים־שאָטען, שטיל, זאלבערנאַנר,
זיצט מיט א צווייטען מיין ליעבסטע
זי טרוימט... און ער קושט איהר די האנד.

זי טרוימט מיט פערשלאָסענע אויגען...
עס מאָלט זיך דער „ערשטער" איהר אויס...
דער „ערשטער" — יאָ, איך בין עס נעבאך.
זי טרוימט, אַז איך האַלט זי אין שויס,

און פלעכט ארום איהר מיינע אָרעמס
און קושען — מיר קושען זיך ווילד...
דער צווייטער קושט נעבאך איהר הענטעל,
און זעהט ניט דאָס גרויזאַמע בילד...

דער אָרימער צווייטער... מיין ליעבסטע...
זי טרוימט... און ער קושט... און מיר דאַכט:
אַז אונטער א בוים שטעהט דער שטן
און קוקט אויף זיי בּיידע... און לאַכט...

## אַזוי זיך.

פון מעפיסטאָ.

מיין ליעבסטע גזועלשאפט — דאָס בין איך.

• • •

א פרוי קען געגליכען ווערען צו אַן אָפּגעריבענע מטבע, — איהר קענט קיינמאָל ניט וויסען, פון וועלכען יאָהר דאָס איז.

• • •

א פשוט'ע פראגע: קומט די היטץ פון די שרייבעכצען, אָדער — פער־קעהרט?

* * *

אָך, ווי עס בריהט! האָט זיך ד... היטץ געגומען איין האלבען מעת־לע... און די ליעבע — דעם צווייטען, און — פשוט אַן אינקוויזיציע! וואס קוק... איהר מיך אָן, וואס? באשר, די צי... טונגען, דערמאָהנען נור די קרבנות... פונים ערשטען און ניט פונ'ם לעצטען... א יאָ? איז ראשית זיינען די ליעבע... קרבנות. שוין צופיעל שרעקליך, או... שנית — אָט דאָס שריי איך דאָך טאק... — אמעריקא, ניט גערדאכט זאָל עס... ווערען, רבונו דעלמא כולא!

## היץ און קעלט.

פון העל־פען.

דריי שוועסטער קען איך. אלע דריי שוועסטער זיינען אנגענעהם און גאסט־פריינדליך. קום איך צו זיי, ריידען זיי וועגען ליעבע. אימער וועגען ליעבע. אבער אהן פייער, אהן ליידענשאפט רעדט מען, פונקט ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט אום א שיסעלע בארשט, א קנעפעל־ציהער, א בלויען קארסעט, אדער נאך אזעלכע זאכען, און דאס פערדריסט מיך טאקי.

אָט מיט א פּאָר טעג צוריק אין די גרויסע היצען זיץ איך ביי זיי אין צימער, ריידען מיר, זאגען אלע דריי צוזאמען, אז ליעבען טאָר מען נאָר איינע.

יאָ.... נאָר איינע... קלעהר איך, פאר אייך מיידלעך זיינט איהר געדעכט. איהר האט דאך ניט גענוג ליידענשאפט אפילו א האלבען צו ליעבען.... אבער איך?

מיין גאט! פופצעהן! דרייסיג! אך שעהנע מיידלעך ווי ליעב איך אייך! און פארוואס נים. צו וואס האט אייך דען גאט בעשאפען?

נאָר איינע — זאגען אלע דריי צוזאמען — נאר איינע מעג מען ליעבען און אין דער אמת'ן וואלט מיך זייער זאגען גאר ניט גע־ארט, זיי זאלען כאטש ארויסווייזען א פונק פון ליידענשאפט, אין זייער טאָן אבער ליעגט אַזאַ רוהיגקייט, אזא געמיטליכקייט ווי אין דעם מאָגען פון א רייכען. די זעטינקייט ווען ער האט זיך גוט אנגעפרעסען און ער הייסט זיך דערלאנגען דעם צימעס. ווי איך ווייס אבער — זיינען אלע דריי נאך אין גאנצען אונשולדיג. אוואו־זשע ליגט פארט די שולד פון זייער קאלטקייט?...

איך טראכט און איך פיהל, אז עס הויבט מיך אן צו פּעדריסען.

נאָך אלעמען, איך, א בחור, מיט געזונדע פּלייצעס, זיץ ביי זיי, שטונדען לאנג און זיי— אזוי ווי שטיינער! אפשר מאכען זיי דאס נאר אזוי? ווי אזוי געפינט מען דאס אויס?...

ווארט! איך האָב עס! א שעהנע אידעע:

„מיינע דאמען — זאג איך — די היטץ איז געפעהרליך, איהר וועט ערלויבען איך זאל מיין ראק אויסטהאן".

„געוויס" ענטפערען אלע דריי צוזאמען זעהר פריינדליך.

איך קאשער ארויף איין ארבעל פון העמד, דעם צווייטען, איך בעוויין מיינע מוסקולען.

„איהר זעהט — זאג איך — מוסקול, שטוהל... גראניט!

„טאקע, טאקע" — זאגען אלע דריי צוזא... מען און דוקא מיט א שמייכעלע, אבער איינ... כאטש זאל עס זיך וועלען צוריהרען מיט א... פינגער. ניין....

איך פיהל אז איך ווער שוין בייז... אבע... איך צייג נים ארוים.

„מיינע דאמען, די היץ איז געפעהרליך!... איהר וועט ערלויבען איך זאל מיר אויסטהא... מיין אויבערהעמד!

„געוויס" ענטפערען אלע דריי צוזאמען או... פונקט מיט די זעלבע פריינדליכקיים פו... פריהער....

איך פאטש מיטביידע הענד אויף מיי... האלב־נאקעטער ברוסט זיי קוקען זיך ניס... אום:

„מיינע דאמען! — זאג איך — איהר זעה... א ברוסטעלע גנב! שוין איינמאל א ברוסט... הא?

אלע דריי הויבען אויף די קעפּ. קוקען זיך... איין און פונקט מיט דעם זעלבען שמייכעל... פון פריהער זאגען אלע דריי צוזאמען „טאקע, טאקע".

מיר אבער דאכט זיך, אז אָט פּלאַטץ איך... געפעהרליך בייז בין איך. איך קריץ מיט די... ציינער. מיידלעך — קאלט ווי אייז, ווי מצבה... שטיינער! צום נאר מאכען זיי מיך! צום... נאר... נאָר דאס זאל אייך ניט נעראטע... מיידלעך. ניין, מיך צום נאָר מאכט מען נים.

„מיינע דאמען — טהו איך א געשריי — די היץ איז געפעהרליך!"

איך טהו א קוק אויף זיי — גאר נישט... רוהיג ווי מתים זיצען זיי! גאָט־פער... דאמט! איך פיהל ווי עפּים אזוי ווי א בליץ... טהוט זיך א ריס ביי מיר אין מח! א פלאַ... ווי א בלוט־כוואליע טהוט א בליאסק פאר די... אויגען און איינער, דאכט זיך, שטעהט נעבען... מיר און שרייט:

אידיאָט! רייס אראפּ די הויזען, די הונטער... וועש פון לייב. זיין ניט ווי א גולם. רייס אראפּ... און שפּרינג אריין אין מיט צימער. נאקעט! ווי... פון איין פלוי געביסען וועלען זיי אלע דריי... אויפשפרינגען, ווי פון איין פלוי געביסען!... וועסט זעהן! און א קוויטש וועלען זיי דאס... טהון! אהו! א קוויטש! די לופט וועט עס... דורכלעכערען!

און וואס ווייטער געדענק איך ניט מעהר... אזוי ווי דורך א חלום זעה איך דריי מיידלעך... שטעהען ארום מיר, איך טאנץ און זיי — —

„חי־חי־חי! נאקעט! זעה נאר נאקעט. חי... חי־חי" — — — — — — — —

## צו די אַגענטען פון „קיבעצער".

דער נעקסטער נומער „קיבעצער" וואָס וועט ערשיינען אין צוויי וואָכען ארום, דעם 28טען דזשולאַי, וועט זיין דער ערשטער נומער פון אונזער ווע־כענטליבע אויסגאַבע. נעהמט דאָס אין אכט און סעטעלט אייערע בילס און שיקט צו בעשטימטע אָרדערס פאַר נעקסטען נומער „קיבעצער".

צוליעב א געוויסער סבה איז ביאליק'ס בילד ניט גוט ארויסגעקומען זון דארום גיבען מיר אויף זיין ארט דאָס בילד פון דעם בעריהמטען רוסי־שען שריפשטעלער לעאָניד אנדרעיעוו. ביאליק'ס בילד וועלען מיר געבען אַן אנדער מאָהל.

מיר ווילען אייך ניט זאָגען אַ וואו איהר מוזט אליין געפינען שאַפּיראָ בראָס. דזשענטס־פאַרנישינג סטאָר, 137 קלינטאָן סט.

July 28, 1911





## א באַרדער מאַרש.

(נאָך ראָזענפעלד'ס „גלות־מאַרש.)

יט דעם „קאַלער־טאַי“ אין האַנד,
זיט ערפאַהרונג, געל אין לאַנד,
זיט אַ „העט“ וואָס האָט אַ לאָך
וף זיך יעדע נייע וואָך
והן אַ „פּושקאַרט“ נאָר צו־פּוס
עדיג זיין איז — אַ גענום!
זימער — ניי, ניי, ניי,
זימער — פּריי, פּריי, פּריי,
זימער מוף, מוף, מוף,
יי דער סטופּ און ניי דער רוף.

זונזער גבורה — ליעגט אין שוך
אונזער חכמה איז אין — זוך.
אונזער וואַפען — גלאַטער צונג,
אונזער שטרעבען — מיסים יונג.
ליעב איז נאָר אַ נייע בעט
יער עס מופּט ניט האָט אַ חטא
אימער בלאָף, בלאָף, בלאָף,
אימער האָף, האָף, האָף,
אימער רענט, רענט, רענט,
האָב נור לוסט צו נייע ווענד.

און אַזוי אַ יאָהר נאָך יאָהר,
פאַלען מעגען דיר די האָר,
ניט פערבינד זיך מיט קיין ווייב,
נעהם קיין צרה אויף דיין לייב,
קנעפּלאָך נעה אַליין אין העמד
בלייב אַ באָרדער אין דער פרעמד.
אימער בענק, בענק, בענק,
אימער קרענק, קרענק, קרענק,
אימער גרייט, גרייט, גרייט,
און אַ באָרדער ביז'ן טויט.

דער לעבעדיגער.

## 18

(עפּיגראַם).

זי בעלאַנגט צו ייִנגע סאָרט:
וועלכע ליעבען האַלטען וואָרט.
כ'האָב אַ מאָל געפרעגט ביי איהר:
וויפיעל איז זי דאָס שוין אַלט?
„איך דאַרף ווערען אכצעהן באַלד“.
האָט זי דאַן געענטפערט מיר.
ס'איז אַוועק פון דאַמאַלסט אָן
פון צעהן יאָהר אַ קימאַ־לן,
דאָך נאָך פעסט איהר וואָרט זי האַלט:
„איך דאַרף ווערען אכצעהן באַלד“.

ס. מאַכלין.

## געדאַנקען שפּליטער.

פון א. ל. וואָלפסאָן.
(אַ פאָטאָגראַף.)

### גענום און לעבען.

ווילסטו לעבען ווי אַ מענש?
געניסען פון דער סעודה?
דאַן פערגעס דיין אייגען איך
און טאַנץ נאָך יענעמס דודע.

און הערסטו ווען אַ פאַלשען טאָן
ס'גרילצען דיר די טענער;
טאָ ווער אַ פּראָסטער האָן און קרעה
ווי אַלע פּראָסטע הענער.

### אונשטערבליכקייט.

מהשבות פון אונשטערבליכקייט
האָט מיין געדאַנק געוועבט,
ניט שטאַרבען, זאָגט די לאָגיק, קען
אַ מענש, וואָס ט'ניט געלעבט.

איך טרויסט מיר מיט די לאָגיקע
וואָס די רעיונות וועבען;
מישטיינס געזאָגט אַ מוזען־קינד
וואָס ווייס איך פון אַ לעבען?

די פּרעסע איז צו אָרעם נאָך,
זי קען נאָך ווייניג געבען
„איין דאָלאַר“ צאָהלט זי פאַר אַ וואָרט
היינט געה און מאַך אַ לעבען?

### פערד און מתן תורה.

„וישק את הגמלים“ לערנט אַ אינגעל
און בויגט שטיל זיין קעפּעל צו ד'ערד
רעבינקע, פרעגט ער שטיל און בעשיידען
גמלים איז ניט דער טייטש — פערד?

ניין, ענטפערט דער רבי, ניט פערד זיינען גמלים,
געפעהלט האָט פאַרצייטען די סחורה;
עס האָבען גענומען זיך יאָוועגען פערד ערשט
העט שפּעטער ערשט נאָך מתן תורה.

### נאָז פילאָזאָפיע.

אַ מענש וואָס האָט אַ לאַנגען נאָז
קען מיט רעכט דערמיט שטאָלצירען:
דען מען דאַרף אַזאַ מין נפש
קיינמאָל ביי דער האַנד ניט פיהרען.

### איך און ער.

דער גוי מאַרק טווייז אַזוי ווי איך
פלעגט שרייבען שאַרף און „פאַני“
און האָט געלעבט זיך לאַכענדיג
און מאַכענדיג די „מאָני“.

און איך מיין שטערען קנייטש און שרייב,
און שאַף אַ וויטץ פאַר אידען,
און ניט איך לעב און ניט איך לאַך
איך האָב בלויז — „הומאָר אידען“

()::::()

## דיינע פּיסלאַך.

פון העל־פּען.

מיין געליעבטע איז געגליכען
צו אַ טענצערקע אַ שעהנער,
איהרע פּיסעלאַך דערצעהלען,
מעשה'לאַך פון גליק און ליעבע.

טראַכט איך פון מיין ליבסטער'ס פּיסלאַך,
טהוט מיין האַרץ אַ הייסען ציטער.
געהט דער ציטער דורך מיין קערפּער
ביז צום אונטערלייב אַרונטער.

געהט דער ציטער דורך מיין קערפּער—
און ער הויבט זיך אויף צום מח
צו דעם שלאַכטפעלד, וואו געדאַנקען
ראַנגלען זיך מיט נאַרישקייטען.

נאַריש זיינען דיינע פּיסלאַך,
מיין געליעבטע. האַרציג־נאַריש,
ווי מיין אייגען האַרץ, וואָס אימער
טראַכט עס נאָר פון דיינע פּיסלאַך....

()::::()

### „פאָלקסטהימליך“.

(פון אונזער מוזעאום).

צפּורה'לע, ווייסטו, אַז איך האָב דיך ליעב, —
דו ביזט דאָך אַ מויד ווי אַ צימעס;
צו קושען די באַקען, די בוראַקלעך צוויי
עס וואָלט מיר קיינמאָל ניט זיין נמאס.

מיין קינד, ווי דו זעהסט, געהט עס אַלץ ווי געשמירט,
נור קענסט מיך פערלאָזען, ס'איז מעגליך;
כ'האָב מורא, מיין קינד, ווייל דו וואשט ניט דיין קאָפּ
און ביזט מיר שוין צופיעל בעוועגליך...

מעפּיסטאָ.

## אַ ניו יאָרקער זויגע־ליעד.

פון באַנקקיער פאָן יאָסעלדאָרף.
(זינגט מיט'ן מאָטיוו: „אין אַמעריקאַ איז דיין טאַטע).

די לבנה שווימט אין הימעל
טרוימעריש און פריי;
אַך, ווי ליכטיג איז דאָס נעכטעל,
איי, איי, איי, איי, איי.
פערד אוי ליגען אויסגעצויגען
נעבען יעדער הויז,
אינגלאָך שטעהן ביי די פּגרים,
כאַפּען פליעגען אויס.
קעץ און הינטלאָך רייסען אום זיך
ביי אַ קופּע מיסט;
רעסטאַראַנען־ריחות פליהען,
און דער עולם ניסט.
אויף די כטופּלאָך רעדען פּאָרלאָך
מיט דער ליעבעס־שפּראַך,
קאַלטע עמער וואַסער שטראָמען
גלייך אויף זיי פון דאַך.
ווייבער לעגען אויס מאַטראַצען
אויפ'ן טראָטואַר;
ווען דער עולם ליעגט שוין אויס'עט
ווערט עס אַ געפאַהר:
געהט נאָר דורך אָט דיעזע געסלאָך
ווען אַ יונגער מאַן,
טראָגען איהם די בייזע וואַנצען
גלייך אַוועק אַפּ־טאַון.
אויפ'ן פייער־עסקייפּ פערשלאָפען
אויף די בעטגעוואַנד
זיצסטו ליעבסטע אויסגעטהון און
גענעצט נאָכאַנאַנד.
דיינע גאָלד'נע לאָקען גליסטשען
אין לבנה'ס שיין.
מאַך שוין צו די שעהנע אויגען,
שלאָף שוין, שלאָף שוין איין.
איצטער איז שוין צייט צו שלאָפען
שלאָף געזונדערהייט,
זעהסטו ווי ביים טהיר פון שענקעל
דער פּאָליסמאַן שטעהט.
און ער קעהרט אַריין דריי גלעזלאָך
און בעקומט אויף רוה;
זעהסטו ווי די אויגען זיינע
מאַכען זיך שוין צו.
שלאָף מען נעהמט שוין צו די באַרט
דעק זיך איין ניט קאַרג,
דען פערשאָטען קענסטו ווערען
גלייך ווי מיסט אַ באַרג.
איי דער עלעוויטאַר לויפט דאַ
מיט אַ הוזשעריי,
זאָל דיך נאָר ניט אַרען שלאָף שוי
זיי געזונד, גוד־באַי!

Aug. 4, 1911



# ליטעראַטור און וואסער

# אַ מיסט-אשה (מיסטישע) טראַגעדי




אך ליעבע פערל! מיין אוצר! מיין זיסער חלום! וואו איז זי, מיין פערל, מ

דער קיבעצער: — וואס דען מיינסטו גרינהארן, מיסט לאזט מען שטעהן א גאנצע וואך אין די בארעלס, אוצר היילען זיי זיך אונטער ארייצוכאפען אין בארעל און קאטיי! —

## דער סילינג.

א מעשה'לע.

טשיפע איז געוועו א יונגע מויד, בלוט און מילך. שכל האט זי געהאט ווייניג, דאס אבער איז ניט געוועו איהר שולד. זי איז אויפ׳געצויגען געווארען אין א דארף.

טאטע־מאמע זיינען פריה אוועקגעשטארבען איז זי געבליעבען אליין — א יונגע יתומה. האט זיך אויף איהר דערבארעמט איהר'ס א פעטער. רב מאיר, א דיין פון א נאהנטען שטעדטעל. א יונגער אלמן, האט ער זי גענומען צו זיך. האט איהם דער עולם פון שטעדטעל געלויבט און געבענשט.

א יאהר און צוויי און דריי זיינען פערגאנגען, און אלץ וואס די שטאדט האט געוואוסט פון רב מאיר'ן איז געוועו, אז טשיפע פיהרט די גאנצע בעל־הבית'אישקייט אין שטוב און רב מאיר זיצט יום ולילה און לערענט.

רם מאיר אליין אבער האט א סך געוואוסט.. זיין געוויסען האט איהם געפלאגט. אין הארצען אבער איז ער צופריעדען געוועו וואס טשיפע איז ניט קיין גרויסע חכמה. מען האט איהר אנגעזאגט אז זי זאל שווייגען — שווייגט זי...

ער האט שוין אפילו ביי זיך פעסט בעשלאסען, אז ער טאר מיט טשיפע'ן מעהר ניט קומען אין מגע ומשא. קוים אבער האט ער זי דערזעהן, האט דער יצר־הרע זיינער, ארונטערגעשטופט זיין האנד אונטער איהרע ארעמס. און טשיפע וויעדער איז געוועו א קיצעלדיגע, פלעגט זי צוזאמען ציהען די אקסלען און לאכען. און קוים נור רב מאיר האט דערהערט איהר נארישען געלעכטער, דעם דאזיגען קכי־קכי... פלעגט ער שטארק צוכי"שנ ווערען, און אויסערדעם איז דאך א רב אויך ניט מעהר ווי א בשר־ודם...

איינמאל איז געשעהן אן אונגליק ביי רב מאיר'ן אין הויז.

אין מיט'ן א פינסטערער נאכט האט זיך פלוצלונג דערהערט א שווערער קראך. דער סופיט פון קיך איז אראב געפאלען און פונקט אויף טשיפעס בעט ארויף.

גליק איז דער פריה איז רב מאיר אוועק צו א מוליאר. אין דער זעלבער צייט אבער איז אנגעקומען די קאמיסיע פון מאגיסטראט, (ווי אזוי זיי האבען זיך דערוואוסט דערפון, איז נאך ביז היינט א סוד), אזוי ווי אבער זיי האבען רב מאיר'ן ניט געטראפען אין דער היים, האבען זיי גענומען טשיפע'ן אויפ'ן פערהער:

„ווי אזוי? און ווען? איז דאס אונגליק געשעהן?" האט געפרעגט דער פאליציי־אינטפעקטאר.

„וואס הייסט ווי אזוי?" האט טשיפע געענטפערט: „אין מיטען דער נאכט, האב איך דערהערט א קראך, און שוין איז געלעגען דער גאנצער סופיט אויף מיין ה

„און דיר איז גאר קיין א דאביי?" האט דער פאליציי טער געפרעגט.

„מיר", האט טשיפע ענטפערט: „ווי אזוי מיר רב מאיר'ן נעבאך, האט ער איבערגעבראכען...

## ביי־טאג א שקלאף, ביי־נאכט א גראף.

(מאנאלאג פון א שניפעשאקער לאַטוטניק, אריבערגעפעקעלט פון יענער זייט ים).

פון ש. ר. עמיל.

מיך רופט מען טרייטעל־געצע<br>מיין ווייבעל, יאכצע־כינע.<br>פון לאטען אלטע בגדים<br>מיר ציהען די חיונה.

א גאנצען טאג מיר שוויצען.<br>מיר האלטען רק אין לאטען.<br>נאר ווען עס קומט דער אבענד<br>דאן ווערען מיר מאגנאטען.

מיר לעגען אוים זיך פריצעש<br>אויף קישעלאך אפולע<br>און אונזערע געזיכטער,<br>ווי לייכטען אזש פון גדולה.

„הער אוים נאר טרייטעל־געצע",<br>רופט פרעהליך אוים מיין כינע.<br>„גענוג שוין זיין אונז שניידערס!<br>גענוג שוין ביים מאשינע!

דער טייוועל כאפט די מלאכה,<br>צו הארעווען ווי שקלאפען,<br>איך וועל דיר בעסער ראטהען<br>מיר זאלען ווערען גראפען.

פערגעס אז ס'איז געוועזען<br>א טרייטעל מיט א כינע.<br>דו זיין וועסט גראף פאטאצקי<br>און איך — מאדאם גראפינע".

2.

מיין כינע רעדט און בלאזט זיך<br>גאר אויף א גראפסקען אופן,<br>א העט מיט קליידער נייע<br>— הייסט זי — איך זאל איהר קויפען.

און גאלד־רינג און בריליאנטען<br>מיט טהייערע אנטיקען<br>איך זאל פיר איהר פערגרייטען<br>איהר הערצלע ערקוויקען.

אויף בעלער און קאנצערטען<br>זי בעט, איך זאל זי פיהרען<br>זי זאגט: איך בין א גרעפין!<br>איך מוז זיך אמוזירען.

אויף דאטשעס וויל זי פאהרען,<br>זיך קיהלען פון די היצען,<br>אין שניפישאקער בלאטעס<br>דארט ווילט זיך איהר ניט זיצען.

עס גלוסט זיך איהר נאך אויסלאנד<br>צו רייזען זעהער גערען,<br>און זיין אין מאנטא־קארלא<br>מיט אלע מיליאנערען.

איך גיב איהר נאך אויף אלעס.<br>מיר שלאפען איין ווי גראפען.<br>און ס'דוכט זיך אוים מיר טאקע,<br>אז כ'שווים מיט איהר פון האפען...

3.

נור פלוצלונג.. גוואלד.. אוי שרעקליך..<br>די שטוב, זי קעהרט זיך איבער.<br>מיין גרעפין שפרינגט פון בעטעל,<br>עס ווארפט איהר ווי אין פיעבער.

זי ברעכט די הענד ביי<br>און שרייט: די ווייזע<br>מיר האבען היינט פע<br>שטעה אויף מיין מאן.

איך הויב זי אן צו בע<br>„מיין טהייערע גרעפי<br>נאר ס'העלפט קיין ק<br>זי שרייט: „צו דער מ

זי הויבט מיך אויף פו<br>און זאגט: נעהם נעה<br>אנשטאט א גראפסקען<br>בעקום איך א פאאר ק

מיר ווערען וויעדער ש<br>אוים גראף און אוים<br>זי נעהמט זיך צו די ל<br>און איך — צו דער מ

א סך יונגע מענער<br>א כלה ביז זיי שטארב<br>ווייב.

סובסקרייבט דעם „קיבעצער" — דער בעסטער מיטעל צום פערדייהען איז אַ געשמאַקער געלעכטער אין „קיבעצער".

Sept. 1, 1911



# שעהנע ליטעראטור

מ. ל. האלפערן.

## זאל איך זינגען? זאל איך וויינען?

.1

זאל איך זינגען? זאל איך וויינען? קראנק ליעג איך אויף מיין געלעגער
און איך שפיעל זיך מיט מיין הארצען. הארץ איז װאלד, און איך בין יעגער,
און דאס פויגעלע הייסט „ליעבע". ליעג איך קראנק עס ארט ניט קיינעם
ד'אכט זיך מיר, אז אלע מענשען ליעגען קראנק מיט מיר אינאיינעם...
גאט אין הימעל ליעגט א קראנקער אויף זיין טהראן־שטול... װעלט און לעבען
ציטערן אין זיינע ארעמס... און ביי זיינע פיס, דאנעבען
וויינען שטארבענדע מלאכים... פאלט אויף מיר א בייזע מורא...
נאך א רגע — און פערלאזען וועט די קראפט דעם אלטען בורא..
נאך א רגע, נאך א רגע, לאזט ער װעלט און לעבען פאלען...
וויינען שטארבענדע מלאכים... וויינען אלע נאכטיגאלען...
לייבען רעווען... קלאגען קינדער... זקנים... קלוגע און נאראנים...
איינער נור, דער בייזער טייוועל — מיט אן אויסגעשלאפען פנים
זיצט ער, רוהיג, ביי דעם בעטעל פון מיין שלאפענדער געליעבטער —
און מיט זיינע קרומע פינגער גלעט ער איהרע בלאנדע לאקען...

.2

גלעט דער טייוועל דיינע לאקען, קושט ער דיר די לאקען דיינע,
ווער איך זיינע קושען קלינגען... באדען זיך די ליידען מיינע,
אין דעם ים פון יענער רגע, ווען צום ערשטען מאל —מיין לעבען —
האב איך דיר אויף דיינע — מיינע — לאקען־האר א קוש געגעבען...
ליעבסטע מיינע. ערשטע קושען זיינען קערנדלעך פון בלומען —
ריינע קערענדלעך פון קליינע ליבעס־בלומען, װעלכע קומען
מיט דער צוקונפט פון דער ליעבע... איצטער װעלען מיינע ריינע
קערנדלעך פערוואנדעלט ווערען אין טייוואלים שווארצע... קליינע...
אך, דו בייזע, ווי איך ליעב דיך... גאנצע נעכט קען איך ניט שלאפען...
ווי דו מאטערסט מיך און פלאגסט מיך... זאל דיך גאט דאפאר ניט שטראפען

ש. ר. עמיל.

## אין שטעדטעלע שניפעשאק...

אין שטערטעלע שניפישאק הערשט א מהומ
עס רודערט עס קעהרט זיך א וועלט
דער רב און דער דיין מיט אלע כלי־קודש
זיי האבען אין סטרייק זיך געשמעלט.

זיי ווילען אז קהל זאל געבען הוספות
צו קליין איז פאר זיי דאס געהאלט
און ס'וויעגט זיך די שטעדטיל, די גאנצע
ט'פערלארען איהר רוהיג געשטאלט

אין שוהל טהוט זיך חושך; קיין חזן קיין שב
דער שבת־גוי סטרייקט דארטען אויך
עס קריגט זיך דער עולם און רייסט זיך די נע
פון פעטש הויבט אן געהן אזש א רויך

ביים רב ליעגט א בארג מיט פערשיעדענע כלי
פון מילכיגס און פליישיגס געפארט
דאס האט מען געבראכט אויף זיי שאלות צו
דער רב אבער ענטפערט קיין ווארט

אין הויפעל ביים שוחט דארט ליגען בערג עופ
פערווארפען א היהן אויף א האהן
נור אבער דער שוחט ער שארפט ניט זיין חלף
און וויל זיי דאס רעכט גאר ניט טהון.

פון בר־מינן'ס ווערט אויך פערפלייצט דער ביו
און ס'קלייבען זיך ווערים א סך
נור חברה קדישה זי גראבט ניט קברים
זי טהוט ניט איהר הייליגע זאך

חתנים און כלות מען זיצט ווי אויף נאדלען
מען ווארט פון דער חופה די שעה
נור ס'וויל דער ראבינער קיין צעטלען ניט גע
קיין מסדר קידושין ניטא

אין קינפעט עס ליעגען פיעל אידישע טעכטע
און ברייגגען נור זכרים פאר־איינס
דער מוהל וויל אבער ניט געהן צו קיין ברית
„חי גילדען" ער וויל פון א קליינס.

די יונגענקע ווייבעלעך זארגען זיך נעביך
עס הענגט אויף דער מקוה א שלאס
דאס קענען די מענער שוין גאר ניט פערטראג
ביי יעדערען וואקסט דער פערדראס.

און ס'האט זיך פערזאמעלט דאס גאנצענע שט
איין פעסטען בעשלוס זיך געשטעלט
מען זאל די כלי קודש ניט נאכגעבען גאר ניט
אפילו ווען ס'קעהרט זיך די וועלט

דעם שלום פון דער מעשה — דערצעהלט די ל
א נאכט... און, אין הימעל האט גאט
די חוצפה פון קהל דערהערט און דאס קרעבצ
פון זיינע כלי־קודש איז שטארט.

דאן האט ער געשיקט די משהיתים די שטורעמ
און גלייך אין דער אייגענער נאכט
האט ער פון דעם שניפישאק נעבאך אין גאנצ
איין גרויסענע חורבה געמאכט...

## גראמען־שמערץ.

פון מעפיסטא.

פון די צרות פון מיין געבען
בין איך קראנק און מיעד,
האב איך זיך געוואלט פערגיפטען
נור ס'געפעלט מיר ניט.

פרואוו איך ווערען גאר א דיכטער —
גלייכער אלץ ווי סם, —
אבער שטענדיג װעל כ'וויל זינגען
פעהלט מיר אויס א גראם.

לויף איך ברוגז אין די גאסען,
כ'קען אין שטוב ניט זיין,
כ'זעה שפאציערען יונגע פארלעך,
איך נור געה אליין.

ערגעץ לאכט א יונגע מיידעל
אויף א פרעמדער שויס, —
אך, וואס טהוט מען?! אך. וואו לויפט
מען?!
כ'האלט עס מעהר ניטאויס!

אבער זעהט א מיידעל שמייכעלט,
מיינט זי ווירקליך מיך?

— — — — — — — — —

אך, מיין ליעדעל בלייבט אין מיטען
כ'פעהלט מיר אויס א גראם! . . .

## עפיגראמען.

פון אברהמ'ל

.1

דאס איז שוין א כלל פון פערצייטען,
אז ווייבער די מאדע אפט בייטען . . .
נור היינט איז א מאדע ביי לייטען:
די ווייבער אליין אפט צו בייטען. .

.2

אמהות, ווי רחל און לאה
אליין דעם מאן האבען געגעבען
פלגשים, אום זיי זאלען קינדער
דורך זיי פון דעם מאן כאטש דער־
לעבען. ..
און היינט ווען א מאן וויל א טרחה
זיין פלונית'טע עפטער פערשפארען
און נעהמען זיך זעלבסט א פלגש, —
בערקירצט איהם דאס ווייב זיינען
יאהרען.

## מאדא לא־עיראפליינא.



אזוי וועלען זיך פרויען קליידען אין דער
צוקונפטיגער לופט־באלון־וועלט.

Sept. 8, 1911



# שעהנע ליטעראַטור

## דער נייער אויטאמאביל.

פון אברהמ'יל.

היט אייך, קינדער, מאַכט א וועג
אויף יעדען טראָטואַר,
ס'פליהט א מאָטאָר — א שרעק,
א ריעזען־עקזעמפּלאַר!

הויכע לייט פערשטויסט ער ווייט
און לויפט זיך ווייטער גיך,
אבער „קורצע פּריוואַטס“־לייט
פערדעקט ער אונטער זיך...

דער מאָטאָר פערשטעלט זאָגאַר
זיין איינציג „פּאַסאַזשיר“
מיט'ן גאַנצען טראָטואַר
ביי'ם טעגליכען שפּאַציער...

דער מאָטאָר, אויב איהר האָט א פרוי,
בעקאַנט איז אייך דאָן גוט...
דען גרויס, ווי ער, איז דאָך גענוי
דער... דאַמען־ווינטער־הוט...

## די אָקשען (אויקציאָן).

איין אַנאַרכיסט קיין רעכט האָט
דעם לענדלאָרד ניט געצאָהלט,
פערקויפען דאָס געריכט האָט
די זאַכען איהם געוואָלט...

עס פרעגט דער קאָמיסאַר איהם:
„זאָגט, מיסטער, וואָס איהר האָט?“—
„צעהן באָמבעס אויפ'ן בוידים!“
איהם ענטפערט דער באַנקראָט...

## קינאת סופרים.

א שרייבער (לעווענדיג אין צייטונג אז „קוק“ האט שוין ווידער ארויסגעגעבען א בוך וועגען זיין ענטדעקונג פון נארד־פּאל): אך! א זשעני זאל מען זיין! ערשט ניט לאנג האט ער געשריעבען, אז ער האט ניט ענטדעקט דעם נארד־פּאל האט ער בעקומען 4000 דאלאר, איצט שרייבט ער, אז ער האט ענטדעקט — איז נאכאמאל 4000 דאלאר, און אפשר מעהר?... און איך? איי, איי, איי! א מיוּנעניכטס בין איך! א שלעמועל, שוין זייט דריי יאָהר געה איך ארום אהן א דזשאב, און גאר־נישט האב איך נאך אנגעשריעבען וועגען נארד־פּאל, אבער חלוטין גארנישט...



## מיין אומגליק.

פון מרדכי דאַנצים.

א זאַכטע זומערדיגע נאַכט איז דאַן געווען
ווען אה, מיין אומגליק איז געשעהן
ס'האָט דער טייפעל בייז און ווילד געלאַכט
אין יענער זאַכטער זומערדיגער נאַכט.

און שטיל האָט זי מיט פייער, דאַן
געמורמעלט: יא? דו ווערסט מיין מאַן?
און באַלד זיך שווייגענד־טרוימעריש פערקלעהרט
און איך אה, עזעל, אָקס און פערד! —

געזאגט האב יא... געקוסט איהר מויל, איהר האלז, אין
אין יענער נאַכט אויף טהוי בעשפּריצטען זומער־גראָז
איהר פרעגט די ענד? אה, טראַגיש־אָסיענדיגע ענד!
אין וויעגעל איינס, און חוץ דעם צוויי אויףביידע הע[נד]

## דאַנקבאַרקייט.

דער וואָס גיט מיר ברויט צום לעבען,
און א בעטיל איבער־נאַכט, —
יענעם ליעב איך, יענעם בענש איך:
„זאָלסט פון שלעכטעס זיין בעוואַכט“....

דאָך די מיידעל וועלכע עפּענט
פריי איהר ווייכען הארץ פאַר מיר; —
איהר צוברעך איך אהן רחמנות,
און איך ווייך נאָך פון איהר ...יהיר..

מרדכי שעוועל[ע]

העל־פּען.

## [ד]י באַלאַדע פון דער זאַפּקע

געווידמעט מיין פריינד איזידאָר ווהייט.

[ש]טעהט א הויז פון דרייסיג „חדר'ס“, בעטלאך פיער אין יעדען חדר.
[א] סאַלאָן צום געסט עמפּפאַנגען. מיט א שאַפּקעלע אויף קליידער.
[א]ין דער מיט א טיש מיט בענקלאך, און ביים שפּיגעל אויף די זייטען
[צ]וויי וואַזאַנקעס ווי צוויי וועכטער ביי א טראָהן־שטוהל פון פאַר־צייטען...
[ו]נקט אנטקעגען שטעהט א זאַפּקע מיט א לעדער־שטאָף א שוואַרצען
[א]יבערצויגען. אך, די זאַפּקע! טרויריג ווערט מיר אויפ'ן הארצען
[ווע]ן איך טראַכט פון יענער זאַפּקע.... אלטעס וועה נעהמט ווידער קוועלען
[ווע]ן איך טראַכט פון יענער זאַפּקע... הערט מיך אויס. איך וויל דערצעהלען:

[ג]ינגלאַן־גלינגלאַן־גלינגלאַן־גלינגלאַן. קוים איהר וועט דעם קנאָפּ בעריהרען
[א]ין דעם הויז־גלאָק, וועט מען פריינדליך עפּענען פאַר אייך די טירען...
[ז]עהט איהר אנגעטהון אין הויזען איז נאָך בעסער. ווייל נאר קליידלאך
[ה]ענגען דאָרטען אין דער שאַפּקע. ס'איז דאָס הויז א „היים“ פאַר מיידלעך.
[דע]ר בעל־בית איז „הירש“ דער טויטער. יא, א לעבעדיגער טאַטע
[...]איז דער הירש, דער לאַנג־שוין־טויטער פאַר די ארמע, נע־ונד'ע
[...]אר א וואָך מיט עסען שלאָפען 3 דאָליאַרעס. דאָס אין גאַנצען.
[...]בענר, שפּיעלט א דייטשקע פּיאַנאָ, לערנען זיך די מיידלעך טאַנצען...
[ד]ער מאַמע איז די דייטשקע, ז'האָט אמאָל געהייסען „מירעל“
[א]יצט „מאַריא„. שוין ניט יונג מעהר. דאָך איהר קליינעס הארצענסטירעל
[...]אַרט נאָך אימער אויף א חתן... אין א לייב א פעטען, שעהנעם
[...]טעקט די דייטשקע. רעד זי, קלינגט עס ווי סאָפּראַן מיט באַס אין איינעם;...

„אך, הערר „לעאָן“, וואָס זי רעדען?... יודיש, וואָס איזט פיר איין דינג [...]
„האַנע רעזעלע געגענדעל“ אך, ווי מיזעראַבעל קלינגט דאָס.
יודיש, מיזעראַבלע שפּראַכע. סקאַנדאַלעזע זינג־זאַנג־טענער
פליי און ערעלע קאַבצאָנים שפּרעכען יודיש. דייטש איזט שעהנער“.
רעד די דייטשקע גיב איך צו, ווייל ז'איז אמאָל געווען א שעהנע...
איצטער שפּראָצען ווי די קוויטלאך אין א גאָרטען, ווארצלען קליינע
אויף איהר רויזען־רויטען פּנים. ווארצלען קליינע. קליינע בלומען —
איך זאל זיין מיט צעהן יאָהר אינגער וואלט איך זי נאָך איצט גענומ[ען]
און פון הארצען זי געשאָנקען צו דעם טייוועל פאַר א כלה...
ליעב און הארציג איז די דייטשקע. ליעבט זי איהרע מיידלעך אלע.
מעהר ווי אלע ליעבט זי איינע — יאָ, א יונגעס בלאָנדעס מיידעל
פון דער „ליטע“ פּראָסט און איינפאַך. טראָגט א בלוזקע מיט א קליידעל.
אייג'נע האָר און גלאַט־פּערקעמטע. אויגען בלויע. ניט קיין שעהנע
אבער ליעבע. קורץ דאָס נעזעל, פּלאַטשיג. ליפּלאך רויטע, קליינע
עטוואָס ברייטלאך איז דער פּנים, בעקלאַך, אבער — שעהן ווי בלומען.
יא א שעהנע, ניט קיין שעהנע, כ'האָב זי אויכעט ליעב בעקומען — —
אין דעם גאַסט־צימער אין ווינקעל אויף דער זאַפּקע, וועלט־פערגעסען
זייג' מיר ביידע אלע אבענד בייאייננאַנדער שטיל געזעסען
צוואַנציג מאָל אומזיסט געזעסען, אימער העלער לאָמפּען־שימער...
אימער זיצען געסט און מיידלאַך רונד־ארום דאָס טישעל, אימער....
איך מיין ליעבסטע אויף דער זאַפּקע — ווי א קעלבעל מיט א גולם
זיצ' מיר נעבאך און מיר קוקען אויף דעם אונגעווינשטען עולם...
טייוועל,־גאָט־און־דאָנערוועטער! אך, ווי האָט עס מיך פערדראָסען
זיין אזן שוויינ און פלאַץ און רויכער די פערפלוכטע פּאַפּיראָסען — — —
איינמאָל אבער — גאָט זיי דאַנקען — קיינער איז ניטאָ אין צימער
זיין מיר ביידע אויף דער זאַפּקע. איך, מיין ליעבסטע. פּינקט ווי אימער
זיין מיר ביידע... מיט א שמייכעל גלעט איך איהר דאָס בלאָנדע קעפּעל
מיט א שמייכעל האלט מיין ליעבסטע מיך ביים רעקעל ביי א קנעפּעל...

